STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05267

ARUM ZIKH

Chaim Krol

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיים קרול

אַרום זיך

ראָמאַן, לידער, עסייען

ווילנע — 1930

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

Chaim Krul — Arum zich

Drukarnia „Wydawnictwo Wileńskie" B. Kleckina, Wilno

פון מיין טאַטנס שטוב

ראָמאַן

פון מיין טאַטנס שטוב

א

אָנגעהויבן האָט זיך עס דורך אַ ביכל: כ׳האָב איר געבאָרגט דאָס ערשטע ביכל, „קלאַראַ מיליטש״ טורגעניעווס. כ׳געדענק עס, ווי היינט: איך האָב געאַרבעט חינטערן וועבשטול, און אַ ביכל אויף דער זייט פון שטול, וואָס איך האָב געלעזן ביי דער אַרבעט. פלוצלינג באַווייזט זיך אין טיר חיה-שרה—איך ווער מבולבל: נאָך אַזוי פיל יאָרן, ווו מיר האָבן געוווינט פון קינדווייז אויף, אין איין גאַס, האָב איך זי ס׳ערשטע מאָל דערבליקט.

טרערן קומען מיר אין די אויגן אַריין, ווען איך דער מאָן זיך: איך דערבליק מיין באַשערטע, מיין כלה, מיט וועמען איך האָב אין אַ לבנה-נאַכט געוועבט ס׳טוך פון דער צוקונפט— מיין אַלץ פון מיין לעבן. וועמען איך האָב אָנגעטרויט דעם אינגעווייד פון לייב. ווי אַ פערל-שניר, האָב איך פון מיין לייב דעם אינגעווייד אַרויסגעריסן און דערמיט איר נאַקעטן גוף אַרומגעוויקלט. אין אירע צעפּ, וואָס האָבן געבאָמבלט אויף איר נאַקן, ווי לולבים, האָב איך דאָס גאָלד פון מיין איין-און-צוואַנציק-יעריקער עלטער איינגעפלאָכטן. אין אירע ברוסט-נעפּעלעך, וואָס האָבן זיך ביי איר געפּיקט, ווי פּיטומס פון שמעקנדיקע קאָרפירער, האָב איך געלאָזט איינזאַפּן דאָס יונגע בלוט פון מיינע ליפּן און דעם צאַרטן זייד פון מיינע שפּיצן

פינגער. און אירע פיס, וואָס מען זעט נאָר אין הייסן חלום פון איין-און-צוואָנציק-יעריקן עלטער, נאָך פון אַ ריינער יוגנט, האָב איך איינגעשמידט אין קישן-קייטן פון מיינע ליפּן, וואָס כ׳האָב זיי, נאַקעטע, דערפרוירענע פון אַ פראָסט, צום בלוטיקן הייסן לייב פון מיין ברוסט געפּרעסט און מיט מיינע ליפּן דערוואַרעמט. און אירע אויגן, וואָס האָבן זיך געטיפט, ווי קלאָרע קוואַלן, פון אַ זיידענעם זאַמד-גרונט, האָב איך דעם לעצטן נערוו פון זייער זע-קראַפט מיט מיינע ליפּן אין זיך אַריינגעזויגן. און איר קינדעריש מיילעכל, וואָס האָט געטריפט מיט זאַפט, ווי אַ שפּאַלט פון אַ גרויסע, רויטע קאַרש, האָב איך, פאַרשיכורט, ווי פון אַ גאָלדן בעכערל געטרונקען. און אירע ציין, וועלכע איך האָב זיי פאַרגליכן צו שפּיציקע רייז, האָב איך אָפּט געפילט זייער קילן גליִ אין די יונגע קנאָספּן פון מיינע ברוסט-וואָרצלען. און איר לייב, וואָס האָט זיך געוועלבט, ווי אַ בויגן, האָב איך אַרומגעוויקלט אַרום מיין פּנים און זיך אין אים איינגעגראָבן, ווי אַ מוילוואורף אין דער ערד. פון וואָס נישט בין איך אַנציקט געווען: פון אירע ברעמען, וואָס האָבן געשוועבט, ווי ברוינע סאַמעט-פליגעלעך פון שמעטערלינגען, האָב איך מיט מיינע ליפּן גלייכגעקעמט. פון איר נאָז, וואָס מען זעט נאָר ביי ווענוס.

ב

חיי-שרה — די לעב-טעג פון שרהן, חיי-חיים — די לעב-טעג פון חיימען. כ׳האָב אים פאַרביבלישט אויף מיין נאָמען, וואָרן פיר יאָר דורכאַנאַנד האָט דאָס מיידל, חייה-שרה, נישט געהערט איר נאָמען פון מיינע ליפּן אַרויסרעדן, נאָר געהיים, ווי אַ קמיע, האָב איך אים געטראָגן און ווי אַ ברכה האָב איך אים געשעפּטשעט. כ׳פלעג זיך איינקאָרטשען, ווי אַ שלאַנג, פאַר גדולה, און דעם נאָמען חייה-שרה מיטן גרעסטן כּוח אין דער שטיל אַרויסזאָגן. כ׳פלעג נעמען אַ צייטונג און יעדעס וואָרט פאַר חייה-שרהן לעזן. יעדעס ביימעלע פלעג איך אַ נאָמען געבן מיט חייה-שרהס נאָמען. יעדעס טייכל פלעג איך אַ נאָמען געבן

חייה-שרה. כ׳פלעג די זילבן פון איר נאָמען פונאַנדערטיילן און זיי אויסזעצן אין די רעגנבויגן-שאַרפן, און זיי פלעגן מיר אַראָפּשיינען פון הימל — נאָך אַ שלאַקסרעגן און פאַר אַ שלאַקס-רעגן. אויף יעדן קלאָרן וואָלקנדל פלעג איך דעם נאָמען אָנהענ-גען, ווי האַמסון אין זיין „הונגער", וואָס האָט דעם וווּנדער-לעכן נאָמען פון מיידל ליילאַלי אויפגעשריבן מיט קליינע אותיותלעך אויפן באַלקן פון זיין שטיבל, האָב איך דעם נאָ-מען חייה-שרה אויסגעקריצט אויפן קליינעם נאָגל פון מיין קליי-נעם פינגער פון מיין לינקער האַנט און אים אין געהיים געטראָגן.

ג

אונזער ערשטער שמועס איז פאָרגעקומען ביים וועב-שטול, וווּ איך האָב געאַרבעט — אַזוי האָב איך מיט חייה-שרהן נאָך קיינמאָל נישט גערעדט. עס קומט מיר אויס, אַז חייה-שרה האָט אַ ווילן צום לעזן. נאָך ווער איך געוווירן, אַז חייה-שרה האָט שוין אַביסל געלעזן, נאָר דאָס, וואָס זי האָט געלעזן, האָט נישט קיין ווערט; אַ חוץ אַפּאָר ראָמאַנען און צייטונגען האָט זי כמעט גאָרנישט געלייענט. איך זע דאָס מיידל ציטערט ביי אונזער אָפּגעהאַקטן שמועס. איך לויף אַפּער פון הינטערן שטול אין דער צווייטער שטוב אַריין — מיר האָבן געוווינט אין צוויי שטובן — און איך דערלאַנג איר, אַחוץ „קלאַראַ מיליטש", אַ פּאַק זשורנאַלן און ווייז איר, אגב, אָן, וועלכס זי זאָל לעזן, און מיר געזעגענען זיך און באַשטימען אַן אָוונט אויף דער קומענדיקער וואָך, ווען מיר וועלן זיך אַדורכשמועסן וועגן דעם, וואָס זי וועט לעזן.

ד

נאָך איר אַוועקגעם איך וועגן און מעסטן יעדן רעד אירן. איבערהויפּט איז מיר געפעלן איר קאָפּ האָר, וואָס איז געווען פאַרקעמט אויפן שטייגער, ווי איך האָב מיר פאָרגע-שטעלט — פון דער פרומער מאַנאַ-ליזאַ, און אירע פינגער, וואָס

זענען געווען ווי ביי רחלען, קאַרין מיכֿאַעליסעס, דין און לאַנג, צו קענען אַריבערבייגן, ווי ביי רחלען, אויף דער צווייטער זייט. און איר פּנימל, וואָס איז עגלעך צו באָטיטשעלעס אַ גראַציע פון זיין „פרילינג-טאַנץ" — און ווי איך האָב איר געשילדערט אין דער הקדמה פון מיין „אינדערלייטערונג". אין טיולן האָט זי אויסגעקוקט, ווי זי וואָלט ערשט אַרויס פון אַ קוואַל. און פאַר וועמען איז זי געשטאַנען? — פאַר מיר! דער, וואָס מעסט און וועגט יעדע פרויען-תּנועה. דאָס דינסטע ליכֿט, וואָס דער טאָג שיקט אויף אַ פרויען-ברעם, און דעם פיינסטן שאָטן, וואָס די נאַכֿט שיקט אין אַ פרויען-אויג. פאַר מיר איז זי געשטאַנען! פאַר מיר איז זי געשטאַנען! לאַ-לאַ-לאַ!

ה

ס'טרעט איין אַ פּאָסט צווישן אונז — מיין קלענער שוועסטערל, פייגעלע, ווערט די פּאָסטטרעגערין. איך דערהאַלט אַ בריוול, כ'זאָל איר שיקן די זשורנאַלן, וואָס זי האָט פאַרגעסן מיטצונעמען און איבערגעלאָזט. פאַרשטייט זיך, איך האָב זיי באַלד איבערגעשיקט.

איצט הייבט זיך אָן: איר ערשט בריוול — איך הייב עס אָן צו באַטאַפּן און ערשט צו באַקוקן: איך נעם מעסטן דאָס כּתב און צובאַצירקלען יעדן אות. איך פאַל אויף אַ נייער המצאה: איך נעם נאָכֿשרייבן, אַקוראַט, ווי זי שרייבט, אַזאַ שפּיציק געשריפטס, פּונקט, ווי אירע ציין. און ווייטער נעם איך אַרויסציען די נשמה פונעם בריוול, איך וויל וויסן, וואָס עס געפינט זיך אונטער די אותיות. איך פאַרטיף זיך אין די נערוועזע צוקן פונעם כּתב, וואָס האָבן אויסגעקוקט, ווי שלענגלען. און צום סוף פרעס איך עס, ס'בריוול, צו מיינע ליפּן און באַהאַלט עס צווישן די בריוו פון מיין מאַמען.

ו

מיין עלטערע שוועסטער, צירעלע, ברענגט מיר אַ גרוס

פון חייה-שרהן. זי האָט מיט איר גערעדט און חייה-שרה גע־דענקט יעדעס וואָרט, וואָס איך האָב צו איר געזאָגט. און זי שלינגט יעדעס וואָרט אין „קלאַראַ מיליטש". און זי וועט דאָ זיין ביי מיר מיטוואָך, ווי מיר האָבן אָפּגעשמועסט, ניין אַ־זייגער אין אָוונט. און מיין שוועסטער, אַ צנועהדיק מיידל, פרייט זיך. און איך פריי זיך. און מיין שוועסטער נעמט צו־גרייטן אויף מיטוואָך פרישן טיי מיט אייגענע געבאַקענע אייערקיכלעך. אוי, ס'וועט זיין אַ יום-טוב—מיין מאַמע איז אין דעם זעלבן יאָר געשטאָרבן און מיר זענען געווען אין טרויער, און פרייד האָבן מיר ווייניק געהאַט. און מיין טאַטע, וואָס טרויערט נאָך אונזער מאַמען, זיין אסתר-פריידל, נישט ווייני־קער ווי מיר, קינדער, זאָגט, אַז חייה־שרה איז אַ מלכות, אַ שיין געשטאַלט. און ער האָט זי ליב, ווי אַן אייגן קינד.

ז

איך נעם זיך גרייטן אויפן מיטוואָך, איך פּעץ מיינע נעגל, ווי ביי אַ מיידל, איך וואַש מיינע ציין. און ביי אונז אין שטוב גייט אָן אַ פלייסיקע אַרבעט: מיינע שוועסטערלעך שטויבן־אָפּ די צוויי לאַנדשאַפטן, וואָס הענגען אויף דער וואַנט, איבער די בעטן, פּוצן אָפּ די בעטן-ווענטלעך און די בעטן־פיסלעך. וואַשן איבער די פּאָדלאָגע. אַלץ לכּבוד חייה־שרהן. און נאָך אַלעם נעם איך קלערן, וואָס פאַר אַ בוך איך זאָל איר געבן צום צווייטן מאָל, נאָך „קלאַראַ מיליטש", און איך באַשטים ביי זיך כ'וועל איר געבן „רחל", קארין מיכאַעלע־סעס. און איך נעם צו הילף אין טרוים און פאַרגלייך חייה־שרהן צו דער ווונדערלעכער רחלען. איך צי איין פּאַדים צווישן רחלען, די לאָטאָסדיקע, ביז חייה-שרהן, די בלומיקע. און איך באַשטים ביי זיך: אויב רחל איז אַ ליליע, איז חייה־שרה אַ רויז און איך בינד זיי צוזאַמען מיט דעם ווונדערלעכן באַנד: שוועסטער, — און איינע פון די שוועסטערן וועל איך האָבן.

ח

מיטוואָך. איך איַיל זיך מיט מיין אַרבעט. איך מאַך פייעראָוונט. איך וואַש זיך אַרום פון נאָך דער אַרבעט און טו זיך אָן אַ פריש־געוואַשן אייבערהעמד מיט אַ ניי־געקויפטן קאָלנער. איך מאַך זיך גרייט צו עמפּאַנגען מיין דולצינעע. און איך גרייט אָן אויפן טיש קאַרין מיכאַעלעסעס „רחל״.

אַ מחיה איצט צו זיין אין שטוב. אַ קילקייט ווייעט פון דער פריש־געוואַשענער פּאָדלאָגע. לעבעדיק קוקן אַראָפּ די יע־גער־לאַנדשאַפטן פון ביידע זייטן בעטן־ווענט. עס שפּיגלען די פּאָנירער־טירן פון דער הויכער קליידער־שאַנק, אויבנאָן, אין מיטן שטוב. און די שטולן אַרום דעם טיש בלאַנקען. און פּאַרשפּרייט איבערן טיש ליגט פונאַנדערגעוואָרפן אַ ווייס טישטעך. און אויפן טיש שטייט דער אַכטער נאַפט־לאָמפּ, טיף אַריינגעצויגן דעם פלאַם אין ברענער אַריין, און איז גרייט אַרויפ־צודרייען דעם פלאַם, ווען חיה־שרה וועט קומען. אַלץ בליקט מיט דערוואַרטונג, אַלץ דערוואַרט חיה־שרהן.

ט

ס׳וועט אָוונט. מיין פאָטער גייט אין דער חברה דאַוונען מנחה־מעריב. און מיינע שוועסטערלעך פּוצן זיך אויס לכבוד חיה־שרהן און אויך דערפאַר, וואָס עס איז געקומען דער שיינער, קילער אָוונט פון רו. מיין שוועסטער, צירעלע, האָט געאַרבעט הינטערן שטול, ווי איך, ווי מיין טאַטע, און מיין קליין שוועסטערל, פייטשעלע, האָט געפירט ס׳ווירטשאַפט. איך זעץ זיך צום טיש מיט מיינע שוועסטערלעך. עס קומט אין שטוב אַריין גוטשע, מיינס אַ קרובה, אַ געוועזענע שילע־רין פון אַ פוילישער (טיילוויז יידישער) שול, און וואָס מיר האָבן זיך געשדכנט. און מיין קילקייט צו איר האָט גענומען ווערן בולט, ווען איך האָב חיה־שרהן דערזען — זי קומט אין שטוב אַריין, אַ צניעותדיקע, מיט אַ טיטעלע שאָקאָלאַד און מיר באַ־גריסן זיך. מיינע שוועסטערן נעמען צו טעוועלעך שאָקאָלאַד,

פון מיין קוזינעס טיטעלע. איך האַלט זיך אָפּ פון פאַרזוכן און מיין קוזינע נעמט פאַרשן „וועמען דערוואַרט מען היינט?", און מיין שוועסטער, צירעלע, זאָגט: „מיר דערוואַרטן אַ מיידל, חיה-שרה". „יאָ, דאָס מיידל חיה־שרה קען איך"—באַמערקט זי קאַלטלעך—„זי איז אַן אויסגעפּוצטע קאָקעטקע". מיר בלייבן שטיל. איך פאַרטיף מיך אין דער טאָג־צייטונג. דערווייל נעמט ווערן טונקל אינדרויסן און—חיה-שרה דערשיינט אויף דער שוועל פון דער טיר, מיט אַ דיקן צאָפּ פאַרוואָרפן אויף דער פּלייצע אַראָפּ — מיין רחל האָט זיך באַוויזן אויף מיין שוועל אין אַ לאַנג, שמאָל, באָרדע קליידל, מיט לאַנגע אַרבל און מיטן בוך „קלאַרא מיליטש" אונטערן אָרעם. איך צי טיף אַריין דעם אָטעם אין זיך, פונעם הויכן פּולס-דריק, וואָס יאָגט האַסטיק ס׳בלוט צו מיין האַרץ. מיר באַגריסן זיך און שטעלן איר פאָר פאַר מיין קוזינע. איך באַמערק, חיה-שרה פייפט מיט די נאָזלעכער. חיה־שרה זעצט זיך אויף דער אָנגעגרייטער שטול. ס׳נעמט אייניקע מינוט ביז מיר באַרויקן זיך און מיר נעמען שמועסן.

*

מיר האָבן געשמועסט פון ניין ביזקל עלף, צוויי שעה. און מיר וואָלטן נאָך לענגער געשמועסט, ווען עס קומט נישט אַריין מיין פאָטער פון דער חברה, וואָס באַגריסט זיך פאָטער־לעך מיט די מיידלעך, און נעמט אַרויס פון דעם כאַלאַטל-טאַש אַ שטיק לעקעך און דערלאַנגט עס די מיידלעך: ס׳איז היינט אין חברה געווען אַ סיום—דער רב האָט מיט דער חברה פאַרענדיקט אַ יום תהילים, האָבן זיך יידן געפרייט און געטרונקען לחיים און פאַרביסן מיט לעקעך. און אַזוי ווי ער ווייסט, אַז אינדערהיים זיצן אייגענע קינדער, האָט ער איבערגעלאָזט לע־קעך פאַר זיי און ער בעט מיר זאָלן ווייטער רעדן, ער וויל אויך הערן אַ וואָרט, וואָס „די חכמי־הנכרים זאָגן". נאָר מיר פילן זיך נישט באַקוועם. מיר אַלע אינאיינעם שעמען זיך. און איך נעם דערציילן דעם טאַטן, אַז מיר האָבן גערעדט פון

טורגעניעוו — אַ רוס און פון זיינס אַ בוך „קלאַראַ מיליטש“. און וואָס ער האָט אָפּגעטון אין זיין לעבן פאַר אַן „עזר“: זיין גאַנץ לעבן האָט ער געליטן פאַר אַ מיידל און מיט איר נישט חתונה געהאַט. מיין טאַטע וווּנדערט זיך, נאָר באַלד כאַפּט ער זיך צוריק: „ביי גוים איז אַלץ מעגלעך, אפילו נישט חתונה האָבן אויך“.

יא

נאָר מיר יידן האָבן אַ בפירושן חק: בן שמונה־עשרה לחופה. איי, מיין חיים איז שוין אַלט איין־און־צוואַנציק יאָר און האָט נאָך נישט גענומען קיין ווייב, איז אין דעם שולדיק זיין כשרע מאַמע, עליה השלום, וואָס איז געלעגן ניין יאָר צו בעט. נאָר מיט השם־יתברך'ס הילף וועט ער זיין אַ ייד און גיין אין זיינע דרכים. און ער בעט מיין שוועסטער, צירלען, זי זאָל אַרויפשטעלן אויפן טיש די פלאַש ווישניאַק און מיר זאָלן טרינקען צו ביסלעך. מיין שוועסטער פאָלגט מיין פאָטער: מיר טרינקען צו ביסלעך. ווישניאַק און פאַרבייסן מיט דעם חברה־לעקעך. ס'נעמט דערוויל ווערן שפּעט, ביי צוועלף, די מיידלעך נעמען זיך געזעגענען מיט מיין פאָטער, און איך מיט מיין שוועסטער צירעלע נעמען אַרויס אַ שטיקל וועגס די מיידלעך באַגלייטן. מיר עטעמען איינדרויסן זיך אָן מיט לופט און חייה־שרה דערלאַנגט מיר האַלב נישט־דרייסטלעך די האַנט — זיי האָבן געוווינט אין צווייטן הויז פון אונזער שטוב — און מיר געזעגענען זיך און איך נעם אַ שטיקל ווייטער וועגס, צו באַגלייטן גוטשען.

יב

ביינאַכט, אויפן געלעגער, האָב איך געקלערט פון חייה־שרהן, ווי זי האָט אויפגענומען „קלאַראַ מיליטש“. אירע ענט־פערס זענען פאַר מיר געווען אַן ערבות, אַז זי וועט לערנען. ס'האָט מיך געוווּנדערט, ווי טיף זי האָט באַגריפן „קלאַראַ מי־ליטשן“. ווי פיין — אין דינקייט — זי האָט אויפגענומען די פאַר־

פייניקסטע קלאַרעז. ס׳געשען ניסים בײַ אונז: אַט געפינען זיך באַגאַבטע מיידלעך, מען כוז זיי ווייסן ווי בריסצווזוכן. און איינע, אַזאַנע פון פאָלק, האָב איך געפונען — איז זי נאָך נישט געשטיגן צו דער מדרגה פון דער קינסטלערין קלאַרע מיליטש — וועל איך זען, אַז זי זאָל עס ווערן. איך וועל מיט איר לערנען, איך וועל מיט איר לעזן. אָבער, וואָס קלער איך בילדן איר—ווי גוט איך פיל מיך יעצט בעת איך קלער פון איר, ווי קוועקזילבער-פליסקייט אין רערל, טאַנצט יעצט דאָס בלוט אין מיינע אָדערן. איך פיל ס׳לייב קוועלט אויף מיר, די הויט גליט, ס׳האַרץ ציטערט און דער לאַנג-געגאַרטער חלום — אַ מיידל פון פראָסטן פאָלקבלוט.

יג

דערווייל, אונטער דער וואָך פאַסירט, דאָס מיר אַלע אַרבעטן מיט חשק הינטער די שטילן: דאָס גאַנצע הויז שוועבט פון געזאַנג, וואָס די וועבער-געזעלן געבן פון זיך אַרויס. ס׳איז זומער — אינעם רייפסטן וואַרעם פון האַלבן יאָר און די אַרבעט ברענט אונטער די הענט. די טירן פונעם גאַנצן הויז שטייען אָפן און דאָס געזינגעריי טראָגט זיך פון איין שטוב אין דער צווייטער. פלוצלינג באַווייזט זיך, פאַרביי שוועבן ווי אַ ווינט, פאַרביי אונזער אָפענער טיר, אַ ברוין-טונקעלער קאָפּ— חייה-שרהס שלאַנקייט טראָגט זיך פאַרביי אונזער שטוב, אין אונזער הויף אַריין. איך ציטער אויף פונעם האַסטיקן געפיל: חייה־שרה אין אונזער הויף. נאָר באַלד הער איך אַ דערשראָקן געשריי—חייה-שרהס פאַרשטיקטע שטים: „מענטשן, ס׳ברענט!" איך לויף אַפער פון הינטערן שטול אויפן הויף אַרויף — אין הויז באַגעגן איך די בלייכע חייה-שרה, מיר באַגריסן זיך נישט און איך דערבליק ווי די אָפּיצינע פון חייה־שרהס מאַמע ברענט. באַלד איז דאָס גאַנצע הויז אויף די פיס. מיר ברעכן אַדורך ס׳פּלויטל, וואָס טיילט אָפּ אונזער הויף פון דעם הויף, פון חייה-שרהס מאַמען, און מיר נעמען פלומפּן וואַסער און לעשן דאָס פייער. ביים לעשן מיט וויאַדרעס וואַסער באַגעגן איך שוין

אַ שמייכלדיקע חיה־שרה. מיר וואַרפֿן זיך אַדורך מיט אַ וואָרט און איך פֿלומפּ, טראָג וואַסער פֿאַרן פֿייער. ביים איינלעשן דאָס פֿייער כאַפּ איך זיך צוריק אַריין אין שטוב, מיט אַ פֿור־לער ברוסט, אַ טאַנצנדיקער: איך האָב געזען חיה־שרהן, איך האָב געזען חיה-שרהן.

יד

פֿאַרנאַכט האָבן יידן פֿון דער חברה, וואָס זי געפֿינט זיך אין הויז פֿון חיה-שרהס מאַמע, באַטראַכט די פֿאַרבראַנטע וואַנט מיט ר׳ חיימל בראש — דער צווייטער מאַן פֿון חיה־שרהס מאַמע, חיה־שרהס פֿעטער, וואָס האָט זיך שטאַרק גע־רימט, אַז דאָס האָט ער דאָס פֿייער איינגעלאָשן. איך נאָך דער אַרבעט כאַפּ זיך אַרויס אויפֿן הויף — יעצט זענען די הייף, דער הויף פֿון חיה־שרהס מאַמע און אונזערער, איין הויף — געבן אַ בליק אויף דער פֿאַרשרפֿהטער וואַנט און איך באַגעגן חיה־שרהן. אונז פֿאַרפֿעלט אָטעם, מיר דערשרעקן זיך. מיר ווייסן נישט פֿון וואָס אָנצוהייבן. מיין טאַטע און ר׳ חיימל געגעגנען צו אונז. ר׳ חיימל, וואָס האַלט אין איין רעדן, נעמט רעדן נאָך העכער: „חיים, דיר קומט אַ מעדאַל. האָסט געהאָלפֿן איינלעשן דאָס פֿייער״. און אינאיינוועגס, פֿרעגט ער מיך שוין, „וואָס שרייבן די צייטונגען און וואָס טענהט מען אין קייסער פֿראַנץ־יאָזעפֿס מלוכה וועגן דער בגידה קעגן זייער פּרינץ״. נאָר דאָ נעמט מיין טאַטע אַרויס אַ צייטונג פֿון טאַש און די יידן שטעלן זיך שוין אַרום מיין טאַטן. חיה־שרה קומט דערוויילן צו מיר צו, עטוואָס שוין באַרויקט, און זאָגט, זי לעזט שוין „רחלען״, און זי לעזט אים אין איין אָטעם, און זי דאַנקט מיר פֿאַר דעם בוך.—נאָר זי מוז שוין אַנטלויפֿן, זי איילט זיך, זי לעזט דעם בוך. אַ גוטע נאַכט. זי אַנטלויפֿט פֿון מיר, נישט דערלאַנגנדיק די האַנט.

טו

מיט זונען־טיכער האָב איך מיינע זעגלען אָנגעצויגן און

זיך געלאָזט מיט מיין שיף אויפן ים. איך שאַף דאָס ערשטע ליד פאַר חייה-שרהן. דאָס איז אַ ליד, ווי כ'דערזע זי, און גראָד פאַלן מיינע בליקן אויף אירע שמאָלע הענט און וויטער פיל איך, ווי טויבן-פליגלען—אירע הענט — טוליען מיין דערשראָקע-נעם בליק. דאָס ליד האָב איך געלעזן פאַר מיין שוועסטער, צירעלען. ווען מיין מאַמע האָט געלעבט האָב איך פאַר מיין מאַמען יעדע שורה געלעזן, וואָס איך האָב אָנגעשריבן — היינט איז צירעלע מיין מאַמע און איך לעז פאַר איר יעדע שורה—און דאָס ליד האָט ביי איר דערוועקט אַ טיפע פרייד און זי האָט מיך באַגריסט מיט מיין רחל, יעקבס ליבסטע.— מיין טייערע שוועסטער צירעלע, איך, ווי יעקב, האָב געדינט צוויי מאָל זיבן יאָר פאַר מיין ליבע.

טז

מאַכט זיך אונטער דער וואָך אַזאַ זאַך: עס באַווייזט זיך אומגערעכט ביי אונז אין שטוב חייה-שרהס מאַמע און זי נעמט פלוצלינג, פון העלער הויט ברומען חייה-שרהן. איך בין כלומרשט פאַרטיפט אין דער אַרבעט און איך מאַך זיך אויף איר נישט קוקן. ווי כ'וואָלט גאָרנישט געהערט וואָס זי רעדט, נעם איך פלייסיק אַרבעטן און זי האַלט אין איין רעדן. און רעדן רעדט זי צו מיין טאַטן און מיין טאַטע ענטפערט איר מיט ליבשאַפט, אַביסל פאַרשעמט, וואָס זי רימט אַזוי חייה-שרהן. און ער ווענדט איבער דעם שמועס אויף אַן אַנדער אופן. און מיין פאָטער נעמט זיך פרעגן וועגן פייער, „צי זי, די וואַנט, איז געוועזן פאַרסטראַכירט". און זי נעמט שיטן: „איר חייה-שרה זאָל אַזוי מיט מזל ווערן אַ כלה, ווי ס'האָט איר גע-חלומט, אַז ס'וועט זיין אַ פייער. און איר יחיאל-מאיר האָט זיך געמיט און געבעטן פאַר איר—מען האָט אַ גוטן גאָט". און מיין שוועסטער צירעלע נעמט זי פרעגן, וואָס חייה-שרה טוט איצט. און זי נעמט ענטפערן מיין שוועסטער: „וואָס זאָל זי טון? זי לעזט, נאָר זי לעזט. אַ מיידל—אַ שטילע טויב". און מיין קליין שוועסטערל, פייטשעלע, טראָגט איר אונטער אַ האַנט קערשן

און בעט זי זי זאָל פאַרזוכן. און אַזוי פאַרברענגנדיק אַ שפּאַ־רע ווייל, געזעגנט זי זיך מיט מיין טאַטן און שוועסטערלעך און וואַרפט מיר צו אַ גוטן טאָג און אַנטלויפט פון אונזער שטוב.

יז

איך דערהאַלט אַ בריוול: זעקס פאַרנאַכט, נאָך דער אַר־בעט, זאָל איך קומען, אויב איך וויל, נאָך ראַדיגאָשטש. דאָ און דאָ אין אַ סעדל אַריין, ווו זיי, חייה־שרה מיט איר עלטערער שוועסטער, וועלן דאָרט זיין. דאָס בריוול דערהאַלט איך אין מיטן טאָג. איך נעם יאָגן מיטן ציל פון מיין אַרבעט, כ'זאָל קענען פרי אויפהערן. די אַרבעט וויגט זיך אונטער די הענט. דער בוים סחורה וואַקסט און איך טאַנץ כמעט אויף די טרע־טער—איך וועל זען חייה־שרהן. גאָר שנעל האַלט איך שוין ביי נאָך פינף און נעם זיך גרייט מאַכן צום גיין. אַלץ פלאַמט אונטער מיין האַנט. פונעם שטיקל זייף ביזן שניפּסל—אַלץ גליט אונטער מיינע פינגער. און איך עס שוין נישט קיין נאַכט־עסן, און איך לאָז זיך, אַ זינגענדיקער, נאָך ראַדיגאָשטש. דער גאַנג נאָך ראַדיגאָשטש נעמט נישט לאַנג — אין פינף מינוט בין איך אונטער דער שטאָט, ווו איך נעם גיין צווישן ביימער און גראָז. איך גיי?—איך שפּרינג. איך האָפּס—איך וועל באַלד זען חייה־שרהן. אינדעם פאַנגט אָן אַ ווינט, אַ וואָלקן־געיאָגעריי הייבט זיך אָן אויפן הימל. און אויף דער ערד — אַ וויכער. איך שטעל שפּרייזן אינעם ווינט, אינעם וויכער צום סעדל. פונווייטנס, פון צווישן שוועבנדיקע ביימער דערזע איך חייה־שרהן, ווי זי וואָלט אַליין געווען אַ בוים, פלאַטערן אירע האָר אין ווינט. יאָ, זי איז די כישופדיקע לאָטאָס—רחלס אַ שוועסטער. און זי לויפט מיר אַקעגן, מיט ווינט און גליק. איך שטיל איין מיין אָטעם, וואָס יאָגט ביי מיר—מיר געבן זיך די הענט. און זי ווייזט מיר איר שוועסטער מיט זייער ברכהלען —איר שוועסטערקינד—און מיר באַגריסן זיך. און זי נעמט מיך שלעפּן ביי די הענט, באַקוקן ס'סעדל. מיר באַוואונדערן יעדן בוים

באַרנעס, יעדעסביימל קערשן, יעדעס גרעזעלע, יעדעס קשאַקל, וואָס טאַנצט און לויפט אינעם ווינט. נאָך אַזאַ שפּאַציר זעצן מיר זיך — איך שוועסטער מיט ברכהלען אינדערמיט — עסן ברויט מיט פּוטער און קעז, און פֿאַרטרונקען מיט פרישע מילך פון דער קו.

יח

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָב איך געטראַכט פון דעם וווּנדערדיקן קינד, וואָס טראָגט דעם נאָמען חיה-שרה. זי האָט מיך פֿאַרפישופט מיט אירע ניקן און סיגעס. איר פּנים, וואָס האָט וויברירט, ווי אַ פידל-סטרונע אין דער האַנט פון אַ קינסטלער מיט דעם שאָטן פונעם פאַרנאַכט, האָט מיך פֿאַרוווּנ-דערט. איך בין געבליבן שטיל קעגן איר אָפענער התפעלות, וואָס זי האָט גענומען פון דעם אַרומיקן. די בלאָלעכע אָדער-לעך פון אירע שמאָלע הענט האָבן געציטערט פון טיפן געפיל, וואָס זי האָט איבערגעלעבט. און מיר האָבן געגעסן, אינעם אַרו-מיקן ווינט, ווי קינדער, ערשט פון דער מאַמעס לאָסקעס אַוועק. און נאָך איז מיר געפעלן איר ווייס, לאַנג קלייד פון גלייכן, געטן שניט — אָן באַפּוצונגען, פּשוט און גלאַט, וואָס האָט גע-וויזן די קאַנטן פון איר גוף, וועלכע האָבן געוואָלט אַרויס-שפּרינגען פונעם קלייד. און אין ווינט האָט זי אויסגעקוקט ווי אַ מימאָזע, וואָס גייט אויף אין דער זון. און אירע אויגן זענען געוועזן לויטער און פייכט, ווי טרערן קרישטאָל אויף דער מי-מאָזע. בכלל האָט זי אויסגעזען, ווי אַ לויטערער סנאָפּ פון אַ וואַסער-פאַל. און נאָך שטייפער האָט זי מיך איינגעקלאַמערט אין די רינגען פון ליבע.

יט

ס'טרעט איין אַ ליבשאַפט צווישן מיר און ס'קינד ברכהלע: איך מוז עס יעדן טאָג זעען און טראָגן אויף מיינע הענט. איך קעם עס גלייך די הערעלעך, באַריר עס די בעקעלעך, נעם עס אָן ביים געמבעלע און שמיצער דערצו, און ס'קינד שמייכלט און האָט הנאה פון מיינע איינפאַלן. מיין שוועסטערל

פייגעלע באַזאָרגט מיר יעדן טאָג ס׳קינד. זי לאָפּט עס אַרויס פון חיה־שרהס הענט און ברענגט עס מיר צו טראָגן. פאַלט מיר איין, הייס איך מיין שוועסטערל האַלטן ס׳קינד און איך טאַנץ דערפאַר אַ טאַנץ, און מיר דאַכט זיך, איך טאַנץ פאַר חיה־שרהן. איך האָב דאָס חיה־שרהן פאַר מיר שטיין און איך גיס דאָס פאַר איר אויס מיין יונג האַרץ. און חיה־שרה קוקט דאָס אויף מיר און זי פאַרשטייט מיין טאַנצן, מיין שמי-צערן מיט די ליפן. דאָס באַריר איך איר באַק, חיה-שרהס, איר גאָמבע, חיה-שרהס — און דאָס מאַך איך זיך קינדעריש פאַר איר, מיין אויסדערוויילטע, דאָס אַנטפלעק איך זיך פאַר איר. מיין גלאַנציקער טרוים, וואָס גליט אין מיר פון העלן ליכט ביז אַ פלאַם. און איך בעט גאָט מיט מיינע פיס, וואָס טאַנצן. מיט מיינע ליפן, וואָס שמיצערן. מיט מיינע הענט, וואָס באַרירן די בעקעלעך פון חיה־שרהס פלימעניצע. גאָט, דערהער מיין רוף: איך וויל זיין גליקלעך.

כ

מיר האָבן אַ גאַסט, ר׳ חיימל, אויף טיי. ר׳ חיימל און מיין טאַטע זענען פון איין שטאָט. ידידים, גוטע חברים פון יינגלווייז אויף. ביידע דורכגעמאַכט די זעלבע תקופות, פון בחורווייז נישט געהאַט צו עסן און זיך געפּלאָגט ביי דער צרה-דיקער מלאכה—וועבעריי. דאָך האָט ר׳ חיימל געהאַט געלט, פשוט דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַ ייד אַ קמצן. און ווען זיין ערשט ווייב איז געשטאָרבן, און אַ סברא זי איז געשטאָרבן פון הונגער, האָט ער פאַרמאָגט גאַנצע טויזנט קערבלעך. און ווען ער האָט חתונה געהאַט מיט חיה-שרהס מאַמע, האָט ער באַקומען איין אַקט פון פינף הונדערט קערבלעך אויפן הויז אַרויפגעשטעלט. און אַזוי־אַרום איז ר׳ חיימל אַריינגעקומען אין אונזער גאַס, און ר׳ חיימל פלעגט זיין אַן אָפטער איינ־גייער ביי אונז. און ער פלעגט שטענדיק דערציילן שיינע מעשיות פון זייער שטאָט — פון מיין טאַטנס און זיינע — נאָר היינט דערציילט ר׳ חיימל נישט קיין מעשיות, היינט

רעדט ער פון חיה־שרהן. און רעדן רעדט ער, אַז חיה־שרה איז אַ ליכטיקע באַלעבאָסטע. קען צערעוועז, העקלען און נייען. און ווער פירט ס'געשעפט אינדערהיים? — אַלץ חיה־שרה. וואָרים די מוטער אירע ווייסט דען פון עפּעס? ווען נישט חיה־שרה, וואָלט זי שיין אויסגעזען. און ווער פירט די רעכענונגען? אַלץ חיה־שרה. און ער טרינקט צו ביסלעך טיי און בייסט צו שטיקעלעך צוקער — ר' וזיימל טרינקט נישט אָנגעצוקערט. און אַז ס'קומט שוין יאָ צו רייד, רעדט ער, אַז אַ צווייט ווייב איז ראַזעווע ברויט קעגן אַן ערשט ווייב, וואָס איז געבייטלט ברויט. און וואָס איז אויך אמת: חיה־שרה באַהאַנדלט אים נישט ווי ס'געהער צו זיין — דאָך נישט קיין אייגן בלוט און פלייש, מעג זי זיין ווי גוט, בלייבט זי דאָך אַ פרעמדע. האָט ער איין אויג אין קאָפּ, טאַקע מיט חיה־שרהס מאַמע געהאַט, איז זי געראָטן אין איר מוטער: שלעכט און נישט געטריי. אוי, זיין ערשט ווייב, נחמה, וואָס פאַר אַ גאָלדן האַרץ האָט זי געהאַט און מען קען זי נישט פאַרגלייכן צו זיין איצטיק ווייב, די געלע גיטל. און ווידער־אַרום, וואָס רעדט ער לשון־הרע, און ער זאָגט אַ גוטע נאַכט און גייט אַהיים שלאָפן.

כא

מיין ברודער, דודל, וואָס גייט אַהיים, מיטנאַ פייפן צום טאַקט פון זיין גאַנג, אַלע מאָל צוועלף ביינאַ ט פון זיין מיידל — נעמט זיך וווּנדערן, וואָס ער באַגעגנט מיך לעצטנס, אַלעמאָל אין דער נאַכט, אין דער זעלבער שעה, פאַר דער הויז־טיר שטיין. און ער פרעגט מיך, ווּעמען קוק איך אויס? און איך פאַרשעם זיך און זאָג אים: אויף דער נאַכט, וואָס איז באַפּאַלן מיט מיליאָסן שטערן די וועלט. און איך שלינג טיף אַראָפּ דעם ליגנט, וואָס איך האָב געזאָגט. דאָס קוק איך אויס די אויגן אויף אַ שאָטן פון חיה־שרהן — ניין, אויף אַ פּיצעלע פון איר סילועט. און טיילמאָל בין איך גליקלעך: זי גייט אַרויס צומאַכן די לעדן פון די פענצטער, ווי איך כאַפּ זיך אַריין פלינק אין הויז אַריין און איך קוק דורך דער צו־

געמאַכט מיר, וואָס איך האָלט אָפּן אויף אַ שפּאַרע. אין דער מינוט, וואָס איך דערבליק זי, גיט זי מיר כּוח אויף אַ צווייטע נאַכט צו וואַרטן און אויסצוקוקן די אויגן פאַר אַרי־שאָטן.

כב

סוף־כּל־סוף זע איך חיה־שרהן פון דער נאָענט ביי אונ־זער טיש זיצן מיט מיר און שמועסן. מיר רעדן פון רחלען, און איר, חייה־שרהן, איז געפעלן די שטעלן, בעת רחל איז אויף דער רייזע אין עגיפּטן. אַ גרויסע באַגייסטערונג רופט אַרויס אין איר, חייה־שרהס, פאַנטאַזיע, דאָס אָרט ווו רחל פאַרט באַקוקן די קברים פון די פּרעהס. און פאָרנדיק אַזוי אין דעם ווייסזאַמדיקן מדבר ווערט זי באַפאַלן פון איר איי־גענעם קעמל־פירער, דעם טרוקן־הויטיקן אַראַבער, ווען ער איז איר מאַנס. און אַלס נקמה צו אים, צו איר קעמל־טרייבער, שטעלט זי אים אַריין אין רעכטן אויג די האָר־שפּילקע פון וועלכער ער ווערט געטיים. נאָך באַגייסטערונג האָט ביי חייה־שרהן אַרויסגערופן דער פאַל, וואָס מיט יאָרן שפּעטער, ווען זי איז שוין ביי וואַן־גראָטן, פאָרט זי אויסגראָבן דעם סקע־לעט פון דעם קעמל־טרייבער, דעם געטייטן אַראַבער. און באַ־זונדער איז זי, חייה־שרה, געווען אַנטציקט פון רחלס עקזאָ־טישן גאָרטן, ווו זי פירט אַ ראָמאַן אין איין צייט מיט פיר ליבסטע — און טאַקע ביי דער „מומיע", ווי רחל רופט זי, פון געטויטן אַראַבער. און רחל האָט אויף איר געפיל געהאַט אַ געוואַלדיקעווירקונג. און פאַרשיכּורט פון די אַראָמאַטן פון רחלס גאָרטן גייט זי אַרום.

כג

אַ שטיקל יום־טוב האָבן מיר היינט — אַן התחלת־הספר. ר' חיימל — ווייל ער האָט קיין זון נישט — נעמט שרייבן בשותפות מיט זיין איצטיקן ווייב אַ ספר־תורה. און איך בין איינגע־לאַדן מיט מיין טאַטן אַריינצוקומען שרייבן אַן אות. און עס

נעמט שוין אַ שעה אויפן זייגער, ווי איך טו זיך אָן. און אָנ-
טון טו איך אָן מיין געהאַקט טוכן יופעצל, מיט דעם זיידע-
נעם אונטערשלאַק. און ביי דער בינדע בינדן שטיי איך אַפּ
אפשר אַ שעה. מיר דאַכט זיך אַלץ, איך מאַך נישט גוט דעם
קניפּ — אָדער ווי ר' מענדל וואָל-סוחר רופט עס, „דאָס
יעזוסל". צום סוף בין איך פאַרטיק און איך גיי מיט
מיין טאַטן אין דער חברה אַריין. איך גיי מיט האַרץ-קלאַפּע-
ניש: חיה-שרהן וועל איך באַגעגענען. קומענדיק אין דער
חברה, טרעפן מיר אינעם העכסטן ברען פון דער שמחה.
און צווישן עולם גייט אַ געשושקעריי: כילקעס זון. ס'נעמט
אַ ווײַלע באַרויקן זיך און איך דערבליק, אָן עין-הרע, אַפּולע
חברה יידן און פרויען און מיידלעך שטייען אין די
אָפענע פענצטער. און נאָך דערבליק איך, אַז די טיר פון חיה-
שרהס שטוב שטייט אָפן אין דער חברה אַריין. און איך דער-
זע, אין די ביישטידלעך, חיה-שרהן מיט מיינע שוועסטערלעך
און איר מוטער שטייען. דערווייל האָט מיין טאַטע געשריבן
אָן אות און איך דערהער, ווי אַ עלעקטרישער שטראָם, בערל
גבאיס קול: „חתן-בחור חיים-ברוך בן ישראל-יחיאל הלוי
מכבד מיט אָן אות". און מיט ציטעריקע פיס גיי איך צום
שולחן און מיט אַ ציטריקער האַנט שרייב איך אויף אין דער
פרשה מיין אות—ח. און טרינק לחיים צו דער עדה. און
דערלאַנג אַ לחיים-בליק צו חיה-שרהן און מיינע שוועסטער-
לעך און כ'כאַפּ זיך אַהיים מיט אַ באַרוישטער ברוסט, איבער-
לאָזנדיק מיין טאַטן.

כד

שוין איניקע טעג ווי מיר גייען אַרום אָן קאָפּ.
דער שאָס, וואָס איז געגעבן געוואָרן אין סאַראַיעווע פון
אַ סערבישן קינד אויף אַן עסטרייכישן פרינץ, האָט אין
אונזער לאַנד אַרויסגערופן אַ מהומה, מחמת דער קייסער פון
אונזער מדינה האָט געהאַלטן מיטן צד פון סערביען. פון דעם
האָט זיך גענומען, וואָס אין אַפּאָר טעג אַרום האָט זיך די

אַרבעט אָפּגעשטעלט. נאָר אַ שטיקל גליק האָבן מיר געהאַט, וואָס מיר האָבן געהאַט מזומן, דריי הונדערט רובל און מיר האָבן געקענט אין דעם כאַפּעניש איינקויפן אַביסל עסן. איך, וואָס אמת, האָב זיך געפרייט — כ׳האָב נאָך נישט געוווּסט די גרויזאַמקייט פון אַ מלחמה. הגם איך האָב שוין געהאַט געלייענט גאַרשינס „דערציילונגען פון דער טערקישער מלחמה” און „סעוואַסטאָפּאָל” פון טאָלסטאָי, און אַליין דורכגעמאַכט האָב איך זי נאָך נישט געהאַט—זי, די שווידערלעכע מלחמה, מיט אירע שרעקן און נויטן. און דערווייל איז ר׳ חיימל געוואָרן אַ נאָענטער איינגייער צו אונז, צו הערן, וואָס עס שרייבן די צייטונגען. און גאַנצע טעג זיך געשפּאַרט מיט מיין טאַטן. און ר׳ בערל שוסטער, אַ ייד אַ פּקח, אַ שכן צו אונז, האָט געפירט ס׳רעדל פאַר דער טיר, מיט די יידן פונעם געסל: למשל, דער רוס זאָל שוין אַנטלויפן, וועט דאָך אים דער דייטש נאָכלויפן, און רוסלאַנד איז דאָך גרויס, אַ זעקסט חלק פון דער ערד, וועט ער אים, דעם דייטש, אַריינגאַרן, ווי אַ קאַץ אין אַ זאַק. און דערווייל האָב איך געהאַט צייט אויסברייטערן מיין טרוים וועגן חיה-שרהן.

כה

דערווייל גיי איך אָן מיט מיינע טרוימערייען וועגן חיה-שרהן. איך פאַרוועב זיך אַרום אין אַ נעץ פון חלומות מיט חיה-שרהן אינאיינעם. איך שאַף פאַר איר אַ ריי לידער פון יוגנטלעכער אומשולדיקייט און פון הייסן געפיל, איך שעפּ פון אַ לויטערן ברונען מיט עמערס פון פרישן האָלץ. און שעפּן שעפּ איך מיט ברען, אמונה און ביטחון, וואָרים איך גלויב, אַז חיה-שרה הערט מיינע געבעטן, וואָס איך פליסטער אין די לאַנגע נעכט פון מיין נישט קענען אַנטשלאָפן ווערן. אין דרימונגען איז פאַרזונקען מיין גוף. ער זינגט אין שטילן פיין פון דער העכסטער אויפלעזונג. איך שרייב אויף מיין געזאַנג צו חיה-שרהן, אָבער אין מיין בלוט בלייבט עס פילפאַכיק. ווי אַ טומאַן איז דאָס געזאַנג, וואָס צעשפּרייט זיך אין מיר

און הילט מיך איין פון די זיילן ביז צום שייטל, אין אַ כאָר: איך זינג דאָס געזאַנג פון טיפער שירה—פון שיר-השירים.

כו

אונטער דער צייט פּאַסירט, דאָס דייטשלאַנד זאָגט אָן קריג רוסלאַנד. און אין פּוילן, די שוועל פונעם גרויסן רוסלאַנד, קו- מען פּאָר געשעענישן. ווי אין חורבן ירושלים: די רייכע מטרוניתא שיקט קויפן זעמל-מעל, ביז דער קנעכט לויפט קריגן עס איז שוין נישטאָ קיין זעמל-מעל. שיקט זי נאָך ווייצן- מעל, ביז דער קנעכט איילט אַהין איז שוין נישטאָ קיין ווייצן-מעל. שיקט זי נאָך קאָרן-מעל, ביז וואָס איז שוין קיין קאָרן-מעל אויך נישטאָ. שיקט זי נאָך קלייען, ביז ווען געפינט זיך שוין קיין קלייען אויך נישט—אַזוי איז געווען אין אונזע- רע טעג: דאָ פאַרקויפט מען גראָפּן, ביז מען קומט אַהין שוין נישטאָ קיין גראָפּן. דאָ פאַרקויפט מען בעבלעך, ביז מען לויפט אַהין שוין נישטאָ קיין בעבלעך. דאָ פאַרקויפט מען האָלץ, ביז מען איילט אַהין שוין נישטאָ קיין האָלץ. ווען די שכנים פונעם געסל שמועסן, אַז ביי דער געלער גיטל לייגט מען אָפּ פולע קאַמערן מיט גוטס: פון האָלץ, פון נאַפּט ביזקל זעק ווייצן- מעל, זעק זאַלץ. און זאָל מען זיך נאָר צוקוקן, ווי די געלע גיטל ברענגט פולע שערצן ברויט, פולע שערצן ליכט. און שכנים קוקן מיט קנאהדיקע אויגן צום הויז, וואָס שיינט מיט נייע שאַלעוואָקעס אינמיטן געסל.

כז

ביני-לביני האָט מען גענומען אויסהאַקן דעם וואַלד אַרום לאָדזש, און דער עולם, אַ ווילדער, איז געלאָפן נאָך האָלץ. לויפט מיין ברודער דודל אויך נאָך אַ ביימל, אַ שטיקל האָלץ. און דאָרט, אין וואַלד, טוט זיך אָפּ חושך: גויים מיט העק אין די הענט טרייבן דעם עולם אַוועק פון די אָפּגעהאַקטע קלאָפּ- טערס האָלץ. און די מאַסע, אַ הפקרדיקע, כאַפּט. און זי, די מאַסע, צעשפּרייט זיך אין אַלע ווינקעלעך פונעם וואַלד און נעמט אַליין

האַקן ביימער. און באַלד זעט מען גאַנצע קאַראַוואַנען ציען מיט ביימער אויף די אַקסלען. און מיין ברודער דודל צווישן המון שלעפּט אַ האַלבן בוים. שוין אַ שטאָלצער קומט ער אַהיים מיטן בוים, וואָס הילכט אָפּ אין הויף, ווען ער וואַרפט אים אַראָפּ פונעם אָרעם. און מיין פאָטער קוקט שטאָלץ אויף זיין זון. און מיר נעמען אַ זעג און צעזעגן אים אויף קלעצלעך און דערנאָך צעהאַקן מיר אים אויף שייטלעך. און אַביסל האָלץ האָבן מיר זיך אָנגעגרייט, האָבן מיר אַ שפּאָר ביסל שפּענער.

כח

אין דער מהומה טוט חיה־שרה ס׳איריקע: זי לעזט און לעזן לעזט זי היינט „די רויז און די נאַכטיגאַל" און „דער גליקלעכער פּרינץ" פון אָסקאַר ווײַלד. און היינט ברויכט זי דאָ ביי אונז צו זיין. און מיינע שוועסטערלעך אַ ־לן מיטן צורוימען די שטוב: לייגן אַוועק ס׳אָנגעהאַקטע האָלץ אין דער וועבער־שטוב אַריין, די זעקעלעך גרויפּן אויף דער שאַנק אַרויף און ס׳איינגעקויפטע ברויט אויף די זיץ־בענק פון די וועבשטולן, און מאַכן פלייסיק ס׳נאַכטעסן. דער טאַטע קוקט דערווייל, ביז די קינדער וועלן אָפּזייען די נייע קאַרטאָפלעלעך, אין מדרש תנחומא אַריין. איך לעז די אָוונט־ביילאַגע פון דער צייטונג. מיין ברודער דודל איז נאָכמיטאָג אַוועק צו זיין מיידל. ביז מיר עסן אָפּ הערן מיר אַ קלאַפּ אין טיר און מיר בעטן אַריין — חיה־שרה באַווייזט זיך, מיטן אָוונטגאָלד פון פולן זומער דורכגענומען. מיר צערוקן זיך און בעטן חיה־שרהן זעצן. חיה־שרה זעצט זיך. מיינע שוועסטערלעך שטעלן אַרויף אויפן טיש פרוכטן. און מיין טאַטע פרעגט חיה־שרהן, וואָס זי טענהט צו דעם, וואָס די דייטשן זענען שוין אַריבער די גרענעץ. און זי ענטפערט: ס׳איז נישט גוט, און מיינע שוועסטערלעך נעמען באַטראַכטן דאָס נייע בלוזקעלע,

וואָס חיה־שרה האָט היינט באַנייט, און זיי פרעגן זיך וויפל ס׳קאָסט. און חיה־שרה ענטפערט זיי, אויף וואָס איך מאַך זיך נישט הערן. מיין טאַטע געזעגנט זיך מיט חיה־שרהן, ער גייט הערן אַ יידיש וואָרט אין דער חברה אַריין, און מיין שוועס־טער צירעלע נעמט פּלוצלינג אויספרעגן חיה־שרהן, ווי טייער די מוטער האָט געצאָלט אַ פונט ליכט, און חיה־שרה ענטפערט, זי ווייסט נישט, זי מישט זיך נישט אין דער מוטערס געשעפטן, וואָס ס׳געפעלט מיר זייער שטאַרק. אַ וואָרט צו אַ וואָרט, ביז מיר קומען אַרויף אויף דער נייער מלחמה. חיה-שרה טענהט, דייטשלאַנד איז צוגעגרייט, פון איין-און-זיבעציקסטן יאָר אָן גרייט זיך אַלץ דייטשלאַנד. אויף וואָס מיין שוועסטער צירע־לע ענטפערט: און ענגלאַנד, די קיניגין פון ים, איז אויך נישט קיין מפליגנ און זי וועט נישט בלייבן שטיין אָן אַ זייט. און איך זאָג: אין אַ מלחמה איז אַנטשיידן דער שיקזאַל. אַזוי שמועסן מיר, ביז חיה־שרה לייגט פאָר, מיר זאָלן מאַכן אַ שפּאַציר, אויף וואָס מיר שטימען איין.

כט

אינדרויסן נעמען מיר אַ שפּאַציר נאָך ראַדיגאָשטש צו. און עס פלעכט זיך אַ שמועס וועגן „דער רויז און דער נאַכ־טיגאַל“. חיה־שרה איז אויסער זיך פון דער נאַכטיגאַל, וואָס ברענגט זיך אַ קרבן פאַר דער ליבע. נאָך אַ גאַנצע נאַכט זינ־גען, אַריינשטעכנדיק דאָס האַרץ אין דאָרנבוים, ביז זי גייט אויס. „דאָס איז אַ גרויסע זאַך“. און מיין שוועסטער דערמאָנט דעם טראַגישן פאַל: דער סטודענט ברענגט זי, די האַרצנס־רויז, צו זיין דולצינעע, און זי, די דולצינעע, טוט זי אַ שלייַ־דער אויפן וועג אַרויף, ווו אַ ראָד פון אַ וואָגן פאָרט איבער איר אַריבער. באשר בכן דער קוזין פון דעם מיידל טראָגט זילבערנע בענדלעך אין די קאַמאַשן און דער סטודענט נישט. יאָ, אַזוי־נאָך פאַסן מיידלעך אויף די ליבע—גיט חיה־שרה צו. זי איז פולשטענדיק איינשטימיק מיט אָסקאַר ווײַלד: ליבע

איז דער טויט — די ליבע איז ווערט דעם טויט. און מײן שוועסטער, בטבע אַן ערלעך מיידל, קומט צו דער ענדע: די ליבע איז ווערט צען טויטס. מיר פאַרקערעווען אינעם זייטיקן געסל, ווו דער גלח וווינט. חיה־שרה האָט ליב צו זען, ווי דער גלח שפּאַצירט אין גאָרטן ביינאַכט אַליין. און מיין שוועסטער האָט ליב צו הערן, ווי דער גלח שפּילט ביינאַכט אין קלאַוויר. אַזוי שטייען מיר ביים פּלויט און קוקן דורך די שטאַכעטלעך ביז שפּעט אין דער נאַכט.

ל

צוריקצווועגס כאַפּן מיר אַ שמועס וועגן „גליקלעכן פּרינץ". חיה־שרה איז אויסער זיך פון דער אידעע אין „גליקלעכן פּרינץ", ביז וווּנדער איז מיט דעם שוועלבעלע, וואָס נעמט אַרויס מיט איר שנעבעלע די דימענטענע אויגן פונעם פּרינץ און ברענגט זיי צו דער אָרעמער פרוי. און מיין שוועסטער שטעלט זיך אָפּ אויף דער פּאָעזיע אין מעשהלע: וויפל גראַציע איז דאָ אין דעם, ווען דאָס שוועלבעלע פליט איבערן ראָר־גראָז אויף דער טעמזע! ווו איז דאָ דער נאָמען פון דעם אָראָמאַט, מיט וועלכן עס שמעקט דאָרט. און אַזוי טרייבן מיר אונזער לייכטן שמועס, ביז מיר קומען אין אונזער געסל אַריין, ווו די ווייבער זיצן פאַר די הויזטירן, נעמען אונז אַדורך מיט טיפע בליקן. און חיה־שרה געזעגנט זיך, מיטנעמענדיק „סאַלאָמע" פון אָסקאַר ווײַלד.

לא

דאָס גאַנצע געסל גייט הָאָדאָראָם: יידן זאַמלען זיך איין אין מיטן געסל און בערל שוסטער רעדט פאַר זיי:

„און וואָס מיינען זיי, אַז דער דייטש האָט שוין איינגענומען אַפּאָר שטעט — האָט ער אויפסניי פאַרשפּילט". און ער ווייזט אויף דער פלאַך פון האַנט: דער דייטש האָט איבערגעטרעטן די פלאַך, רוסלאַנד, זאָל ער קומען אין דער מיט אַריין — מאַכט ער צו די האַנט — דער דייטש, הייסט דאָס, וועט

ער זיין אין קלעם. רוסלאַנד איז אַ תהום און אַלץ וואָס עס נעמט אין זיך אַריין, פאַרשלינגט עס. רוסלאַנד האָט פאַרשלונגען פוילן, פינלאַנד, טערקיי,—דאָס מיינט ער קאַווקאַז, סיביר,—וועט ער נישט פאַרשלינגען יעקע-נאַר? און ער ווייזט אַ גמטריה, עמלק מוז אונטערגיין. אָבער ער האָט תּכסיסי־מלחמה.—מישט זיך אַריין דודל פּאָניע, אַ יונגערמאַנטשיק, אַ פּאָליטיקער.

און דאָס וועט אים נישט גילטן. — באַשטעטיקט בערל שוסטער.

און וואָס הערט זיך מיט זיין כלי־זין? — שפּאַרט זיך דודל פּאָניע—שלעכט געוועוער, האַ?

אַז גאָט וויל, שיסט אַ לולב. און אַז גאָט וויל נישט, שיסן נישט קיין האַרמאַטן. — טריומפירט בערל שוסטער. רוס־לאַנד וואָלט ביי יעדער מלחמה פאַרשפּילט, ווען נישט דאָס שוחד, וואָס ער גיט—דאָ צו דעם גענעראַל, דאָ צו יענעם גע־נעראַל. און פּ ל ע ו נ ע וואָלט ער גענומען? אַ מערכה ער האָט אונטערגעקויפט עסטערהאַזען. פאַרוואָס האָט ער ביי דאַלני־וואָסטאָק נישט געוווּנען? ווייל די יאַפּאָנער האָבן נישט גע־וואָלט נעמען קיין אונטערשטיפּ־געלט. — האַלט זיך ביי ס'זייניקע דודל פּאָניע.

קעגן דער השגחה עליונה קען מען נישט גיין. שטייט בפירוש: „מחה תמחה את זכר עמלק" און דער יעקע איז עמלק. —זאָגט בערל שוסטער מיט ביטחון.

אַזוי שפּאַרן זיך יידן, ביז חיים צייטונג־טרעגער לויפט פאַרביי מיט אַן עקסטרע טעלעגראַמע און יידן כאַפּן זיך הונ־געריקע צו דער דעפּעשע.

לב

כ'האָב געחלומט פון אַ פּסיידאָנים, וואָס זאָל ביידעס נעמען — מיינעם און חיה־שרהס — פאַראייניקן. הייס איך חיים און כ'האָב אַ צוגעזעצטן נאָמען ברוך. און זי הייסט חיה-שרה. האָב איך גענומען די ערשטע הברה פון איר חיה—חי און די לעצטע הברה פון מיין חיים—ים, מאַכט עס: חיים. און די

ערשטע הברה פון מיין ברוך — ב, און די צווייטע הברה פון איר שרה—רה, מאַכט עס ברה. אַזוי האָב איך זיך געזאָלט רופן, חיים ברה—„חיים דער זויבערער". און אַלע מיינע כּתבים האָב איך געהאַט אונטערגעשריבן מיט דעם נאָמען. און די אַלטע מאַנוסקריפּטן מיינע טראָגן נאָך ביזן היינטיקן טאָג דעם נאָמען חיים ברה.

לג

דערווייל האָט זיך גענומען דער דייטש באַוועגן, ער האָט פאַרנומען קאַליש, שעראַדז און זיך געצויגן אויף די וועגן נאָך לאָדזש, וואָס האָט טיילווייז אַרויסגערופן אַ פרייד אין יידישע הערצער. און דודל פאָניע קומט צו לויפן אין געסל אַריין מיט אַ נייס: „יעדעס שטיקל דייטשע געווער האָט אַ שפּאַקטיוו אין „פּריצעל", און יעדעס מאָל, וואָס עס שיסט אויס, שיסט עס אין ציל. און ביי איין קלאַפּ, ביי מלאָווע, האָט ער, דער דייטש, אַוועקגעלייגט פערציק טויזנט רוסן".

„דער רוס שיסט אויך נישט מיט קיין אַרבעס".—מישט זיך ר' חיימל אַריין.

„שוטה,—דודל פאָניע האָט אַלע גערופן שוטה און געזאָגט דו,—דאָס איז דאָך די גאַנצע זאַך, די רוסן שיסן גאָרנישט, זיי צעלויפן זיך ביים ערשטן שאָס, וואָס זיי הערן. אַ בהלה קומט אויף זיי".—פאַרטיידיקט זיך דודל פאָניע.

דאָ לויפט פאַרביי חיים צייטונג־טרעגער מיט דער פרימאָרגן-צייטונג. צווישן עולם ווערט אַ באַוועגונג: די לעצטע נייס. און דודל פאָניע ווענדט אָפּ: לעזט אינעם „בערלינער־טאַגעבלאַט". אָבער די צייטונגען—גאָלע ליגנט. ער לעזט זיי נישט. דאָ שוועבט פאַרביי חייה־שרה אין געסל און יידן קוקן זיך איבער: אַ הצלחה די געלע גיטל האָט, איינעם ביי איינעם קריגט זי איידעמעס—צו גאָט און צו לייט. און אַזוי שמועסן יידן ביז די ווייבער רופן אַריין עסן.

לד

איך מיט חיה־שׂרהן קומען זיך לעצטנס גאַנץ אָפט צוזאַמען, און טאַקע בײַ אונדז אין שטוב. מיר רעדן איבער יעדן פּיצעלע, וואָס זי, חיה־שׂרה, לעזט. לעצטנס האָבן מיר געהאַט אַ פּאָר שמועסן איבער אָסקאַר ווײַלדס „סאַלאָמע". איך האָב זיך געפרייט, וואָס איך האָב געקריגן אַ באָדן, ווו צו וואַרפן מײַנע געדאַנקען—חיה־שׂרה איז געווען דער באָדן, ווו כ'האָב מײַנע געדאַנקען פאַרזייט און זיי האָבן גענומען וואַקסן און בליען. חיה־שׂרה האָט אַרויסגעוויזן אינטעליגענץ לגבי ווײַלדס סאַלאָמע: זי האָט טיף באַגריפן די עטיק פון דעם אַסקעט יוחנן המטביל. אויך איז איר געפעלן סאַלאָמע מיט איר עקזאָטישער תּאווה. בעסער פון זיי ביידע איז איר געפעלן יוחנן. ער איז כמעט אין זײַן אויסדויער, ווי רבי עקיבא, וואָס מען האָט געקעמט זײַן לײַב מיט אײַזערנע קאַמען—אַזוי גרויס איז זײַן נסיון. און די ביבלישע מיליע אין „סאַלאָמע"? נאָר גאונים, דיכטער קענען אַזאַ סביבה באַשאַפן — ס'איז די יצירה פון אַ געניוס—גיב איך טיפער צו פאַרשטיין.

לה

די ייִדן פון געסל האָבן זיך געמאַכט אַ קאַסע פאַר מתּן בסתר. די באַלעבאַטים פון געסל: ר' אליה ברעזשינער —דער פינאַנציסט, ער האָט אויסגעהאַלטן אַלע קהילהשע אונטערנעמונגען. ראובן קאַרטאָפלהענדלער, משה שפּיציק, בערל גבאי און ר' יחיאלקע—זענען געווען די אונטערנעמער פון דער קאַסע. מען האָט אײַנגעזאַמלט ברויט, גראָפּן, קאַשע און מען האָט צעטיילט צו נויטבאַדערפטיקע. ווער ס'האָט באַדאַרפט אַ פּאָר פּייאים, האָט מען אויך געגעבן. אַ מאַדים אין דער זאַך איז געווען מײַן טאַטע, אַז מען האָט געברויכט פאַר אַ קראַנקן חלילה, צי—אַלדאָס גוטס דאָ געדאַכט—פאַר אַ מת אַ פּאָר רובל, האָט ער, מײַן טאַטע, אין אַ האַלבע שעה צוזאַמענגעקלאַפּט פופצן, צוואָנציק גילדן. איבערהויפּט האָט ער, מײַן טאַטע,

געצויגן די גאַנצע חיונה פאַר די, וואָס זענען געווען אין אַ נויט, פון די רייכע פאַרבערס זי מיוחסדיקע האַלפּערנס, וואָס זייער הויז איז געשטאַנען אין מחותּנימשאַפט צום גערער הויף, און ר׳ יצחק אַן אָנגעזעענער חסיד אין אַלעקסאַנדערער הויף. וואָס ס׳האָט זיך געמאַכט: אַביסל עסן,—נישט צו פאַרזינדיקן, — אַפּאָר פּייאים, אַלץ האָט מיין טאַטע געשלעפּט פון זייערע היי-זער. און אַלץ פאַר די, וואָס זענען געווען אין אַ נויט. מאַלט זיך אַמאָל אַ פאַל, מען שיקט אַרויס ביידע באַלעבאַטישע קינדער, צירעלע ר׳ יחיאלס און חייה-שרה ר׳ יחיאל-מאירס עליו השלום קלויבן נדבות. נו, פרעגט שוין גאָרנישט—זיי האָבן גע-ברענגט פון אַלעם גוטן, ביי די האַלפּערנס האָבן זיי באַשטעלט אַ יויך פאַר אַ קראַנקן, ביי אליה ברעזשינערס ווייב, אין סקלאַד, אַ פּעקל טיי און אַ פונט צוקער, ביי פייגעלע אין גע-וועלבל—ר׳ משהלע שפּיציקס ווייב—אַ האַלב פונט מאַנע-גריץ, ביי עטלען, אין הורטאָווע סקלאַד, אַ גאַנץ פונט קאַווע, ביי ראובן קאַרטאָפלהענדלער אַ האַלב פערטל קאַרטאָפל, און אַזוי כסדר. מען האָט די קינדער פאַרוואַנשעוועט ס׳אייביקע לעבן.

לו

זאין אַשיינעם זומער־טאָג, די זון ווארעמט מחייהדיק, האָבן יך די דייטשלעך באַוויזן. פול, קעפ אויף קעפ זענען געווען די טראָטוארן. און די דייטשלעך פליען אויף זייערע וועליסאָפּעדן. אָנגעקומען זענען זיי פון זגערזשער גאַס און גלייך זיך געלאָזט נאָך ראַדיגאָשטש. אַ שטילע פרייד ביי יידן, די פּאָליאַקן באַהאַלטן זייער שנאה אינעווייניק ביי זיך. און דודל פּאַניע- באַהאַלטנדיק די פרייד פאַר גויים — זאָגט אָן די בשורה אין געסל: די דייטשן זענען דאָ. בערל שוסטער באַ-ווייזט זיך נישט פאַר עגמת-נפש אין גאַס. און מיין טאַטע לויבט די דייטשן פאַר זייער הילוך. און משהלע שפּיציק וווּנ-דערט זיך: „אַזעלכע יונגיטשקע סאָלדאַטלעך”. און אָט באַווייזן זיך די מיידלעך: חייה־שרה, הדס — משהלע שפּיציקס טאָכטער, און מיין שוועסטער צירעלע. זיי ווילן אויך אָנקוקן די דייטשלעך.

אַזוי שטייט מען אין דער פּאָרנט־גאַס, ביז בין מנחה למעריב און מען כאַפּט זיך אַריין אין די שטובן און מען צינדט אָן קליינע פלעמלעך, די גויים זאָלן נישט אָנזען די יידישע פרייד.

לז

באַלד ביים אַריינקומען פון די דייטשן האָט פּיאַטשקאָוו־סקאַ, די שבת־הייצערקע, געלאָזט פאַלן אַ וואָרט: „די יעקעס גרייטן זיך צו מאַכן אַ ראַבונעק". מען האָט אין געסל מער נישט געברויכט. מען האָט אָנגעהויבן צו קאָרמעווען די פּיאַטש־קאָווסקאַן מיט האַלבע חלות. מיט איבערבלייבעכצן פון טשאָלנ־טער. און מען האָט זיך אָנגעהויבן צוצוהערן צו איר, ווי, להבדיל, צו אַ רביצין. און טאָמער האָט זי געוואָלט אויסקערן אין רינשטאָק, וואָס איז געווען איר עובדה, האָט די געלע גיטל געכאַפּט דעם בעזים און אַליין אויסגעקערט דעם רינ־שטאָק. און ר׳ חיימל האָט געזיפצט: „ס׳איז ביאת המשיח". און יידן האָבן אָנגעהויבן אין דער חברה צו זאָגן תהילים — אַ יום תהילים אינדערפרי, פאַר שחרית, און אַ יום תהילים צווישן מנחה און מעריב — בעטנדיק צום פאָטער אין הימל ער זאָל אָפּהיטן דעם מינדסטן ייד פון פרעמדע הענט, אמן.

לח

דעם נאָענטן פרייטיק־צונאַכטס. יידן האָבן פרי מקבל־שבת געווען און פרי געגעסן מאכל־שבת און אָפּגעזונגען אין דער שטיל זמירות. און עס כאַפּן זיך אַביי דורכן אָפענעם הויף צו אונז אין שטוב אַריין חיה־שרה און הדס. אַ קיל־קייט בלאָזט אַריין דורכן פענצטער. שטיקלעך ליכט ברענען נאָך אין די לייכטער. חיה־שרה און הדס זעצן זיך לעבן אונז ביים טיש. מיין טאַטע, האַלטנדיק ביי די לעצטע זיפּן פון זיין טיי, ווענדט זיך צו זיי:

„ווי זיי גייען געקליידט, די דייטשן, ווי די פּירשטן. דאָס איז נאָך נישט זייער אַרמעע, זייער אַרמעע האָבן זיי אין אָסט־פּרייסן — רעדט מיין פאָטער ווייטער. אַזוי האָט געזאָגט אין

דער חברה דודל פּאָניע".

„אָבער אַזעלכע יונגע קינדער,—באַמערקט הדס,—ס'רייסט אין האָרץ".

„צווישן זיי איז דאָ אַ מאַסע יידן".—רופט זיך אָן מיין שוועסטער צירעלע.

„ווייסט, צוויי זעלנער האָבן היינט געדאַווענט אין דער חברה, פרומע יונגעלייט, פון פראַנקפורט-דמאַין".—זאָגט מיין טאַטע.

„און זיי האָבן געדאַווענט?!"—רופט אויס מיין שוועסטער, פייטשעלע.

„זיי קענען גוט העברעיש".—באַשטעטיקט מיין טאַטע.

אַזוי שמועסן מיר און רעדן, ביז מיין פאָטער נעמט זיך פילן מיד און ער בעט, מען זאָל אים מוחל זיין: ער גייט זיך צולייגן אויף אַ זיך-באַנק אין דער וועבער-שטוב, וואָס לעבן מיר. און מיר נעמען שמועסן וועגן איבסענס „ים-פרוי", וואָס חייה-שרה לייענט איצט.

לט

ביזן אויפגאַנג פונעם מאָרגנשטערן האָבן מיר געשמועסט פון איבסענען און פון זיין „ים-פרוי". איך האָב אַרויס-געוויזן מיין גאַנץ בקיאות וועגן איבסענען בכלל און וועגן דער „ים-פרוי" בפרט. כ'האָב איבסענען געשילדערט אַלס נייער דיכטער אין דער אייראָפּעישער דראַמע, אַלס רעפאָרמירער פונעם דיאַלאָג. איז ער נישט אַזוי טיף-נאַציאָנאַל—אַלע גרויסע ווערק זענען נאַציאָנאַל, למשל, דער תנ"ך—ווי זיין מיטברודער ביערנסאָן. איך זאָג חייה-שרהן, כ'וועל איר געבן שפּעטער צו לעזן זיין „איבער אונזער קראַפט"—האָט ער איי-גענע מעלות: ער איז „פּיאָרדיק"—זיינס אַן אויסדרוק—אין זיי-נע דראַמען. זיין „פרוי פון ים" — איינע פון זיינע לירישסטע דראַמען. איך האַלט שטאַרקער פון ליריק ווי פון דראַמע, ווייל, „והיה באחרית הימים" מיינט די וועלט וועט איינגענומען ווערן מיט ליריק — ס'וועט נישט פאָרקומען קיין דראַמען דעמאָלט.

און אין זיין „ים־פרוי" ווערט געלייזט דאָס פּראָבלעם. די ברכה פון „און ס׳וועט זיין אין די לעצטע טעג" ווערט מקוים — גוטקייט זיגט איבערן שלעכטן. און זי, חיה-שרה, האָט גאָר מיטן פרעמדן מאַן, וואָס קומט פּלוצלינג און פאָדערט דאָס העכסטע, אָן איבערפרעגעניש.

„און איך האָב ליב די טיפע פרוי, וואָס גייט איין אויף גוטסקייט" — באַהויפּט איך.

און אויף מיין צד איז הדס שפּיציק און מיין שוועסטער צירעלע.

פריי איך זיך, וואָס איך האָב אויף מיין זייט צוויי שטי־מען און צופרידן געזעגענען מיר זיך, באַגלייטנדיק די מייד־לעך אין זייער הויף אַריין.

מ

אַזוי פּלוצלינג, ווי ס׳איז געקומען ס׳דייטשל, אַזוי איז ער פּלוצלינג פאַרשוואונדן—ס׳האָט אינגאַנצן גענומען איין נאַכט און ער איז אַריין, ווי אין דער ערד—אַוועקגעקומען פון זגער־זשער גאַס. און אויף זייער פּליטה האָבן אַפּאָר שקצים אויס־געהאַקט אַפּאָר שויבן אין יידישע פענצטער און פאַריאָגט פו־נעם געסל די ווייבער, וואָס זענען געזעסן פאַר די הויזטירן, אין די שטיבן אַריין אויף אַפּאָר שעה. און שאַקס, דער שבת-גוי, וואָס הייצט אונטער אין דער חברה דעם אויוון און טוט אום יום־כפור צו נעילה אָנצינדן די אויסגעלאָשענע ליכט פון ווינט, און וואָס רעדט יידיש, להבדיל, ווי אַ ייד—האָט גענומען באַרויקן די וויינענדיקע קינדער, אַז זיי, די לאָבוסעס, וועלן זיך נישט דערוועגן אָנצורירן די פאַרהאַקטע הויזטירן. און אויב יאָ, שטייט ער אין טיר און ער וועט מיט זיי רעדן. און דאָ ווייזט זיך נישט קיין מיליציסט. און אַזוי האָבן געבוריעט די שקצים ביז פאַרנאַכט.

מא

איך האָב מיך אַפּאָר טעג געשעמט קוקן אין די אויגן

אַריין מיינע שכנים, די קריסטן—זיי האָבן באַליידיקט דעם מענטש אין מיר. דאָס מענטשלעכע האָט זיך אין מיר אויפגעוועקט און געשריגן אין אַלעמענס אויערן אַריין: כ׳בין מיר אַ מענטש, כ׳האָב רעכט צו בלייבן אומבאַשעדיקט. כ׳בין מיין אייגנס. און ווידער־אַרום, האָט דאָך אונז איין גאָט באַשאַפן. מיר זענען דאָך קינדער פון איין בורא. איך האָב געוויינט און געשאָלטן. און ווי האָט דאָס געווירקט אויף מיין מיידל? —אָט ליגט זי שוין דעם גאַנצן טאָג און ברענט פון היץ. און מיינע שוועסטערלעך ליגן נאָך דערשראָקענע, פאַרשטעקט צווישן די שטולן, מיט קרעמפּן אין די לייבער אין דער וועבער־שטוב. און מיינע ברידער, פרומע יידן, זיצן ווי תשעה-באב צו קינות און זאָגן תהילים. און היינט איז גראָד דאָנערשטיק, האָט דאָס בחורל, מרדכילע, געלייענט פאַר דער דערשראָקענער עדה „ויחל״ און יעדער האָט געבענטשט גומל.

מב

איך ווער ס׳ערשטע מאָל פאַרבעטן צו חיה-שרהן אין שטוב אַריין. חיה-שרה איז היינט נישט געזונט — אַ גוטע געלעגנהייט. כ׳בין בטבע אַ שעמעוודיקער. ס׳איז מיר שווער אָנגעקומען דורכצומאַכן די אַלע זאַכן, וואָס מען דאַרף אַדורכפירן, ווען מען קומט ס׳ערשטע מאָל אין אַ פרעמדער שטוב אַריין. און נאָך דערצו אין מיין ליבסטעס שטוב. נאָך פיל הכנות קום איך אַריין, באַגלייט פון מיין שוועסטער צירעלע, צו חיה־שרהס מאַמען אין שטוב אַריין. אַריבערגייענדיק די שוועל, באַגעגנט מיך חיה-שרה מיט אַ קרענקלעכן שמייכל.

איך קוק איר אָן: זי גייט אין אַ פאַרבונדענעם האַלז.

„ס׳איז מיר גאָרנישט, באַרויקט זי מיך, זי האָט זיך בלויז פאַרקילט די מאַנדלען און אַביסל זיך נעכטן דערשראָקן״. און זי נעמט מיך פאַרבעטן אינעם קליינעם שטיבל אַריין, כ׳זאָל זיצן מיט מיין שוועסטער. „געסט, געסט״, חזרט זי. און רופט די מוטער, וואָס איז פאַרעסקט מיט אַ שכנה: „זע, וואָס פאַרע געסט מיר האָבן״. באַלד באַווייזט זיך די מוטער און

מיר באַגריסן זיך. און באַלד ברענגט חיה-שרה פאַמעראַנצן מיט עפּל און בעט אונז עסן. און זי נעמט מיר ווייזן די פאָ-טאָגראַפן פון אירע ברידער און שוועסטער, וואָס זענען אין אַמעריקע. און אירע אייגענע פאָטאָגראַפן, פון איר יונגקייט אָן, און פון אייניקע פון זיי ווער איך אַנטציקט. און עס פאַר-פלעכט זיך אַ שמועס וועגן אַמעריקע: וואָס פאַר אַ בריוו זיי, אירע ברידער, שרייבן. ווען נישט די מלחמה, וואָלט זי דאָס געפאָרן נאָך אַמעריקע — רעדט חיה-שרה מיט באַגייסטערונג. און געפאָרן וואָלט זי נישט אַליין—רעדט די מוטער באַדייטונגס-פול. איך לאָז אַראָפּ דעם קאָפּ. און חיה־שרה לאָזט אַראָפּ די אויגן. מיר שעמען זיך צו כאַפּן אַ בליק. און מיר גייען אי-בער צו אַ צווייטן שמועס, צום נעכטיקן פּאָגראָמל. „און חיה-שרה האָט זיך אַזוי דערשראָקן פאַר דער נעכטיקער מעשה, אַז די האַלז-מאַנדלען זענען בייַ איר אַזשיק פאַרשוואָלן געוואָרן״— רעדט די מוטער די ערשטע. „און אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיי, מיינע שוועסטערלעך, געהאַט גרימעניש אין לייב״—זאָגט מיין שוועסטער אומשולדיק. „און ס'איז נאָך געווען מיט חסד״—כאַפּט די מוטער ווייטער. אַזוי פאַרברענגען מיר, ביז חייה־שרה פילט זיך נישט גוט. און מיר בעטן ביי זיי אַ גוטע נאַכט.

מג

שבת האָט דער אַפּטער מלמד, ר׳ אריה, געהאַלטן פאַרן דאַווענען אַ דרשה: „אַז דער קץ איז נאָענט און יידן ברויכן גרייט צו זיין אויף אַלעם, און גרויס איז דער נסיון פונעם פאָלק יידן: ער האָט קעגן זיך שטייען אַלע זיבעציק פעלקער און יידן טאָרן נישט ביי זיך אַראָפּפאַלן. עס שטייט בפירוש „נחמו עמי״—זייט געטרייסט מיין פאָלק, ווייל דו ביסט אַן עם גוי קדוש—במהרה ובימינו, אמן״.

און יידן האָבן פאַרוואָרפן די טליתים איבער די קעפּ און גענומען דאַווענען מיט כּוונה, אָפּגעהיטן יעדע נקודה אין שחרית און מוסף, נאָכגעזאָגט „ברוך הוא וברוך שמו״ ביי די שמונה-עשרהס הויך, אויפן קול און דער חזן ר׳ אברהמלע

פעל-הענדלער האָט דאָס מאָל נישט געציקלט, גאָר געדאַוונט בשלימות. און נאָכן דאַווענען האָבן זיך יידן געזאָגט גוט שבת און אַהיימגעגאַנגען צו ווייב און קינד.

מד

אַ ניי לעבן: די רוסן זענען צוריק אַריין אין לאָדזש. געקומען זענען זיי הונגעריקע, באָרוועסע. קליינע סאָלדאַטן טראָגן גרויסע שינעלן און גרויסע סאָלדאַטן — קליינע שינעלן און מען טראָגט זיי אָפּער פונעם געסל מוציאס חלה, שטיקער ברויט און פעקלעך פאַפּיראָסן, און סאָלדאַטן כאַפּן און זענען פריילעך. אָבער שפּעטער הייבט זיך אָן אַ נייע סדרה, פאָליאַקן הייבן אָן צו מסרן אויף יידן ביי די סאָלדאַטן. און סאָלדאַטן נעמען פון זיך טרייבן די „פאַרשאָלטענע זשידעס", וואָס ברענגען עסן. און בערל שוסטער טאַנצט פאַר פרייד, „די רוסן זענען דאָ". און דודל פאָניע טרייסט די דערשראָקענע יידן: „דאָס איז אַ מאַניעווער אַזעלכער—זיי, די דייטשן, וועלן צוריקקומען". און משהלע שפּיציק שרעקט, „שקצים זאָלן נישט אָפּרייסן ס׳אויבס פון סאַד". און ר׳ חיימל קומט צו לויפן פון שטאָט אַ דערשראָקענער: „סאָלדאַטן שלאָגן יידן". און מיין טאַטע פאַרשטעקט זיך אין אַ ווינקל מיטן מדרש תנחומא. און דאָס געסל ווערט פוסט, ווי אויף אַ ריין פעלד, און שטיל, ווי אין אַן אויער.

מה

ווי עס זאָל נישט זיין: שרעקן, פחד—נאָר מיט חיה-שרהס לעזן האָבן מיר נישט איבערגעריסן—חיה-שרה לעזט כסדר. און זי האַלט איצט אין לעזן „האַשיש" פריץ לעמער-מייערס. און איך בין נייגיריק צו וויסן, ווי די מיסטעריע וועט איר געפעלן. און איך, צווישן די שרעק, די אימה, וואָס מיר לעבן אַדורך, דערוואַרט היינט חיה-שרהן. חיה-שרה קומט היינט פריער ווי שטענדיק—ביי זעקס פאַרנאַכט. זי קומט אַריין מיט פאַרפלאַמטע באַקן: „זי רייסט זיך ערשט אָפּ פונעם בוך —

אַזוינס האָט זי נאָך נישט געלייענט״. איך פרעג איר, ווי געפעלט איר צילייקע. „וואָס, דער מלאך אין אַ פלייש־גוף געפעלט איר ביזן העכסטן אופן״. זי רעדט דערפון מיט עקסטאַז. „ווי זאָגט דאָרט צילייקע: „ליבע הייסט געבן אַלץ און נעמען אַלץ״ — רעדט זי ווייטער. און מיין צירעלען געפעלן די צוויי פאָטערס, וואָס קומען אַרומריידן וועגן דעם שידוך־ענין פון זייערע קינדער: „אַ, ווי אַ שטילקייט שוועבט דאָרט, אין זייער אָרימקייט. ווי אַ רויקייט רוט דאָרט אין זייער נאָענט. אין זייערע לאַנגע בערד — דער וועלטס סוד קען מען אודאי פותר זיין, אַז מען קוקט אין אַזעלכע בערד״. „נאָר ער, צילייקעס ליבסטער, איז איר, חיה־שרהן, אַ שאָד — דער סוף פון דער ליבע, לויט דער מיסטעריע, איז אַ שלעכטער. און זי, חיה־שרה, חלומט פון אייביקער ליבע״. — רעדט אַלץ חיה־שרה מיט פאַרפלאַמטע באַקן. „זי, די ליבע, בלייבט אייביק — זי הייבט זיך אויף העכער פון אונז. און זי היט אָפּ איר גאַנצקייט, נאָענט, ביי גאָט״ — רעדט פאַרחלומט מיין שוועסטער. „און איך וואָלט געוואָלט, די ליבע זאָל האָבן אַן אייביקן קיום אויף דער ערד״ — ענטפערט חיה־שרה אַביסל פאַרשעמט. „ליבע הייסט נישט געבן אַלץ און נעמען אַלץ — ליבע הייסט געבן אַלץ און נעמען גאָרנישט״ — באַמערקט מיין שוועסטער מיט ליבשאַפט. חיה־שרה בלייבט שטיל. איך געפין זיך אין אַן אומאָנגענעמער לאַגע. איך פאַל אויף אַ המצאה. איך כאַפּ אַרויס פונעם וועששענקל „פעלאַוס און מעלעזאַנדע״ און כ׳דערלאַנג עס חיה־שרהן און חיה־שרה נעמט אַריינקוקן דערין, ביז וואָס, ביז ווען, קומט אָן מיין טאַטע און מיר נעמען אַלע אַרויסגיין אויפן הויף און געזעגענען זיך.

כ״ו

ר׳ חיימל און די געלע גיטל גייען אַרום — אויס מענטשן: די קונדן האָבן שוין נישט געצאָלט, און פּראָצענט, צוויי וואָכן — ר׳ חיימל און די געלע גיטל זענען אָפּצעגערס — זיי האָבן געלט אויף משכנות, און גענומען אַ פערציקער פון רובל

פּראָצענט. „אויס וועלט. פלעגן זיי טענהן. די קונדן קויפן זיך עסנוואַרג און פּראָצענט ווילן זיי נישט צאָלן". „אַמאָל פלעגן זיין אַנדערע מענטשן: פלעגן פריער אָפּצאָלן אין חוב און דער־נאָך זיך קויפן עסן"—טענהט ר׳ חיימל צו מיין טאַטן. און מיין טאַטע גיט אים צו פאַרשטיין: ס׳וועט נישט אייביק זיין מלחמה—הויך אין דריי חדשים אַרום וועט נעמען אַן ענד. און ר׳ חיימל שטימט מיט איין: „השם ירחם" און ווענדט זיך שוין צו מיר: חיים, ס׳איז טאַקע אמת, וואָס בערל שוסטער דער־ציילט: „דער רוס גייט נאָך בערלין?"... „אַזוי שרייבן די ציי־טונגען"—ענטפער איך אים. „ר׳ חיאל, ווענדט ער זיך ווייטער צו מיין טאַטן, ס׳איז מלחמת גוג־מגוג. און זי, די מלחמה, וועט דאַכט זיך מער דויערן, ווי דריי חדשים. און ס׳איז וואָר, וואָס בערל שוסטער זאָגט, אַז דער רוס האָט פאַרנומען אַ האַלבן מיליאָן אין פלען?"—זאָגט ער שוין דאָס, אַריינבייגנדיק די באָרד אין שיסעלע קערשן־באָרשט, וואָס מיר זענען אים מכבד. און ער טרינקט עס אויס און מאַכט אַ בורא נפשות און גייט אַהיים צופרידן.

מז

„די רוסן זענען שוין אין ברעסלוי — שטייט בערל שוס־טער צווישן אַ קופּע יידן און רעדט. אַ קלייניקייט דער רוס—מיט איין שפּיי קען ער אים, דעם דייטש, דערטרונקען. ווי איז געווען אין דער פּאָווסטאַניע? די פּאָליאַקן האָבן שוין גע־האַט אָפּגענומען פּוילן — שטיל — ס׳געפינט זיך נישט קיין איין רוסישער סאָלדאַט אויף דער פּוילישער ערד — מיטאַמאָל, אַ פאַרפלייצעניש: ווי די בינען זענען זיי געקומען, די רוסן פון כל המינים מיליטער: טשערקעסן, דראַגונער, קאָזאַקן — און אויף די ביימער, אין די וועלדער, האָט ער זיי צעהאָנגען, די פּאָ־ליאַקן. און די ווייסל מיט דער פּיליצע מיט זיי פול געמאַכט". און דודל פּאָניע לאַכט: „אַ פּוילישע דובינקע פאַרגלייכט ער צו אַ מאָדערנעם דייטשן געווער־שטיק".

„זאָל ער נישט לאַכן — רעדט אין איין אָטעם בערל

שוסטער. קעגן הימל טאָר מען נישט גיין. נאַפּאָלעאָן איז נאָך געווען אַזאַ איש־מלחמה, ווי ווילהעלם, האָט ער נאָר אָנגעהויבן מיט רוסלאַנד האָט ער געכאַפּט אַ מפּלה".

אַזוי שפּאַרן זיך יידן, ביז בערל גבאי רופט זיי אַריין אין דער חברה: „זאָלן זיי בעסער זאָגן אַ קאַפּיטל תהילים, ווי שטיין אינדרויסן און רעדן נאַרישקייטן".

מח

דערווייל פאַלט צו ראש־חודש אלול און יידן ווערן פרומער ווי דורכן גאַנצן יאָר. דער טאַטע מיינער שטייט אויף צו סליחות פאַרטאָג אויף די שפּיץ־נעגל, ער זאָל די קינדער נישט איבערוועקן. כאַפּט טלית־ותפילין און גאַרטל און אײַלט אין דער חברה אַריין. זאָגט סליחות אין אָפּזונדער, ביי די „אל מלך יושב" פאַרגייט ער אין דביקות, דאַוונט, בעט פאַר יעדן קינד אַ קאַפּיטל תהילים. און קומט אַהיים מיט אַ געלוי־טערטן גוט־מאָרגן. בייסט אָן די קליינע קאַרטאָפעלעך מיטן צוויקל־באָרשט. און שפּאַרט זיך צו אויף אַ האַלבע שעה אויף אַ זיץ־באַנק פון אונטער אַ שאַל. נאָכן אויפשטיין גייט ער אַרויס אין געסל, הערן וואָס יידן מאַכן: וואָס רבקה די אלמנה מיט די פיר יתומים מאַכן, וואָס בערקע מלמד מאַכט מיט זיין בלינד־געוואָרן ווייב, וואָס מאַכט דער אָרעמער מאיר׳ל מיט זיין יענטעלע, צי זיי האָבן אויף אָנבייסן, אויף אַ טראָפּן מילך.

מט

זיצט זיך שמחה פאַרבער — אַ ייד אַ בעל־רכילות, וואָס איז להוט צו וויסן, וואָס עס טוט זיך אין יענעמס טעפּל — פאַר־שטעקט בחדרי־חדרים. קומט צו אים אַריין אויף איינמאָל מיין פאָטער און די געלע גיטל. און עס גייט אַוועק אַ שמועס: אַ גלייכער שידוך, ווילע קינדער, אַזאַ יאָר אויף אים, וואָס פאַר אַ טייער פּאָרל. קריגט ער אַריין די געלע גיטל אַליין, רעדט אַזוי: „דער בחור, חילקעס זון מיינט ער, איז דען עפּעס אַ לייט? קיין גוט־מאָרגן זאָגט ער אים נישט. און האַלט זיך

גרויס". קריגט ער אַריין מיין טאַטן, רעדט ער ווידער אַזוי: „ווען ער האָט אַזאַ זון, וואָלט ער פאַר אים אויסגעזוכט פּאַז־נאַנסקיס טאָכטער, נישט די געלע גיטלס. איי, צום מיידל האָט ער גאָרנישט—נאָר די מאַמע".

„אַז מען נעמט אַרויס די קו, מאַכט מען די שטאַל צו".— ענטפערט מיין טאַטע.

און שמחה פאַרבער גיט מיין טאַטן צו פאַרשטיין, „אַז קינדער גערעטן אַריין אין עלטערן". און מיין טאַטע האַלט זיך ביי ס'זייניקע: „ס'ווייבל איז ווערט מען זאָל איר אָפּוועגן מיט גאָלד".

ג

פאַרנאַכט. ס'איז אומעטיק, איך דריי זיך אַרום אין שטוב. דער טאַטע איז אין דער חברה. מיינע שוועסטערלעך זענען ביי חייה־שרהן. איך האָב נישט קיין געדולד צו לעזן, פּלוצ־לינג באַוויזט זיך גוטשע: „ס'איז איר אומעטיק, איז זי געקו־מען צו אַלטע באַקאַנטע. און ווי גוט פילט זי זיך דאָ!". איך בין גרייט געווען צו פאַלן צו אירע פיס, בעטן ביי איר מחילה פאַר מיין שלעכטקייט און גיין מיט איר אויף מיין מאַמעס קבר און שווערן איר אייביקע געטריישאַפט. שטייט אָבער פאַר מיינע אויגן חייה־שרה און לאָזט מיך נישט רירן מיט אַ גליד. און שוין באַווייזט זיך חייה־שרה מיט מיינע שוועסטערלעך אין טיר. זיי האָבן געזען גוטשען פאַרבייגיין פאַרן פענצטער, זענען זיי אַהערגעקומען. „וואָס מאַכט זי? ווי פילט זי? פאַרוואָס האָט מען זי שוין אַזוי לאַנג נישט געזען" — פרעגן מיינע שוועס־טערלעך. מיר זעצן זיך אַלע צום טיש. איך ווייס נישט פון וואָס אָנצוהייבן. חייה־שרה איז שטום. איך נעם עפעס פרעגן און איך פאַל אַרויף אויף „פעלאַוס און מעלעזאַנדע".

„יאָ, ס'איז אַ בוך פאַר פאָעטן".—באַמערקט גוטשע.

„ס'איז אַ בוך פון פּאָעזיע"—רופט זיך אָפּ מיין שוועסטער און מיין צירעלע נעמט שילדערן דעם טורעם, ווו מעלעזאַנדע פאַרוואַרפט אירע האָר—ווי גאָלדענע נעצן פאַרפּלאָנטערן זיך

אירע האָר אַרום דעם פּוס פונעם טורעם. „וווּנדערלעך! — נעמט זי האַסטיק רעדן. פּעלאַוס קילט זיינע פאַרליבטע אויגן אין די כוואַליעס פון אירע האָר".

„די שטעל, פאַרגעסט חיה-שרה איר שווייגן, האָט זי אין ביכל אָנגעמעקרט מיט בליי, די זעלבע שטעל, כ'וועל עק־סטרע זען — אויך האַלט זי, אַז דאָס איז די גרייסטע שטעל אין ביכל".

„ס'איז אַ זעלבער מערכן פונעם בלוי-פלעמישן מעטערלינק" רופט זיך אָפּ גוטשע.

„ס'איז אַ קינדער-מעשהלע פונעם פאַרעלטערלעכן פּרינץ פּעלאַוס" — רעדט מיין שוועסטער נאָך נישט אָפּגעקילט, „און ווי אַ קינדער-מעשהלע איז דער טויט אירער, מעלעזאַנדעס" — — רופט חיה-שרה ווי אַ נאַכטוואַנדלערין.

„ר'האָט איר געמאַכט אַ ווונד, אין דער גרויס פון אַ נאָדל-לעכל, אין דער ברוסט". — רעדט שוין מיין שוועסטער ווי פאַר זיך.

„אַלע גרויסע זאַכן קומען אומגעריכט — מען געפינט זיי" — רעדט ווייטער חיה-שרה. אַזוי געפינט שמעון אַלט-קליידער-הענדלער דאָס קינד רחל. און פּעלאַוס — מעלעזאַנדען.

„אַלע גרויסע זאַכן פאַלן אַראָפּ פונעם הימעל" — באַשטימט מיין שוועסטער.

„יאָ, פון הימל" — שטימט גוטשע צו מיט אַ לייכטן זיפץ.

דער זיפץ ווירקט שטאַרק אויף אונז. מיר פאַרגעסן זיך, זיצן מיר אַזוי אַ ווײַלע און שווייגן.

נא

ס'דערטראָגן זיך געהיימע קלאַנגען, דער רוס ווערט צו־ריקגעשטויסן. און דודל פּאָניע גייט אַרום אַ האָפּערדיקער און ער האָט ערגעץ דערטאַפּט אַן אַלטע מאַפּע, מישט ער און ווי־רעט, ער לערנט:

„זאָל דער רוס ווערן געשלאָגן אויף דער פּויזנער ליניע, וועלן די צוריקשטויסנדיקע רוסן פליִען דורך קאַליש איבער

שעראַדז אויף לאָדזש אַרויף, וועט לאָדזש זיין אין פּעקל״—אַזוי הקירהט ער און פּילפּולט זיך איבער דער מאַפּע.

און בערל שוסטער, דער צד שכנגד, לייגט נישט אויס קיין מאַפּע:

„אַזוי גוט ווי דער דייטש איז אָפּגעטרעטן, קען דאָך דער רוס אויך אָפּטרעטן — מה רעש, וואָס איז ס׳געשריי? אָט איז ער אין דער פּוילישער פּאָוסטאַניע אָפּגעטרעטן פון גאַנץ פּוילן—וואָס איז דערנאָך געווען, נאָכן אָפּשטופּן? ר׳האָט זיך געוואָרפן, אויף פּוילן—ער האָט פּוילן פאַרטיליקט. דער נמשל איז אויף דייטשלאַנד—דייטשלאַנד שטייט אין זעלבן מעמד״.

און משהלע שפּיציק זאָרגט זיך שטאַרק וועגן סאָד, וואָס איז על־פּי־נס ניצול געוואָרן פון שקצישע הענט, זאָל נישט אַריינפאַלן אין זעלנערישע הענט. און ר׳ חיימל זיפצט אויפן גורל פון זיינע ברידער. און מיין טאַטע לאָזט נישט אַרויס דעם מדרש תנחומא פון די הענט.

נב

דערווייל מאַכט די געלע גיטל גוטע געשעפטן. זי האָט זיך איינגעאָרדנט אַ געוועלבל אין דער שטוב און ס׳גליקט איר אָפּ. ברויט באַקומט זי פון אַן אייגענעם בעקער — אייגענעם, הייסט די בעקעריי האָט זי אים, דעם בעקער, געקויפט אויף פּראָצענט. קאַרטאָפל, פון אייגענעם פּויער-- אייגענעם, הייסט זי שלעפּט צוזאַמען ס׳שאָבעכץ פון אַלע אירע לאָקאַטאָרן פאַרן פּויערס קו. און צו דעם האָט זי ברויט-קאַרטן, אַלס ווירטין, מער ווי אַ צווייטע—און אַביסל שווינדלט זי אונטער, האָט זי ברויט אויף ברויט—שמועסט מען אין געסל—דרייט זי ס׳רעדל אין געסל. ברויט ווו קריגט מען? ביי דער געלער גיטל. קאַר־טאָפל ווו באַקומט מען?—ביי געלער גיטל. און די געלע גיטל לייזט פערציק גראָשן פאַר אַ פונט ברויט און צוואָנציק גראָשן אַ פונט קאַרטאָפל. און זי טוט דעם אַ גאַנצע טובה, צו ווען זי פאַרקויפט. פאַלט איר איין, האָט זי נישט צו פאַרקויפן, אפילו

אַ לויט ברויט, גיט איר אַ רובל פאַר אַ פונט ברויט—האָט זי־נישט: פון וואַנען זאָל זי האָבן ברויט, וואָרים די בעקערס באַקן דען עפּעס, און אַז מען הייבט אָן צו איר צו רעדן מיט אַ פייכט קול: „די קינדער האָבן שוין דריי טאָג נישט פאַרזוכט קיין ברויט"—טוט זי אַ טובה און פאַרקויפט פון איר האַלבן ברויט אַ פונט ברויט.

און חיה־שרה דערהאַלט מענטשן ביים לעבן. זי פאַר־קויפט אונטער דער מוטערס וויסן ברויט אויפן ביליקן פרייז—פערציק גראָשן אַ פונט.

און ווייבער ווינטשן איר אַ ליכטיקן חתן, אַ שיינעם און אַ געראָטענעם. און זיי חזרן אין דער שטיל:

„ז'איז'ן דען נישט ווערט, חילקעס זון? אַזאַ יאָר צו זיי, ווי אַ כשר מיידל זי איז—ז'איז'ן ווערט".

נג

ווינט קעגנאיבער דער געלער גיטל אַ באַלעבאָס, ר' זע־ליק—אַ פּראָסטער ייד, וואָס ער האָט אַ הויז און אַ שטיק פעלד און נישט קיין קינדער. ווינט ער זיך מיט זיין ווייב כמעט אין גאַנצן הויז מיט אַ קאַץ און קעצלעך און אַ גרויסן הונט.

און האָבן האָט ער אַן אוצר—אַ חברה מיט דריי ספרי־תורות—אייגענע געשריבענע, ווו מען ריכט אָפּ דריי מאָל אין טאָג תפילות.

איז די חברה זיין אויג אין קאָפּ און ער צירט זיך מיט זיי, מיט די ספרי־תורות, ווי מיט אייגענע געבוירענע קינדער—זיי זענען זיינע קינדער. און אַלע מאָנטיק, דאָנערשטיק און שבת האַלט ער זיי אין זיינע הענט.

בטבע איז ער אַ טרוקענער ייד, טרוקן, ווי זיינע פעלן, נאָר אַז ס'קומט צו דער חברה, ווערט ער וויך, ווי די פּיכן פון זיינע קעצעלעך.

און דער ייד ר' זעליג טאָמער פּאַקט ער מיין טאַטן—קודם שטעלט ער זיך פאַר מיט זיין חברה:

„ער וואָלט געוואָלט, אַז מיין פאָטער זאָל ביי אים

דאַוונען: אַ קליינע חברה, אַ היימישער עולם. נאָר ער ווייסט דאָך, ס'איז בחינם — ער וועט זיך נישט שיידן מיט דער חברה אינדערביי".

און דערנאָך נעמט ער רעדן וועגן דער געלער גיטל און משהלע שפּיציק, איר הויז-שותף:

„זיי האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן — צוויי קעץ אין איין זאַק — פון ששת ימי בראשית. צוויי עלבּרושים: זיי זאַגראַבּיען אַלץ, וואָס ס'קומט זיי אונטער די הענט. און זי, די געלע גיטל, דאָס איז אַ מאַטאַץ. און ווי ער האָט געהערט, האַלט עס ביי אַ שידוך צווישן חיימען און חייה-שרהן, פרעגט ער אים, מיין טאַטן: דאָס מיידל, יאַק דאָס מיידל, אָבער די געלע גיטל? ווי ער, מיין טאַטע, וועט זיך מתחתן זיין מיט דער געלער גוטשע?"

און דער טאַטע קומט אַהיים אַ פאַרזאָרגטער: יידן פאַר־שווערן אים די טעג.

נד

אין אַ שיינעם תשרי-טאָג אינדערפרי באַווייזט זיך אַ היטלצוקער אויפן מזרח-ראַנד פון הימל. און ס'געסל ווערט פול מיט יידן, יידענעס און קינדער. און דאָס היטלצוקער נעמט אַ קרייז פון מזרח צו צפון-צו.

און דודל פאָניע קלייבט התפעלות:

„זיי זעען נישט, דאָס איז דאָך אַ דייטשער צעפּעלין — דאָס נעמט ער אויסקוקן לאָדזש".

און בערל שוסטער, נישט קאָנענדיק ביישטיין דעם נסיון פון געבן אַ בליק אויף דער דייטשער „גאַפּע", באַווייזט זיך אין געסל און יידן שטעלן זיך אַרום אים:

„וואָס זאָגט ער צו דעם?"

און בערל שוסטער איז די גאַנצע זאַך מבטל:

„אַ קליפּה, אַ שוואַרצע גאַפּע פליט און יידן מאַכן זיך צונאַר און שטייען און קוקן זיך אויס די אויגן — פו טיפּשות". און בערל שוסטער אַנטלויפט.

און חיה-שרה באַווייזט זיך אין געסל אָנגעטאָן אין אַ מאָרגן-האַלקעלע, וואָס גיט איר צו טויזנט חנען און אַ טיכל פאַרוואָרפן איבער די אַקסלען.

אירע אויגן זענען אויסגעוואַשן פונעם שלאָף. איר צאָפּ — אַ צעקנאָדערטער שלאַנג, וואַרפט זיך ביז צו אירע פוס-טריט — און אין געסל איז דערשינען אַ וואַסער-נימף — אַזוי וואָלט אויסגעזען די „ים-פּרינצעסין" פון אַנדערסענען, ווען זי זאָל האָבן צוויי פיס אָנשטאָט אַ פיש-עק — און זי גענענט צו מיר, ווי אַ לויטערער וואָלקן וואָלט זיך פאַר מיינע אויגן געקלאָרט, מאַך איך צו מיינע אויגן און ערשט מאַך איך זיי אויף, ווען חיה-שרה באַרירט מיך מיט אַ לייכטן גוט-מאָרגן:

„וואָס האָב איך די אויגן צוגעמאַכט פאַר דער זון?" פרעגט זי.

און איך כאַפּ זיך.

„יאָ, די זון איז מיר פאַרלאָפן אויף די אויגן".

„און וואָס זאָג איך עפּעס צו דייטשלאַנד: זי האָט געזען פון גראַף צעפּעלין און איצט זעט זי זיין אויפטו".

„יאָ, ס'איז אַ גרויסער אויפטו"—ענטפער איך נאָך צעמישט.

צי וועל איך נישט נעמען אַ שפּאַציר צום פעלד צו? ס'איז היינט אַזאַ שיינער פרימאָרגן — פרעגט זי פלוצלינג.

„ניין — וויל איך פאַלן צו אירע פיס — אַן אַנדערש מאָל".

און זי נעמט פרעגן, פאַרוואָס נישט היינט. און איך זאָג אַ ליגנט: כ'פיל זיך נישט גוט.

יאָ, מען זעט עס טאַקע אויף מיין פנים — כ'זע אויס בלאַס.

דערווייל האָט דער צעפּעלין געמאַכט זיין קרייז פון צפון און גענומען שוועבן אין מערב-זייט.

און דודל פאָניע טייטשט:

„דאָס פליט ער צו זייערע פּאָזיציעס, די דייטשישע, נאָך אַלעקסאַנדער, קיין פּאַדעמביץ. און ער נעמט האַסטיק רעדן. זיי וועלן זען, אין קירצן וועט פאָרקומען נייעס ביי לאָדזש".

נה

שפעטער, ווען דער צעפּעלין איז פאַרשוווּנדן, בין איך אַרויסגעגאַנגען און איבערציילט אירע טריטלעך — אַכט און ניינציק זענען זיי געווען אין צאָל. איך האָב באַלד געזען זיי, די שמאָלע טריטלעך פון אירע ברוינע לעטשלעך. און אירע שפּרייזלעך זענען נישט געווען קלענער איינס פון צווייטן, און מיר האָט זיך געדאַכטן, איך זע די פינגער־צייכנס פון אירע פּיס — און אָט מעסט איך צו מיין פוס־טריט, און ער איז כמעט טאָפּלט די גרויס. איך בייג זיך איין און באַגלייט מיט מיינע שפּיץ־פינגער די טריט־פלאַכלעך — איך באַהאַלט זיי אין מיין האַרץ, אַכט און ניינציק אין צאָל.

נו

שוין הערט מען אייניקע טעג אַ ווייט דונערן, וואָס קומט פון די מערב־דרום־ און מזרח־דרום־ווינקלען אַרום לאָדזש. עס דערנענטערן זיך אויף לאָדזש שרעקלעכע טעג. און גראָד איז דאָס אויסגעפאַלן אין די רעגנדיקע חשון־טעג. און מיר זיצן אין שטוב: מיר האָבן געקריגן אַ שטיקל קעטע, טוען מיר. איך מיטן טאַטן, פאַריכטן אין שטול — מיר רייגן אַ געשער און שטעכן אַ בלאַט. און ר׳ חיימל שטייט ביים שטול און רעדט צו מיין טאַטן:

„חיאל, דיך אַרט עס גאָרנישט. דו טוסט דיר ס׳דייניקע: טוסט פאַריכטן אין שטול. און הערסט גאָרנישט, וואָס ס׳טוט זיך אונטער דער שטאָט״.

„גיי שוין, מ׳איז אַלע אין גאָטס הענט״. — ענטפערט מיין טאַטע.

„אם אין אני לי — מי לי?״ האָבן אונזערע חכמים געלערנט. געדענק, חיאל, מען דאַרף זיין פאָרגעבריט״. — לערנט ר׳ חיימל מיט מיין טאַטן.

„אויף דעם וועל איך דיר דערציילן אַ מעשה: ווען די כאָליערע, צום גוטן געדאַכט, איז געווען אין לאָדזש, דרייט זיך אַרום אַ ייד, אַ זקן, און דווקא זיך געדרייט אויף מסוכנע

ערטער. ריידן מיר צו אים: ר׳ זקן, היט זיך. ענטפערט דער זקן: „ווי זאָל איך זיך פאַר גאָט באַהאַלטן, אין אַ טאַבאַק-שקעטעלע?״ און פיל, וואָס האָבן זיך געהיטן, זענען טאַקע אַוועק פון דער וועלט. און ר׳ זקן לעבט נאָך ביזן היינטיקן טאָג. — דו שטייסט אַלע טאָג פאַרגעברייט פאַר גאָט״.

„אָבער גוט, ווי נעמט מען זיך אין אַזאַ צייט פאַרלכטן אַ שטול״. ווונדערט זיך ר׳ חיימל.

„איך בין מיט מיינע קינדער ביי גאָט אין די הענט״. — זאָגט מיין טאַטע.

„זאָל אונז, פאַר דאָס, גאָט היטן״. — לאָזט אויס ר׳ חיימל.

„אמן״ — ענטפערט מיין טאַטע.

נז

דערוויילי שוועב איך אין וואָלקנס. איך פאַרלאָז די ערד. איך קריך אַרום אין די בלאָע בערג פון הימל. דאָרט, אויבן, בוי איך מיין צוקונפט: איך זעץ חיה-שרהן אויבן אַרויף און דין צו איר, ווי צו אַן אָפּגאָט, מיט אַלע מיינע רמ״ח אברים צי איך זיך צו איר, צו מיין אָפּגאָט; און אַלע מיטן אָוונט, ווען די זון איז שוין אונטערגעגאַנגען און דער הימל איז איינגעטונקט אין בלאָע וואָלקנס, טו איך זיך אָן אין כהונה-קליידער און מאַך אַ שפּאַציר צו מיין חיה-שרהן.

איך קום אַרויף אַהין קוש איך מיין חיה-שרהן זיבן מאָל די פּיס. און דערנאָך שיפלען מיר זיך אויף אַ פערלמוטערנעם וואָלקן אין די בלאָע טאָלן פון הימל. און ערשט קומען אַרויס די שטערן — ווערן מיר באַשיט מיט שטערן-שטויב און דעמאָלט, שוועב איך מיט חיה-שרהן געזאַלבטע אויף דער ערד אַראָפּ און מיר באַזעצן זיך אין אַ קליין שטיבעלע, און דאָס שטיבעלע לייכט און שיינט פאַר גאָר דער וועלט.

נח

אַלץ נענטער צו לאָדזש צו האָט זיך דערנענטערט דאָס בוכן פון די האַרמאַטן און דאָס גרעגערן פון די פּולעמיאָטן.

און מיט איינמאָל, דעם נאָענטן דאָנערשטיק אויפדערנאַכט, ביי זיבן־אַכט אַזייגער, האָט דער דייטש זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דער ליניע זגערזש־לאָדזש, און אָנגעשטעלט אַ הויך־קאַליבריקן האַרמאַט און גענומען שיסן אויף לאָדזש. מען האָט גענוי געהערט דעם לאַנגן אָטעם פון דער האַרמאַטן־קויל, איידער זי רייסט אויף. און די שאָסן זענען געווען טייוויליש, שטורמיש און פאַרוויסטעריש. מיט אַ מאָדנע רוגזה האָט ער, דער דייטש, געשיט פייער אויף די פרידלעכע, דערשראָקענע איינוווינער — ביי אַ שעה צייט האָט ער אַזוי געשיט בראַנד און טויט אויף דער פאַרשטאָט באַלוט. ביים איינשטילן פון דער טויטלעכער מהומה האָט מען זיך אַרויסגעכאַפּט פון די הייזער זעען, וואָס ס'הערט זיך אין געסל און מען האָט דערזעען אַ חורבן: אליה ברעזשינער איז געלעגן אַ דורכגעשאָסענער, אַ טויטער אויף דער פּאָדלאָגע ביי משהלע שפּיציק אין שטוב. אַ שטיק פון דער געמויערטער וואַנט פון דער געלער גיטלס פאַרברענטער אָפּיצינע איז דורך אַ גראַנאַט געווען אויפגעריסן. און די שטיינער אין געסל זענען געווען צעמאָלן אויף קאַשע— ווערן מיר, איך און מיין טאַטע, געוואָר שטייענדיק ביי חיה־שרהן אין שטוב. און חיה־שרהן האָט, חלילה, גאָרנישט געשאַדט. און פול מיט וויינענדיקע ווייבער און קינדער איז די חברה אָנגעפּאַקט. און משהלע שפּיציק שטייט אויפן הויף און פּאָרעט זיך ביי אַ צעבראָכן קאַנאָנדל, וואָס דער גראַנאַט האָט עס אַרויסגעוואָרפן פון דעם אָפּיצינע־בוידעם, און ער וווּנדערט זיך: „וואָס מען שיסט שוין מיט קאַנאָנדלעך". און דער הויף איז פול מיט נאַסע וועש, איינגערויטע פון ציגל־שטויב, וואָס דער גראַנאַט האָט אַרויסגעשליידערט פון בוידעם. און דאָ טראָגט זיך פון די וויינענדיקע ווייבער אַ געשריי: „גאָט, פאַרמינער נישט קיינעם פון אונז!".

נט

צומאָרגנס האָבן געוואָגלט אויף די לאָדזשער וועגן ראַדיגאָשטשער און אַ טייל באַלוטער איינוווינער מיט פּעקלעך

בעטגעוואַנט און מיט קינדער ביי די הענטלעך — געוואָגלט, ווער צו אַ קרוב, ווער צו אַ פריינט, ווער צו אַ פרעמדן אין דער שטאָט אַריין.

ביי אונז אין שטוב קומט פאָר אַן איילִיקע אויסרוימע־ניש: מען פּאַקט איין ס׳בעטגעוואַנט אין ליילעכער. ווייטער לאָזט מען אַלץ אין שטוב. בלויז ס׳ביסל בעטגעוואַנט כאַפּט מען און מען פאַרהאַקט די לעדן. און מען לויפט אַראָפּ אין שטאָט אַריין צו דער מומע מלכה. איבער נאַכט האָט זיך דער־ווייל די קאַמף־ליניע נענטער צוגערוקט צו לאָדזש — און אונז לויפט נאָך אַ שיטן פון אַרבעס, פון די פּולעמיאָטן. און די ברודיקע אויפרייסן פון די שראַפּנעלן.

אויפן וועג טאָטשעט מיר אַ מוק אין מוח: חיה־שרה — ווי וועט דאָס אויף אירווירקן?

—גאָט, האָב רחמנות אויף דיינע נישט־באַשיצטע לעמער!— דערלאַנג איך אַ בליק צו זייער הויז, און מיר, איך, דער טאַטע, מיין ברודער און מיינע צוויי שוועסטערלעך, מישן זיך אויס צווישן די שרעקנדיקע לויפער.

אַזוי לויפן מיר, איך און מיין ברודער דודל, אַפּאָר מאָל נאָך די פּעקלעך בעטגעוואַנט. די שוועסטערלעך, מיטן טאַטן לאָזט די מומע מלכה — דעם טאַטנס אַ שוועסטער — נישט אַוועק. לויפן מיר, איך מיט מיין ברודער. און לויפנדיק אַזוי באַגעגן איך מיין ליטערן טרוים — מיין חיה־שרהן. מיט פאַרפלאַמטע באַקן גייט זי דורך דער זאַכאָדנער גאַס און טראָגט אַ ביטל ווישניאַק. מיר שמייכלען צו זיך, שטעלן זיך נישט אָפּ. און ס׳איז מיר שוין גענוג: כ׳האָב געזען דאָס לויטערע זיכט פונעם הויכן באַרג — מיין טרוים — און איך האָב פאַרגעסן אָן אַלע גרוילן, וואָס איך האָב אַדורכגעלעבט די לעצטע נאַכט. און ווייטער שלעפּ איך די זעק קאַרטאָפל פון דער היים צו דער מומע מלכה, און ווי כ׳וואָלט געטראָגן אַ שפּענדל, פיל איך זיך לייכט. איך האָב פאַרגעסן אָן משאות איך שווער איבער די גאַסן.

ס

איינאָרדענען האָט מען זיך נישט געדאַרפט ביי דער מומע מלכה: מען האָט די פעקלעך פשוט אַנידערגעלייגט און אויף זיי געשלאָפן ביינאַכט, און בייטאָג אויף זיי געזעסן. און די מומע מלכה, אַ בכבודיקע באַלעבאָסטע, האָט דערמאָנט אַלע אָבות, ס'זאָל נישט, חלילה, שולט זיין קיין שום ייד. און דער פעטער לייב, דער מומע מלכהס מאַן, אַ ברייטהאַר־ציקער ייד, האָט זיך אַרומגעדרייט אַ שטומער. און מיין טאַטע, אינמיטן אַרום צווישן זיינע קינדער, זיצט אויף די פעק־בעטגעוואַנט און וואַכט אויף אונז.

און די מומע מלכה בעט אונז עפּעס נעמען אין מויל אַריין: „ווי לאַנג איז דער שיעור צו פאַסטן?". און דער פעטער לייב שטופּט מיין טאַטן אַ גלעזל בראָנפן אין דער האַנט אַריין און בעט אים טרינקען. און נאָך דרייען זיך אַרום, קיין עין־הרע, זייערע ניין קינדער אין שטוב מיט אַן איידעם, אַ יונגן שוחט, און לגבי דאָס אַלץ, איז שטיל אין שטוב — אַלע זענען אָנגענומען מיט שרעק. און איך בין טאָפּלט דערשראָקן: איך זאָרג פאַר מיינע נאָענטע און פאַר חיה־שרהן.

סא

און דערוויייל באַווייזט דער דייטש קונצן: אַט פליט ער איבער דער שטאָט, וואַרפט אַפּאָר באָמבעס און טייט אַפּאָר צענטליק מענטשן. נאָר דאָס איז גאָרנישט, וואָס הינטער דער שטאָט טוט זיך. דאָרט, זאָגט מען, קאָסעט ער רוסן, ווי זאַנגען אין פעלד.

און צו מנחה-צייט זאַמלען זיך איין אַפּאָר יידן, שכנים, צו מיין פעטער אין שטוב אַריין. פּרוּוון כאַפּן אַ שמועס.

„ס'זאָל נאָר נישט שאַדן דער אַלט-שטאָט־שול" — רופט זיך אָפּ אַ ייד.

„אַ קלייניקייט, ווי שיין זי איז אויסגעצירט!" — רופט זיך אָפּ אַ צווייטער ייד.

„אוי־ווי, כ'זאָל נישט זינדיקן, איר רעדט פון שולן און

אין דרויסן פאַלן יידן״—רופט זיך אָפּ מיין מומע.

„מען זאָל טאַקע נישט זינדיקן״—זיפצט דער ייד אָפּ.

און יידן בלייבן שטיל, הענגען אַראָפּ די קעפּ, פאַרזונקען אין רעיונות.

סב

כ׳בין אַראָפּ אויף אַ האַלבע שעה מיט מיין ברודער דודל אין גאַס און קומענדיק צוריק באַגעגנט מיך מיין שוועסטער צירעלע:

„חייה־שרה איז דאָ געווען. זי האָט געפרעגט אויף דיר״.

„ווען?״

„אָט, ערשט, פאַר צען מינוט״.

„גיי וויס, אַז חייה־שרה וועט דאָ זיין, מיין גאָט, פאַרוואָס בין איך נישט געווען דאָ? צוואָס בין איך אַראָפּגעגאַנגען? וועלכע גוטע יאָר האָבן מיך אַראָפּגעשלעפּט?״ און איך פאַרקער זיך אין אַ ווינקל אויף די פּעק און מיין מומע קומט צו מיר צו:

„זי האָט געזען מיין כלה. גאָר אַ שיין מיידל, און ווען נישט די מלחמה, וואָלט שוין אַוודאי געווען תנאים״.

און איך ווייס נישט וואָס צו ענטפערן.

מיין טאַטע העלפט מיר אַרויס:

„לאָז זיך נאָר, מיט השם יתברכס הילף, די מלחמה ענדיקן, וועט מען שמועסן. וואָס איז דאָ היינט צו רעדן?״

און מיין מומע כאַפּט זיך:

„אין אַזאַ צייט, גאָט זאָל איר פאַרגעבן, איז טאַקע נישט גאַנץ גלייך צו רעדן סתם ריידערייען״. און די מומע בלייבט שטיל פאַר מיין טאַטנס מוסר.

און מיר נעמען זיך צוהערן צו די פּראַלנדיקע אויפרייסן פון די גראַנאַטן, וואָס קומען טיילמאָל צו אַזוי נאָענט, אַז ס׳דאַכט זיך, זיי רייסן אויף אויפן דאַך.

סג

ביינאַכט. ווער קען דאָס שלאָפן? דער ווילדער האַרמי־דער פון די האַרמאַטן. דער טייוולישער שפּריי פון די פּולע־מיאָטן און דער שטורמישער רעגן פון די ביקסן לאָזט נישט שלאָפן. זיצט מען אויף און מען וואַכט אין דער נאַכט אַריין. מען הערט זיך צו צום בלוטיקן טאַנץ, וואָס מענטשן גייען אויף די חורבות פון זייער אייגן בלוט און פליייש. קומט צום מיתה־משונה־פייער (בלע״ז טראָמל־פייער) פּאַקט מען זיך אַריין צוויי פינגער אין די אויערן—מען וויל פאַרגעסן אינגאַנצן פון זיך—אַזוי צערייסט עס אין קאָפּ. איצט, אַז ס׳קומט צו דער מאוימדיקער אַטאַקע און מען הערט דעם קאָנוואולסיוון „הוראַ״, דעמאָלט איז ווי טויזנטער עגלה-ערופות וואָלטן זיך צעשריגן. און לאַנג נאָכן איינשטילן הערט מען נאָך דאָס זשור־זשען פון אַ טויזנט־מייליק מויל, וואָס זידט מיט גאַל. און די דריי הונדערט טויזנט-איינוואוניקע שטאָט האַלט איין דעם אָטעם, ווי אַ ים וואָלט פאַר איר געשטאַנען אויסצוגיסן.

סד

מיר מאַכן אַ גאַנג צו אונז אַהיים. נאָך אַזאַ טראָמל־פייער ביינאַכט שטילט זיך איין ביי טאָג אַביסל. און מיר גייען, איך מיטן טאַטן. אַ פּרעסטל האָט ביינאַכט געכאַפּט, זע־נען די וואַסערלעך אויף די לעכערדיקע וועגן פאַראייזט. און מיר גייען אַריין אין נאַוואַקס גאַס און אַ גרויל כאַפּט אונז אָן. אויף אַן אויפגעהאַקט פענצטער איז צוגעפרוירן אַ פּיענטע פון אַ פוס און אינעווייניק אין שטוב ליגט די רעשט טייל פונעם פיס. און מיר ווערן געוווירע, אַז אַ באָמבע פון אַ דייטשן עראָפּלאַן האָט צעשמעטערט אַפּאָר מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען אויף אַ הויף און זיי אַפּערגעשליידערט פונעם הויף אויף דער גאַס אַפּער. גייען מיר ווייטער און טרעפן פאַראייזטע קאַלוזשעס בלוט. ביז מיר קומען צו אונזער שטוב, דאָ טרעפן מיר אַ חורבן. אַלץ אין דער שטוב איז איבערגעקערט

קאַפּויער, און די זאַכן, וואָס מען האָט געקאָנט נעמען, האָט מען צוגענומען. און דאָס שטרוי פון די בעטן איז פאַרבלו־טיקט און מיט איינגעשמוצטע אָניצעס אויסגעמישט. און אַן אויס־געברענט דיק חלבן ליכט איז אויפן מיטן טיש אָנגעחלבט — שדים האָבן דאָ, ווי עס זעט אויס, געפּראַוועט אַ חתונה. און די סחורה פונעם פּאָרגעריכטן שטעל איז אַראָפּגעריסן און אויף שטיוול־טיכער צעפּאַסעוועט. און טעפּ קאַרטאָפל אין די שאָלן שטייען אָפּגעקאָכט אין אויוון, קאַלטע, נישט געריהרט. און מיר כאַפּן זיך אַרויס אין דער אָפּגעהוישעגאַטן געסל אַריין צו ר׳ זעליקן ־ ר׳ זעליק האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן די ספרי־תורות — און מיר טרעפן ר׳ זעליקן מיטן ווייב דערשראָקענע, בליילע, אָן חיות.

„גוט, וואָס מיר זענען שוין געקומען. ווען נישט די ספרי־תורות און אונזערע סחורות, וואָלט ער שוין געוועזן לאַנג אַנט־לאָפן". און ער בעט מען זאָל שאַפן אַ דראָשקע, וויפל ס׳זאָל נישט קאָסטן מאַכט נישט אויס. ווו ער וועט אַנטלויפן מיט די ספרי־תורות. ס׳דויערט לאַנג ביז מיר שאַפן אַ דראָשקע, נאָר דאָ שפּאַרט זיך איין ר׳ זעליק, אַז מיר זאָלן פריער נעמען די סחורות, ס׳האָט געדויערט אַזוי לאַנג, וועט דויערן נאָך אַ־ביסל. ער וועט זיך שוין איצט, אַז ער איז פריי פון די סחורות, שאַפן אַליין אַ דראָשקע. און ער העלפט אונז אַריינ־פּאַקן די סחורות אויף דער דראָשקע און מיר פאָרן צום פע־טער לייב מיט די סחורות.

סה

אין דער שטאָט איז לעצטנס געוואָרן אוממעגלעך אַדורכ־צוגיין — די שטאָט איז פול מיט סאָלדאַטן און לאַזאַרעטן־וועגלעך, און אומעטום זענען איינגעאָרדנט צייטווייליקע שפּי־טעלער. אויף שריט און טריט — אַ לאַזאַרעט, און טריט און שריט — אַ לאַזאַרעטן־וועגעלע מיט אַ הורג. און דאָ פאָרן פאַר־ביי אַ ריי פּראָסטע ראָלוועגן מיט צעהורגטע מענטשן, וואָס ליגן ווי געשאָכטענע קעלבער. ווענעמס שטיול קוקן אַרויס

פון די איבערדעקטע שינעלן. און מיין פעטער לייב לויפט פון שפּיטאָל צו שפּיטאָל און טיילט לעפּעלעך איינגעמאַכץ אין די מיילער אַריין די קראַנק־געוואָרענע סאָלדאַטן. און סאָלדאַטן אָכצן און קרעכצן. און פיל זאָגן זיך אָפּ פון אַ לעפּעלע איינגעמאַכץ און בעטן מען זאָל זיי געבן סם. איינער וויינט אויף אַ פוס, און איינער — אויף צוויי. איינער אויף אַ האַנט, און איינער — אויף ביידע. און טייל ליגן שטום, ווי טויט, און וויינען נישט. און בעטן נישט. און די שכנים פון מיין פעטער לייב האָבן היינט געשמועסט צווישן זיך, אַז ביז זעכציק טויזנט ליגן שוין פאַרוואונדעט אין די שפּיטעלער.

סו

וואָס הערט זיך ביי חייה־שרהן, ווייס איך נישט. די פּאָסט גייט נישט און איך קאָן נישט שרייבן קיין בריוו. אַהינצוגיין צו איר איז געפערלעך: זי האַלט זיך אויף ערגעץ דאָרט אויפן גרינעם־מאַרק, און אַלע מערק — אָנהויבנדיק פון באַלוטער פּלאַץ, נייע שטאָט, גרינעם־מאַרק ביז שייבלערס־מאַרק — זענען פול מיט אַבאָזן, ווו קיכן פאַרעוועץ אויף זיי, אויף די מערק, און די קיכער טיילן עסן די אָרימע גויים. און אַ ייד איז איינגעשטעלט מיטן לעבן, און נאָך דערצו איך, מיט אַזאַ לאַנגער נאָז, — אַז כ'זאָל דאָרט פאַרבייגיין. ווייל איך שוין גיין, לאָזט מיך דער טאַטע נישט. און ער באַרויקט מיך: „ס'איז אַלדאָס גוטס. דער טאַטע אין הימל וועט זיי היטן, חייה־שרהן מיט אַלע יידישע טעכטער". ליג איך, ווי מיינע אָבות „אויף די טייכן פון בבל", און וויין. און איך בעט פאַר מיינע יונגע שוועסטער ביים פאָטער פון דער וועלט, ער זאָל זיי שיצן פון אַלעם שלעכטן, פון אַלעם בייזן, אמן.

סז

די יידן שכנים האָבן אַ שמועס ביי מיין פעטער:
„ס'איז עוקבתא דמשיחא — דאָס זעט מען בחוש, וואָרן פון די עצמות היבשות וועט אויפשיינען משיח".

און יידן לאָזן זיך אַריין אין אַ שמועס, ברענגענדיק פאַר־שידענע ראיות, פון דעם נביא־השקר אָן, ביז די פאַלשע משיחים, שבתאי צבי און יעקב פראַנק, קומען זיי צום סוף, אַז די גאולה איז נאָענט.

„ווען האָט מען דאָס געהערט, מען זאָל נעמען אַ רבינס אַ ברודער און מען זאָל אים אויפהענגען?״ — רופט זיך אָפּ אַ יידל.

„נאָר אין די ימי־הקץ וועלן פאַסירן אַזעלכע אויסטער־לישע זאַכן״—רופט זיך אָפּ אַ צווייטער ייד.

„משיח וועט פריער נישט קומען, ביז די וועלט וועט זיין כולה זכאי אָדער כולה חייב. און ווי עס זעט אויס, וועט ער קומען ביי כולה חייב״—רעדט אַריין אַ דריטער ייד.

„אוי וויי, כולה חייב—כולה חייב״—חזרן די יידן איבער.

סח

איין־און־צוואַנציק טעג געדויערט די באַלאַגערונג פון לאָדזש. געדויערט האָט זי אייגנטלעך איין־און־צוואַנציק יאָר, ווייל אין אַזאַ צייט קאָן מען רעכענען אַ טאָג פאַר אַ יאָר. אַז די רוסישע טעג זענען געציילטע, האָבן די שכנים פון מיין פעטער לייב מיט אַפּאַר טעג פריער געזאָגט: „מען האַלט אין איין פירן די קראַנקע סאָלדאַטן צו דער באַן — טאָג און נאַכט פירט מען זיי. דאָס איז דער בעסטער סימן, אַז דער רוס האַלט ביים אָפּטרעטן״. דער צווייטער צד האָט געזאָגט: „ני־קאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש האָט אַ האַלבן מיליאָן סאָלדאַטן אין זיין רשות און ער וועט נאָך נישט אַנטלויפן. און דער ערשטער צד האַלט אַנדערש: „ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש איז אַ שלעכטער מנהיג: ער האָט געשטופּט זיינע סאָלדאַטן אין שאול תחתיה אַריין — ער האָט זיי געיאָגט אין די האַרמאַטן אַריין. געטריבן אויף די דראָט־ווענט און, ווי פליגן אויף קלעפּ־פּאַפּיר, זיי אויפגעהאָנגען אויף די פאַרגיפטעטע צוימען. און דער צוויי־טער צד פרווט נישט לייקענען אין ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטשעס פירן: אדרבא, ער האָט געמאַכט גרויסע פעלערן, שוין דאָס

זיין גרעסטער פעלער, לאָזנדיק זיך פאַרשפּאַרן אין דער שטאָט לאָדזש. און ביידע צדדים גיבן אַ זיפץ: „יונגע לעבנס״.

סט

און אַריינגעקומען איז ער, דער דייטש, ווי אַן עריך בכל כוחו — האָבן אים די טומאה־לאָקן נישט אַזוי פלינק באַגריסט, האָט ער אַ צענטליק שראַפּנעלן־זאַלפּן אָפּגעגעבן אויף דער שטאָט — זענען טאַקע געפאַלן אַ פּאָר צענטליק מענטשן. ערשט אַז מען האָט אָנגעהויבן קלינגען אין די גלעקער, זענען אָנגעלאָפן רעשיק אַפּאָר אויטאָמאָבילן מיט פרישע לעבעדיקע יונגען אין לעדערנע פעלצלעך, געשטעלט זיך קעגנאיבער דער פוילישער טומאה, און גענומען פלאַפּלען אַ פּאָנפּעוואַטן דייטש מיט די דורכגייער. און ערשט שפּעטער האָבן זיך אָנגעהויבן צו שיטן אינפאַטעריע, דערנאָך קאַוואַלעריע און צום סוף אַרטילעריע. און דער דייטש האָט זיך אויף ריכטיק באַזעצט אין לאָדזש.

ע

מ׳איז אַהיימגעקומען האָט מען אויסגעזעען, ווי נאָך אַ שרפה. אויסגעהאַקט די שויבן אין דער צווייטער שטוב און אַלץ איז אַרויסגענומען פון איר. האָט מען זיך איינגעאָרדנט אין איין שטוב, אין דער וועבער-שטוב. מען האָט איינגעלייגט אַ שטול און אַריינגעשטעלט ביידע בעטן אינעם ווינקל פון דער שטוב. „ענגער וועט זיין וואַרעמער, האָט דער טאַטע באַמערקט, ס׳איז ווינטער״. און אַ טאָג האָט געדויערט דאָס אַרויסרוימען ס׳מיסט פון דער שטוב און דערנאָך האָט מען אויף איר פאַרהאַקט די לעדן און אים, דעם „פּאָקאָי״, געמאַכט פאַר אַ פינצטערע קאַמער צו דער וועבער-שטוב. ביים אויפמאַכן דאָס פענצטער אין דער וועבער-שטוב, אַביסל אויסצולופטערן איר, קומט ר׳ חיימל צו צום פענצטער: „שלום עליכם, חיאל״ — „ברוך הבא, חיימל״ און ר׳ חיימל גיט אונז די האַנט און ער דערציילט, אַז חייה-שרה מיט זיין טעכטערל און זיין ווייב זענען שוין

דאָ, און בײַ זײַן װײַב פֿעלט גאָרנישט—שאַקס האָט געהיטן און ער באַדויערט דעם מעמד אין אונזער שטוב, נאָר געלױבט צו גאָט, מען איז נישט געמינערט געװאָרן.

עא

חיה־שרה גיט אונז אָפּ כבוד, זי קומט אַבײַ פּאַרנאַ ט, געװױר װערן, װאָס מיר מאַכן, און װי האָבן מיר געפֿילט בײַ דער מומע מלכּה? זײ האָבן זיך זײער גוט געפֿילט בײַ זײער קרובה אַלטעלען. און איך זאָל איר אַנטשולדיקן, זי האָט די דרײַ־פֿיר װאָכן נישט געלײענט קײן אײן שורה. יאָ, דאָרט בײַ אַלטעלען האָבן זײ געהאַט פֿון אַלעם—אַ בעקער האָט גע־ברענגט פֿריש ברױט און אַ שטאָט־פֿױער האָט געברענגט פֿרי־שע מי״ך. און טײ מיט צוקער האָט דאָך ער, אַלטעלעס מאַן, אָנגעגרײט, איז געװען פֿון אַלעם. ס׳האָט אונז אױך נישט געפֿעלט. קאַרטאָפֿל האָבן מיר זיך געברענגט אײגענע, װאָס האָבן מיר מער געברױכט? צו שמעלצן פֿעלט נישט בײַ דער מומע מלכּה—האָבן מיר געקאָכט קאַרטאָפֿל מיט רײַז. און חיה־שרה זאָגט:

„איצט װעט זי שױן אָנהײבן אַביסל לעזן. אין אַנדער־סענס „די ים־פּרינצעסין״, ליגט די גאַנצע צײַט בײַ הדסן—זי האָט אױך נישט גע״עזן״.

און איך פֿאַרגיב איר, װײַל איך האָב אױך נישט גע־לײענט.

עב

ס׳געסל איז חרוב געװאָרן. אליה ברעזשינער איז טױט, בערל שוסטער איז אַנטלאָפֿן מיט דער רוסישער אַרמײ, לעבן גער, אין אַ שטעטעלע אַרײַן — אַנטלאָפֿן מיט װײַב און קינד. דודל פּאָניע איז געװאָרן אַ פֿערד. ער האָט אָנגעהױבן צו שלעפּן אַ װעגעלע. און קלמן שלאַמקאָװיטש אונזערס אַ שכן איז געװאָרן אַ פּאַקער. דער איז אַנטלאָפֿן צו אַ ברודער. דער־

—צו אַ שוועסטער. און עטלס הורטאָווי סקלאַד איז באַרויבט און זי מיט סרולקע איר מאַן זענען אַנטלאָפן אין דער שטאָט אַריין. און אין פלויט, פון ר׳ זעליקס שטיק פעלד, האָבן די גויים אויסגעריסן און צעכאַפּט. איז ס׳געסל געוואָרן ליידיק.

צווייטער טייל

א

ווי אַ פייכטער באָדן, אַזוי איז די ליבשאַפט געוועזן אין מיר, און ווי גראָז איז זי געוואָקסן—אַלץ העכער און העכער. און חיה־שרה איז געוועזן די זון און טוי פאַרן באָדן.

איך הייב זי אָן צו לערנען העברעיש. איך וועל מיט איר אַדורכגיין דעם ערשטן ספר „הלשון" און דערנאָך וועל איך זען פאַר איר שאַפן אַ לערער, ער זאָל מיט איר ווייטער לערנען, ביז זי וועט אַדורכגיין אַלע דריי ספרים און ערשט וועל איך זי שיקן אין אַ „גן־ילדים" ביז זי וועט ווערן אַ העברעישע פרעבליסטקע.

דאָס לערנען האָב איך איינגעטיילט דריי מאָל אין אַ וואָך. און ס'האָט זיך פאַר מיר אויפגעעפנט נייע טויערן. די ליבע האָט אָנגעהויבן צו מאָנען: איך מוז זי זען אויף יעדן צווייטן טאָג, אַריינקוקן איר אין די בלויע ווייסלען. באַ־רירן טיילמאָל איר האַנט און אָטעמען פון דער נאָענט איר אָטעם. און געלערנט האָב איך ביי אונז אין דער וועבער־שטוב. דאָס זענען געווען מינוטן, ווי אונזער וועבער־שטוב איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַסטעך־שטיבעלע ווו צוויי אומשולדיקע קינדער ווערן פאַרבלאָנדזשעט אָן מאַמע אויף אַ ווייל און זיי מוזן זיך געפינען אַ וועג פון די פאַרפלאָנטערטע רייד זייערע און אַזאַ וועג געפינען זיי קיינמאָל נישט—מיר פאַרפלאָנטערן זיך, ווי ביאַליקס באַבאָטשקעס. און אַזוי גליטשן מיר זיך אַראָפּ אין אָפּגרונט פון געפילן, ווו מיר טוען זיך מער פאַרפלאָנטערן.

ב

מיט פרנסה איז שלעכט, מיר פֿאַרדינען שוין נישט אויף קיין ברויט. פֿון לעצטן האַלבן יאָר אָן—איז טאַקע שלעכט. אַ שטיקל גליק האָבן מיר געהאַט, וואָס ביי אונז פֿאַניוויערען זיך אַרום אַפּאָר הונדערט רובל און ר׳ זעליק האָט מיין טאַטן צו־גענומען פֿאַר אַ שטיקל שותּף צו זיינע פעלן.

נאָכן שלאַכט אַרום לאָדזש איז אין לאָדזש געווען אַ שפע אויף פערד־פעלן. חוץ די פערד, וואָס זענען געפאַלן אין שלאַכט, איז אויף זיי, אויף די פערד, געקומען אַ מגפה—מחמת פון געמיינעם איינשיט זענען זיי געפאַלן ווי די פליגן — איז געווען צו קויפן פערד־פעלן בחצי־חינם: פֿאַר דריי רובל און פֿאַר ווייניקער האָט מען געקריגן אַ פערד־פעל, וואָס האָט גע־קאָסט אין פרידנצייט אַלט־ניין רובל. איז אָבער געווען אַן אַנ־דערע צרה—זאַלץ, ווו נעמט מען זאַלץ? אַ לויט זאַלץ איז אַ לויט גאָלד — איז מיין טאַטע טאַקע אַרומגעלאָפן צווישן יידן, וואָס האָבן פֿאַרשטעקט אַ זעקל זאַלץ און זיך מורא געהאַט דערמיט צעוויזן. און מיין טאַטע האָט׳ס געברענגט, ס׳זעקל זאַלץ, בשתיקה צו ר׳ זעליקן אין שפייכלער אַריין, ווו זיי האָבן מיט אַ ברכה פֿאַר זיין ליבן נאָמען, וואָס ער שיקט זיי צו זאַלץ, געזאַלצן די פעלן און מיט אַ ברכה זיי איינגעפעקלט אויף בעסערע צייטן.

ג

און איך גיי אָן מיט מיין לערנען חייה־שרהן. דאָס לער־נען גייט כשורה. זי פֿאַרנעמט. און איך פריי זיך, ווי אַ קינד אין די שעהן, וואָס איך בין אַליין. מיין חלום נעמט שפּראָצן אויף די פיינע בייטן פון האָפענונג,—חייה־שרה וועט ווערן אַ פּרעבליסטקע. און מיינע שוועסטערלעך באַזאָרגן ליכט, ס׳זאָל זיין מיט וואָס צו ברענען בעת חייה־שרה לערנט. און איך לערן כסדר: פון קליינעם סיפּור גיי איך צום שיר און פון שיר צו אַ פּסוק דיקדוק. און חייה־שרה זאָגט, כ׳וואָלט געקענט זיין

אַ לערער, כ׳לערן אַזוי לייכט, אַזוי איבערגעגעבן. און איך לייקן און מיין קענטעניש—כ׳בין נישט קיין אַזאַ גרויסער קענער, ווי זי, חייה־שרה, מיינט. פאַרקערט, ערשט ביי איר לערן איך זיך. ווי אַזוי איך קען זי לערנען, ווייס איך אַליין נישט — סיידן, ס׳קומט צו מיר אַ מלאך יעדע נאַכט, ווי ער איז געקומען צו יוספן אין תפיסה אַריין און לערנט מיך אויס די לעקציע, וואָס כ׳ברויך מיט איר, מיט חייה־שרהן, צו לערנען. און חייה־שרה חזרט די העברעישע לידלעך פון אויסנווייניק און די „שיעורים״ גיין צו פלייסיק.

ד

און אַזוי איז אַריין אין קראַפט: אַכט לויט ברויט אויף אַ קאָפּ אַ טאָג. און נאָך די אַכט לויט ברויט ברויכט מען צו שטיין אין דער רייע אַ נאַכט און טיילמאָל מיט אַ טאָג. שטעלט זיך אין רייע מיין שוועסטערל פּיטשעלע פאַרנאַכט, שטייט זי ביז צוועלף ביינאַכט, פון צוועלף ביזקל זעקס אינדערפרי שטייט מיין טאַטע, און פון זעקס ביז מען טיילט ס׳ברויט— ביז צען־צוועלף—שטייט מיין שוועסטער צירעלע, און נאָך אַלעם לאָזט זיך אויס מען קריגט נישט קיין ברויט. און דאָ איז ווינטער און די פרעסט בריען, אַז ס׳נעמט אָן ביים האַרץ. נאָר אין דער רייע איז וואַרעם. מען קוועטשט זיך אין דער רייע אַרויס דאָס אינגעווייד פונעם לייב. איר זאָגט, דאָס אין דער רייע איז קאַלט? אין דער רייע איז וואַרעם, ווי אַ מאַמעס בויך— נאָר נישט אַזוי געצערטלט, ווי אין אַ מאַמעס טראַכט. טרעפט מען אַמאָל אָן אויף גויים, וואָס שטורקען, שטויסן איז אויך נישט קיין אומגליק. און דאָס טרעפט אויך: גויים מאַכן אַ בילבול, אַז אויף אַ יידישע פלייצע שטייט אַן אומפלוי, איז דער אומגליק מען כאַפּט דעם ייד, צי די יידענע, אין באָד אַריין און מען פאַרעט זיי אויס פון קאָפּ ביז די פיס. נישט קיין אומגליק, אַז מען שטאַרבט אַמאָל דערפון.

ה

מיט קאַרטאָפל האַלט אויך נישט בעסער. קאַרטאָפל באַ־
קומט אַ קאָפּ שוין דריי פערטל פונט אַ טאָג און אויך נאָך זיי־
נאָך די קאַרטאָפל, מוז מען שטיין אין דער רייע. דאָ שטייט
מען שוין נישט אַ נאַכט—דאָ שטייט מען כסדר, נעכט און טעג.

אַ בריה אין דעם איז מיין שוועסטער צירעלע: זי טוט
זיך אָן מיין טאַטנס גראָבן פאַלטן, ס׳זאָל איר זיין וואַרעם—
מיט אַ פאַטשיילע אויפן קאָפּ. אַזוי גייט זי אַ מייל וועגס,
אַזשיק אויף טאַרגאָווע גאַס, אַרויס נעכטיקן די נאַכט—אין רעגן,
קעלט און אין שטורעם. שטייט מען שוין אין דער רייע, איז
מען אַ גליקלעכער — מיליציאַנטן טאָן פריער צעיאָגן אַ דריי־פיר
מאָל די רייע—מען טאָר נישט שטיין ביינאַכט — באַהאַלט מען
זיך אין ווינקעלעך, אין טויערן, און מיטאַמאָל. ווען מען מעג
זיך שוין שטעלן אין דער רייע, גיט מען זיך אַ לאָז, יעדער
פון זיין ווינקעלע, און כהרף־עין שטייט אַ וואַנט. ווער ס׳האָט
שטאַרקע עלנבויגנס, דער שטייט פריער. און דער קריגט טאַקע
פריער, אויב ס׳איז נאָך דאָ קאַרטאָפל, די „גילדענע עפל". און
אַסך מאָל שטופּט מען זיך און שטויסט זיך, און אַלץ פאַרן
שוואַרצן יאָר—מען ברענגט נישט קיין קאַרטאָפל. די קאַרטאָפל,
אויב מיין שוועסטער באַקומט זיי, טו איך זיי שוין מיט מיין
ברודער דודל אַהיימטראָגן און מיר גיסן זיך אָן מיט בלוט,
ביז מיר קומען אַהיים מיט די קאַרטאָפל.

ו

מען שמועסט זייער שטאַרק, אַז דער דייטש וועט צונעמען
אַלע לעדער, וואָס יידישע סוחרים האָבן איינגעקויפט—האָט זיך
באַלד דער גאַנצער פעל־מסחר אָפּגעשטעלט—מען קויפט נישט
קיין פעלן. און דאָ האָבן מיר אַריינגעלייגט אונזער גאַנץ פאַר־
מעגן אין די פעלן. אָבער ר׳ זעליק זאָגט, ס׳איז נישט אונזער
דאגה, ער וועט אונזער געלט אונז אויסצאָלן, נאָך מיט אַן עודף.
נאָר דערווייל זאָרגן מיר זיך אַביסל. אונזערע לעצטע גראָשנס

אַרייַנגעלייגט אין אַ געשעפט, וואָס שמעקט מיט צונעמען עס. אָבער מיטאַמאָל נעמט ר׳ זעליק מיין טאַטן צו זיך אין שטוב אַריין און זיי טרינקען צו גלעזלעך בראָנפן. און ר׳ זעליק שטעקט מיין טאַטן אין דער האַנט אַריין צוויי הונדערט רובל, דאָס וואָס מיין טאַטע האָט אַרייַנגעלייגט אין די פעלן—מיט אַן עודף צוויי הונדערט מאַרק. ער, ר׳ זעליק, האָט געקריגן אַ באַפעל פונעם דייטש, צוצוגרייטן די פעלן און ער האָט שוין געקריגן באַצאָלט פריערויס. געלויבט צו גאָט פאַר דעם—צו גאָט ליגט מען נישט צו.

מען האָט געמאַכט ביי אונז דעם זעלבן טאָג אַ גוט מיטאָג.

ז

איך פיר איין צוריק די שמועסן איבער בילער און דיכטער. דעם לעצטן שמועס האָבן מיר געהאַט איבער אַנדערסענס „ים-פרינצעסין״. זי, חיה-שרה, האָט עס, דאָס קינדער-מעשהלע, אויסגעדיכטעט פאַר גרויסע — אויפגענומען נישט ווי אַ קינד. מיין שוועסטער צירעלע, פאַרקערט, האָט זיך געפרייט מיט דער מאָדנער געשיכטע פון דעם מאָדנעם פיש-מיידל. און אויף מיין פראַגע, צי וואָלט זי, חיה-שרה, געוואָלט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַזאַ ים-מיידעלע? „ניין, האָט זי געענטפערט. צו ליבן זיך קען מען זיין אַ מענטשן-מיידל״, און מיין שוועסטער צירעלע וואָלט דווקא געוואָלט איינגעטווישט ווערן אין אַזאַ מיידל, נאָר זי זאָל האָבן פיס. און חיה-שרה איז נישט מסכים: „מיט קאַלט בלוט וואָלט זי נישט געוואָלט לעבן״.

„אַזוי ווייט גייט זי נישט — פאַרשעמט זיך מיין שוועסטער. „איר איז געפעלן די טיפע ליבע פון דעם ים-מיידל — און דעם וואונדערלעכן פאַלאַץ, אין וועלכן די פרינצעסין וווינט!״ כאַפט מיין קליין שוועסטערל פייטשעלע אונטער, נאָר צו מיין שוועסטערל הערט מען זיך נישט צו. חיה-שרה איז פאַרנומען מיט איר טיפן זיג איבער מיין שוועסטער און מיין שוועסטער פילט זיך נאָך אַלץ פאַרשעמט. און איך פאַל אויף אַן איינפאַל, איך הייב אָן צו רעדן וועגן אַנדערסענען, דעם

מייסטער פון קינדער-מעשהלע. און זיי נעמען זיך צוהערן. און איך שילדער אַנדערסענען אַלס ליבער פּאָטער פון די קליי-נע קינדערישע הערצעלעך—ער איז דער גרויסער קינדער-טאַטע פון אייראָפּע. ער האָט אויסגעלייזט דאָס קינדער-רעטעניש. ער האָט אַנטדעקט דעם קינדערישן אלף-בית. ער, דער גרויסער מייסטער. און מיידלעך פאַרגעסן אָן זיך און זיי זאָגן זיך פריינטלעך אַ גוטע נאַכט, צום אַהיימגיין.

ח

איינציקוויז אָרדנט זיך צוריק די חברה איין, איר אבידה איז גרויס: אליה ברעזשינער. קיין סך אליה ברעזשינערס איז נישטאָ—אַ ייד, וואָס איז געווען כולו טוב, לויטער גוטסקייט האָט פון אים געשמעקט. אַ ייד, נישט קיין ׳זאַ גרויסער למדן, נאָר אין „עין-יעקב״ און אין תהילים מיט אַ פרשה חומש האָט ער אָפּגעהיטן. אויך איז ער געווען פון די ערשטע תלמידים פונעם רבין אין דער חברה—אָפּגעהיטן יעדע שעה, וואָס דער רבי קומט, און דער עיקר פרום געדאַוונט. האָט די חברה טיף געפילט איר אבידה. און לאַנגזאַם האָט זי זיך, די חברה, גע-שטעלט אויף די פיס, געזאַמלט כוח פאַרן קיום פון קבוץ, גע-האָלפן איינעם און צווייטן מיט פדיון-שבויים, מיט מתן-בסתר. די צייטן זענען שלעכטע, ביטערע—טוליען זיך יידן נאָך ענ-גער צוזאַמען און מען וואַרעמט זיך ביים גרויסן ליכט פון יידישקייט.

ט

מאַכט זיך, אין מיטן העלן טאָג קומט צו פאָרן אַ דייטשער לאַסט-אויטאָמאָביל און שטעלט זיך פאַר ר׳ זעליקס טיר. באַלד זענען גרויס און קליין אויף די פיס. „די דייטשן זענען באַ-פאַלן זעליק לעדערהענדלערס פעלן-שפייכלער״. און זיי, די פלינקע דייטשן, שלעפּן די פערד-פעלן פונעם שפייכלער אויפן אויטאָמאָביל אַרויף—און דער הויכער לאַנגער דייטש, וואָס שטייט ווי אַ גיבור אויפן אויטאָמאָביל, פּאַקט און פאַרשטרי-קעוועט די לעדער, פייפט זיך צו אַ לידל און טרייבט שפּאַס

מיט די קינדער, וואָס שטייען אַרום אויטאָמאָביל און טיילט זיי שאָקאָלאַד. און אַזוי פייפט ער ביז ער סדרט אָן אַ הויכן, שפּיציקן אויטאָמאָביל. און צום סוף גיט ער אַ הויכן טראָמפּק, און זיי, די דריי דייטשן, פאָרן מיטן אויטאָמאָביל שוואַר־משאיק אַוועק.

י

חיה־שרה קומט אַמאָל טרויעריק צו גיין אויף דער לעקציע. איך פרעג פאַרוואָס איז זי אומעטיק און זי ענטפערט: „זי מוז אויפהערן לערנען", און זי דערציילט, אַז די מוטער האָט אַ שטיקל געוועלבל, און פונקט אַלע אויפדערנאַכט, ווען זי, חיה־שרה, ברויכט צו קומען לערנען, ברויכט די מוטער אַוועקצוגיין וועגן געוועלבל, זי. חיה־שרה, באַדויערט עס. אָבער פרנסה איז היינט פריער פון אַלץ".

ס'האָט מיך געטראָפן—אַ סוף צו מיין חלום. און ווידעראַרום איז חיה־שרה גערעכט, היינט איז עסן די גרעסטע זאַך. און איך ברויך דאַנקען און לויבן גאָט, וואָס חיה־שרה האָט צו עסן. וואָס וואָלט איך געטון, ווען חיה־שרה האָט חלילה נישט צו עסן? און איך נעם אָן דאָס אויפהערן לערנען פאַר גוט—מסתמא ברויכט אַזוי צו זיין — קעגן גורל טאָר מען נישט גיין.

יא

מיט דער צייט איז דודל פאָניע אָנגעקומען אין אַ דייטשן שפּייז־לאַגער, מיט זיין וועגעלע, צו פירן עסנוואַרג. אין די שטאָט־קיכן אַריין. ער האָט אויפגעלעבט. איינגעשפּאַנט זיינע צוויי יינגלעך אין וועגעלע פאָרנט, העלפט ער שטופן דאָס וועגעלע פענצעק, צי אַרבעס, פון הינטן. ער לייכט. און אין דער חברה רומט ער הינדענבורגן פאַר זיין סטראַטעגיע און לייגט אין דער ערד אַריין ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטשן און גענעראַל רעננענקאַמפן פאַר זייער שלעכט פירן. און ער נעמט שילדערן דעם ניצחון־מאַרש פון די דייטשן אין אָסט־פּרייסן—און פון

לאָדזש ברויך ער זיי נישט דערציילן, דאָס האָבן זיי אַליין גע־
זעען—און ווער האָט אַלץ דורכגעפירט? אַלץ הינדענבורג.—אַ
גאונישער קאָפּ דער הינדענבורג, און ער נעמט דערציילן, ווי
הינדענבורג האָט געשפּילט אין שאָך מיטן קייזער ווילהעלם און
ווער, מיינען זיי, האָט געוווּנען, אויב נישט הינדענבורג. און אין
איין וועגס דערציילט ער שוין, אַז מען וועט אין דער קיך
די וואָך געבן אַרבעס מיט קאַרטאָפל פּאַר גרויסע און רייז
מיט מילך—פּאַר קינדער. דער דייטש האָט אָנגעברענגט אַ וועלט
מיט קאָנדענסירטע מילך. אויך אַ תהום מיט רייז. אַ מלוכה—
קרחס עשירות פאַרמאָגט עס און יהודה המכבים גבורה האָט עס.

יב

איך נעם פליסיקער מיט חיה־שרהן לעזן. לערנען לערנט
זי נישט, כאָטש לעזן—און לעזן הייסט אויך געלערנט. דאָס
לעצטע בוך, וואָס זי לעזט, איז „מאַנאַ וואַנאַ" פון מעטערלינקן.
און פון בוך איז זי צופרידן. איבערהויפּט, שרייבט זי מיר
איז זי צופרידן פון דער פירשטין פון גערעכטיקייט,
פון איר—פון מאָנאַ וואַנאַן מיט איר מפקיר זיין זיך פאַרן פאָלק
אין לאַגער פון שונא. און איך שרייב איר צוריק: „מאָנאַ וואַ־
נאַ" איז מיר אויך געפעלן, נאָר נאָך שטאַרקער איז מיר געפעלן
פרינצעוואַל מיט זיין שטילער, איינגעהאַלטענער גבורה: דער־
גרייכנדיק דעם העכסטן שפּיץ פון רום, גיט ער אַלץ אַוועק צו־
ליב זיין עטיק—זיין ליבע צו מאָנאַ וואַנאַן איצט איז אַ ריין
עטישע". איך דערהאַלט אַ תשובה: כ'האָב פאַרגעסן דעם גרויסן
כבוד, וואָס אַ פּרוי האָט, און זי, מאָנאַ וואַנאַ, האָט דעם כבוד
איינגעשטעלט, פאָרנדיק צו פרינצעוואַלן. און איך ענטפער איר:
ווער לייקנט דען אין איר, אין מאָנאַ וואַנאַס, גרויסקייט? נאָר
עטישער שטייט פרינצעוואַל, העכער פון מאָנאַ וואַנאַ. ער האָט
געהאַט מאָנאַ וואַנאַן אויף די שפּיץ פינגער זיינע און ער מאַכט
צומאָלט נישט אַ באַוועגונג איר צו באַרירן. און מיין שוועס־
טערל טראָגט נעבעך די פּאָסט פון מיר צו חיה־שרהן און פון
חיה־שרהן צו מיר מיט איבערגעגעבנקייט, מיט ליבשאַפט.

יג

ס׳טרעטן איין שלעכטע צייטן פאַר אונז—מיר פאַרדינען נישט קיין גראָשן און ס׳געברויכט איז גרויס. פּופּציק גראָשן אַ פונט ברויט—ס׳ווילט זיך זינדיקן און כאַפּן אַן איבעריקן כזית ברויט, חוץ די צוגעטיילטע אַלט לויט ברויט — און דאָ איז נישטאָ פון וואַנען צו נעמען, מוז מען אָנקומען אין דער ווע-בער-קיך. דאָס איז פאַר אונז אַ ביוש. אָבער מען קאָן זיך נישט קיין עצה געבן. און דאָס עסן ברענגט מיין קליין שוועסטערל יעדן טאָג מיט געוויין אויף אירע איידעלע ליפּן. און מיין שוועסטער צירעלע שעמט זיך צו ווייזן אין גאַס. און מיין טאַ-טע ווערט איינגעבוקטער פון טאָג צו טאָג. און מיין ברודער דודל האָט זיך איינגעשפּאַרט, ער מוז פאָרן אויף אַרבעט, צו די דייטשן—די דייטשן גיבן אַרבעט. וואָס פאַר אַן אַרבעט ווייסט מען נישט—הינטער קאַליש, הינטער שעראַדז. הונגערן האָט ער, מיין ברודער דודל, נישט געוואָלט. און ער איז געפאָרן.

יד

איך ווער אַן אייגענער ביי חיה-שרהן. ס׳איז מיר נישט צום האַרצן דאָס אַריינגיין צו חיה-שרהס מאַמע אין שטוב. נאָר איך קען נישט אַנטקעגנשטעלן קעגן חיה-שרהס פאַרלאַנג. און געדרעכט איז זי אויך. „זי קומט שוין צו אונז אַזוי לאַנג אַריין און איך זאָל נישט וועלן אַבייקומען צו זיי”. אַ גערעכ-טע טענה. די שטוב אינדערביי איז אַ מקום-מקלט פאַר אַלע שכנים, וואָס געבן נאָר עפּעס צו לייזן. און איך פיל זיך שלעכט אין זייער, אין די שכנימס, געגנוואַרט. נאָר מיינסטנס זיץ איך אינעם קליינעם שטיבל—צי מיט חיה-שרהן, צי אַליין. איך פאַרברענג אינעם קליינעם שטיבל.

מאַכט זיך אַמאָל אַזאַ פאַל. ס׳קומט אַריין אַ יידענע אויס-לייזן אַ משכּון און חיה-שרה נעמט דעם פּראָצענט, אַ האַלבן מאַרק. אַ שלאָג האָט מיר געגעבן צום האַרצן ס׳בלוט: חיה-

שרה, דער ריינער מלאך, נעמט פּראָצענט, נאָך דערצו מיט איר אייגענער האַנט, וואָס איך האָב זי אַזוי שיין באַזונגען — איך האָב געוויינט אויף ריינעם פאַרלוסט פון אמת.

טו

אַ שפּעלטעלע ליכט שפּאַרט זיך אַדורך אינעם געדיכטן פינצטערניש פון אונזער לעבן. אין דער חברה דאַוונט אַ קאָ־וועלער ייד — און מען רופט אים טאַקע מיטן נאָמען פון זיין שטעטל — ר׳ קאָוועלער. איז ער כל־ימיו אַ ייד אַ שאַכער, אָן ערלעכער מענטש. רעדט ער מיין טאַטן צו, אַזוי ווי ר׳ זעליק לעדערהענדלער האָט אַ גרויסן שפּייכלער, זיי זאָלן זיך אַלע דריי, ער, ר׳ זעליק און מיין טאַטע, אויפמאַכן אַ שמאַטשאַרניע. און שמאַטעס איז היינט דאָ לרוב. אַלטע זעלנערישע שינעלן, מונדירן און גלאַט אַזוי שמאַטעס, וואָס מען קויפט שוין נישט קיין דריי פערטל יאָר און פּאָנעוויע־ען זיך אַרום אין יעדער שטוב. מיין טאַטע האָט גערעדט מיט ר׳ זעליקן און ר׳ זעליק איז מסכים צו אַזאַ געשעפט: מיין טאַטע זאָל אַריינלייגן אונ־זער צירעלעס נדן, די דריי הונדערט רובל — וואָס זיי ווערן אָפּגעהיטן אין אַלע נויטן — און ער, זעליק, וועט אויך אַריינ־לייגן אַביסל געלט. און ר׳ קאָוועלער וועט זיין דער מבין. אין אַ גוטער שעה עפענען זיי אויף אַ שמאַטשאַרניע.

טז

איך האָב זיך נישט געקאָנט באַרויקן אַ לאַנגע צייט, נאָר דער פאַל מיטן פּראָצענט, וואָס חייה־שרה האָט גענומען. איך, וואָס איך וויל זיין ערלעך, ווי טאָלסטאָי, למשל, ווען איך האָב נאָך געהאַט צו אַרבעטן, איז צו מיר געקומען מיינס אַ חבר און מיך געבעטן, כ׳זאָל אים אָפּאַרבעטן אַ שטיקל שאַל אויפן האַלז. און וואָס וואָלט דעם פאַבריקאַנט גאַרנישט אויסגעמאַכט. האָב איך געפסקנט ניין, מ׳טאָר נישט אַראָפּנעמען אַ האַלב אייל סחורה, ווייל ס׳הייסט גנבה — און דאָ זאָל מיין „שלם משלמי״ נעמען פּראָצענט, כ׳בין געווען גרייט צו אַנטלויפן ווו די אויגן

קענען נאָר טראָגן. אָבער באַלד באַרויִק איך זיך און עס קומט מיר אויפן זינען אַרויף מיין טאַטנס ווערטל: „מ'נעמט אַרויס די קו פון שטאַל, מאַכט מען ס'שטאַל צו"—און חיה-שרה איז נאָר דערווייל ביי איר מאַמען. זי וועט נישט אייביק ביי איר זיין.

יז

באַלד פאַרשפרייט זיך אַ קלאַנג, ר' חיאלקע מיט ר' זעליקן האָבן אויפגעעפנט אַ שמאַטשאַרניע, דאָ און דאָ אויף קרוטקע קאַלבאַכס גאַס. און באַלד ווערט אַ געגיי, ווי צו עולה-רגל זיין: פון אַלע זייטן קומען יידן, ווייבער מיט זעק אויף די פלייצעס אין הויף אַריין. און ס'געשעפט, די שמאַטשאַרניע, גייט. ס'קויפט זיך איין וואָל, קרייעס, קופער, מעש, אייזן און אַלץ צו ביליקע פרייזן. למשל, אַ פונט וואָל, וואָס האָט געקאָסט אין פרידנסצייט פערצן-זעכצן גראָשן, צאָלט זיך איצט אַכט און אַמאָל זעקס גראָשן אויך. און, למשל, אַ פונט קופער, וואָס האָט געקאָסט אין די רויקע צייטן פערציק קאָפּיקעס, צאָלט מען צוואָנציק גראָשן. און דער קאַוולער שטייט און וועגט, מיין טאַטע און איך לייגן די סחורה אַוועק אין שפייכלער אַריין און ר' זעליג איז קאַסירער.

יח

אינערלעך לעב איך אויף. איך גיי דריי מאָל אַ טאָג פאַרביי פאַר חיה-שרהס פענצטער, ווען איך גיי צו ר' זעליקן אין שפייכלער אַריין, און איך מאַך זיך נישט קוקן אין פענצטער אַריין. נאָר אינערלעך קוק איך מיט מיין גאַנצע ראיה דערין אַריין. און טיילמאָל, פאַרנאַכט, טרעף איך חיה-שרהן שטיין אין פענצטער און מיר באַגריסן זיך, און וואַרפן זיך אַדורך מיט אַ וואָרט. איך ווער גרויס מיט מיין חיה-שרהן, וואָס אירע פליגל פון מנוחה ווייען אויף מיין אָוונט און זיי פאַרפירן מיך אויף אַ בלאָען אינזל, ווו אויף אַ דורכזיכטיקן וואָלקן זיצט חיה-שרה מיט אַ בלום אין האַנט און זי וואַרט אויף מיר,

דעם אויסדערוויילטן אירן. און אַז איך לאָז זיך יאָ שוין אַריין אין טרוימען, זע איך זי, מיין חיה-שרהן, אין שניי-ווייסע פליגל פליען מיט מיין מאַמען אין די דורכזיכטיקע הימלען צום וועלט-באַשעפער און זיי בעטן ביי אים אויף בעסערע צייטן, און לאָז זיך אַריין, ווי אַ שטורעם אין שטוב אַריין, און וואַש זיך אַרום, טו זיך איבער און כאַפּ זיך צו דער אָוונט-צייטונג.

יט

אין דער צייט קומט מיין ברודער דודל אַהיים פון די דייטשן און אַ פרייד, אַ גדולה ביי אונז. שייך אַ פרייד, דער טאַטע וויינט און מיר קינדער שטייען און שווייגן. און געבערענגט האָט דודל אַ זאַק ברויט — זעלנעריש ברויט, אַפּאָר שאַכטלען איינגעפרעסטע אַרבעס און אַפּאָר טאָרבקעלעך קאַווע. און ער דערציילט, געאַרבעט האָט ער ביי „שוצנגריבער" און ס'איז אים געווען גוט—די דייטשן עסן נישט אויף. און מיר דערציילן אים, מיר האָבן זיך אויפגעמאַכט מיט ר' זעליקן און קאָוולער בשותפות אַ שמאַטשאַרניע. און ער פרייט זיך, וואָס ער איז שוין אינדערהיים ביי אונז. און צו מיטאָג עסן מיר בריווח צודערזעט ברויט מיט אַן אַרבעס-זופּ, פּאַרטרונקען מיט דייטשער קאַווע.

כ

ביי דער געלער גיטל אין שטוב זיצט אַ פּאַרעלטעטע יידע-נע, פון צרות איז זי אַלט געוואָרן. פעסע איז איר נאָמען. איז די יידענע אַ מפונקת, אַ פיינפילנדיקע—קען זי נישט צוזען די עוולות, וואָס מען באַגייט ביי חיה-שרהן אין שטוב לגבי מיר. קומען מיר, איך, מיין שוועסטער צירעלע און מיין טאַטע, צו איר און צו אירע זין, בינעם, מאָטע און לייבוש. לייטישע בחורים, מיט וויסן, הן אין ליטעראַרישע ענינים, הן אין סאָ-ציאָלאָגישע פראַגן. וואָס נישט שוין האָט זיך די פעסע אָנגע-ליטן: אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן באַגראָבן. איין זון איז איר אַוועקגעקומען אין דער רוסישער אַרמעע. און איר יונגער זון,

בינעם, ליגט קראַנק אויף אַ מאָדנער קרענק — ס'טרוקנט אים דער מאַרך, קומען מיר, הייסט עס, אַריין צו דער יידענע און צו אירע זין, צווישן אַנדערע שמועסן כאַפּט זי, פּעסע, אַ מוטל ביי מיין שוועסטער וועגן דער געלער גיטל און חיה־שרהן: „מען זאָל דאָס אַמאָל דעם חיימען מכבד זיין מיט אַ לעפל וואַרים וואַסער". „זיי זענען טריפה, ווי חזיר",—כאַפּט אונטער דער קראַנקער בינעם — חיה־שרהן אַריינגעמישט. און זיי האַקן איבער דעם שמועס: ס'איז זיי נישט כדאי צו רעדן וועגן דער געלער גיטל, וואָס זיי האָבן נאָר געוואָלט זאָגן, איז אָט וואָס: ס'עפּעלע פאַלט נישט ווייט פון ביימעלע. און זיי גייען איבער צו אַן אַנדערן שמועס.

כא

אָבער איך קוק נישט אויף שמחה פאַרבערן, אויף ר' זעליקן און אויף פּעסען — עס ציט מיך צו איר, צו חיה־שרהן, ווי די פליג צום פלאָם. אירס אַ סיגע איז געגוג צו דער־פרייען מיינע יונגע טעג. אירס אַ תנועה איז בכוח צו פאַר־וואַנדלען מיין עסן אין מן. אירס אַ בליק האָט אין זיך דעם כישוף צו מאַכן מיר פון נאַכט טאָג, און פאַרקערט, פון טאָג נאַכט — איך לויף פון פינצטערע אַלעען אַריין אין ליכטיקע אָפּגרונטן, ווו איך דערזע אַ זיבן־צאַנקיק ליכט און אויפן שפּיץ פונעם ליכט טאַנצט חיה־שרה מיט צעפלאָנטערטע צעפּ און אין שוים־שאַלן געוויקלט. און איך פאַל צו צו איר אַ דורשטיקער און טרינק פון אירע האָר־שטראָמען, וואָס פאַליען, און באָד זיך אינעם ליכט פון אירע פיס, אינעם שיין פון אירע לענדן, וואָס שטראַלן אַרויס פון די שוים־שאַלן.

כב

די געשעפטן אין דער שמאַטשאַרניע גייען רחבהדיק: מען קויפט איין סחורה אויף ביליקע פרייזן, איז אָבער אינעם שלום פון די דריי שותּפים אַריינגעקומען עפּעס אַ פּירוד: ר' קאָוולער שרעקט זיך שטאַרק, אַז דאָס געשעפט וועט אָנהייבן

גיין — דאָס הייסט מ׳וועט אָנהייבן לייזן געלט — זאָלן אים נישט זיינע צוויי שותפים, ר׳ זעליק און ר׳ חיאל, אַרויסשטופּן פון געשעפט, אַזוי האָט ער געהערט אין דער חברה — און ער פאַרביטערט זיך דערווייל די טעג און גריזשעט אין זיך, ווי שטיל וואַסער. ער רעדט הינטער די אויגן וועגן זיין חשד און ברענגט אַריין אין געשעפט, וואָס וואַקסט, אַ שטילע אומצופרידנקייט מצד זיינע שותפים, און דאָס, וואָס זיי האָבן צונויפגעזאַמלט אין די ערשטע פאַר וואָכן, נעמט גיין צום אָפּגרונט.

כג

דערווייל ווערט דער שמאַטשאַרניע־הויף אַ מקום־מנוחה פאַר יידן. ס׳זאַמלען זיך אויף אים איין ר׳ חיימל, ר׳ מענדל לעזעוואָל־סוחר, וואָס ער האָט זיך פאַר דער מלחמה געהאַט אַרויפגעכאַפּט צו אַן אייגן שטיקל לעזעוואָל־געשעפט. און היינט מוז ער אַליין אָנקומען צו ר׳ זעליקס ביי־געעפנטער שמאַטשאַרניע מיט אַביסל באַוול — די וואָל באַהאַלט ער נאָך: טאָמער, טאָמער וועט זיך גאָט מרחם זיין און וועט איינשטעלן די מלחמה; בערל גבאי און נאָך אַפּאָר יידן שאַכערס. און זיי זענען זיך מפלפל וועגן עניני־מלחמה אָדער שמועסן וועגן יקרות, און האַלטן זיך ביי איינס, דער דייטש גייט אויף וואַרשע און אַז ער וועט נעמען, וועט קומען צו שלום. און אַלע פאַרבענקען זיך נאָך דוד פאָניע: „וואָלט ער נאָר דאָ געווען, וואָלט ער שוין עפּעס דערציילט״. און ר׳ מענדל לעזעוואָל־סוחר, אַ ייד אַ מקיל, נעמט זיך בייזערן: „וואָס איז דאָ צו דערציילן? ס׳איז אַ מלחמה און ס׳איז נישט גוט״. און ר׳ חיימל זיפצט אָפּ: „ס׳איז שלעכט״. און בערל גבאי נעמט זיך פאַרקלאָגן, ס׳איז שווער אויפצוהאַלטן די חברה: יידן זענען שולדיק נדרים — קאָנען נישט צאָלן. און דאָ ברויכט מען ליכט, צאָלן שאַקסן, דעם שבת־גוי, און דער פּיאַטשקאָווסקאַן פאַרן אויסקערן די חברה, און יידן זיפצן אָפּ.

כד

היינט לעזט חיה־שרה „מירטאַלאַ" אָרזשעשקאָס. און איך גיי היינט אַריבער צו חיה-שרהן כאַפּן אַ שמועס וועגן דעם בוך. חיה־שרה האָט אויפגענומען מיט ליכטיקע אויגן די געשיכטע פון מירטאַלאַ, דאָס באַהעמיע־מיידל פון דער קינסט־לער־וועלט אין אַלטן רוים. און מיט התפעלות האָט זי געגו־מען ריידן וועגן מירטאַלאַ, וואָס שיינט אַרויס מיטן גאָלד־ראָ־זיקן לאָקן־קאָפּ פון אַלע מיידלעך פון טיבעט. און ווי זי פּאָ־זירט אין טויער פון טיטוס־בויגן פאַר אַרטעמידאָרן — דעם יונגן כהן פון דער קונסט, און ער פאַרליבט זיך אין איר, ווי שלמה אין שולמית — הייס און טריי. און איך נעם פאַר איר שילדערן, ווער אָרזשעשקאָ איז: זי, די גוטע מאַמע — נישט פון אייגענע קינדער – די מאַמע פון אַ גאַנץ פאָלק. איר קומט אַ לויב פאַר איר גוט הארץ, וואָס איז אייביק געווען מיט די געפייניקטע, און איך פאַרגלייך זי צו רות, נעמיס שנור. ווי רות, אַזוי אָרזשעשקאָ זענען געווען פון אַ פרעמדן שטאַם און ווי געטריי זיי האָבן אונזער פאָלק געדינט. אַזוי איבערגעגעבן מיט איידעלער ליבשאַפט. ס'אַרט מיך נישט, וואָס אָרזשעשקאָ איז געווען אַ קריסטין — זי איז געווען מיין מאַמע: זי האָט געפּילט דעם גלות פון מיין פאָלק. ווי דער רוימער אַרטעמי־דאָר האָט געלעבט פאַר מירטאַלאַן, אַזוי האָט די אָרזשעשקאָ געלעבט פאַר מיינע מאיר יוזאָפאָוויטשעס, שמשון הגבורס, לייב קוואַטס. און איך פאַרטרינק אונזער געשפּרעך מיט טיי און מאַלינע־זאַפט, וואָס חיה־שרה איז מיך מכבד, און מיר מאַכן אַ שפּאַציר אין געסל.

כה

איך בין ביי פּעסען אין שטוב. איך רעד מיט דעם קראַנקן בינעמען, וועלכן עס ווערט ערגער פון טאָג צו טאָג, און מיט אַלטער פּעסען, וואָס זי ווערט געהויקערטער פון שעה צו שעה. מיר רעדן פאַרשידנס: פון מערב־פּראָנט, פון עקאָנאָ־

מישן מצב. פון יידישע דיכטער. און די אַלטע פּעסע נעמט מיך פרעגן: „ס'איז איר אַ וווּנדער, אַז מיין פּאָטער קאָן אויס־קומען מיט זעליק פויער? ער איז נישט בעסער פון משהלע שפּיציק און פון דער געלער גיטל — אַי, ער האָט ספרי־תורות, זאָל זי נישט זינדיקן מיט די רייד, איין קינד אויפּציען איז ביי איר שטאַרקער אָנגעלייגט, ווי צען ספרי־תורות שרייבן".

„וואָס איז דאָ פיל צו ריידן?—פאַלט אַריין דער קראַנ־קער בינעם אין די רייד. — ער איז נישט בעסער פון זיי און זיי—פון אים".

איך נעם אים פאַרטיידיקן:

„ער איז אַן אָרנטלעכער מאַן".

„דאָס דערמאָנט אים, נעמט בינעם רעדן, אָן דער סדום־מידה — נאָר אויף אַ פּאַרקערטער זייט: דאָרט האָבן זיי גראָד יאָ געטיילט נדבות, אָבער די מטבעות האָבן די אָרימעלייט נישט געקאָנט איינטוישן אויף עסן. האָט דער אָרימאַן זיך אַזוי לאַנג אַרומגעדרייט מיט די געשענקטע מטבעות, ביז ער איז געשטאָרבן — און די מטבעות זענען געווען געצייכנט פון זייערע באַזיצערס, איז געקומען יעדער באַלעבאָס נאָכן טויט פון אָרימאַן און זיך אָפּגענומען זיין מטבע. אַזוי דערמאַנט אים, בינעמען, זעליקס מידה פון ערלעכקייט: ער קושט די ספרי־תורות יעדן טאָג און אַ ייד קאָן שטאַרבן פאַר זיינס אַ טרונק וואַסער — אַ שלוק וואַסער גייט דאָך נישט אַרויס פון זיין שטוב — אַלץ פאַרברויכט ער פאַר זיך מיטן ווייב און פאַר דעם הונט מיט די קעץ. און ער, בינעם, פרעגט, וואָס האָט די וועלט אַזאַ ערלעכקייט?"

און איך ווייס, די מוטער מיטן זון זענען גערעכט און איך בלייב שטיל.

כו

מיט דער שמאַטשאַרניע איז נישט געהויבן: ר' זעליק וויל נישט ליידן, אַז אַ ייד זאָל זיך אַרומדרייען און האָבן אומזיסטיקע תרעומות אויף זיי, אויף אים און אויף מיין טאַטן.

און ער באַשטייט די איינגעקויפטע שמאַטעס מיטן ביסל מע־טאַל צו פאַרקויפן און אויס. און דאָ העלפט נישט קיין טענות פון מיין טאַטן: „ס'איז אַ שאָד אַזאַ געשעפט צו צעברעכן". און ער, ר' זעליק, האַלט זיך ביי ס'זייניקע: „פאַר העלפט געלט וועט ער עס אַוועקגעבן, אַבי נישט צו האָבן ביי זיך איפן הויף דעם קאַוואָלער". און זיי שיקן אַרויס מעקלערס נאָך סוחרים.

און די דריי שותפים גייען אַרום שטומע און רעדן נישט צווישן זיך אויס קיין וואָרט. און עס קומט שוין אויס, אַז יע־דער בעט שוין אויף אַ סוחר, וואָס זאָל אים אויסלייזן פון נייעם גלות.

כז

מיין ברודער דודל קען נישט איינזיצן, די היימישע קעסט דינען אים נישט—ער מוז פאָרן. און ווו פאָרט ער? אויף אַרבעט צו די דייטשן. און דאָס מאָל פאָרט ער קיין לוויוויטש צי גאָר הינטער סאָבאָטשעוו, ער פּאַקט זיך איין אַ זעקס-פונטיק היימיש, פּריש־געבאַקט ברויט. נישט קיין קאַרטן־ברויט, מיט אַ פערטל פונט פוטער און אַ שטיקל וואָרשט פון אַ פונט, אין רוקזאַק אַריין, וואָס ער האָט געבראַנגט פון די דייטשן. ער דערציילט מיר, ס'גרעסטע פאַרגעניגן האָט ער, ווען ער זיצט אויף דער באַן און ער ווייסט ס'ברויט איז זיין, דעמאָלט לאָזט ער אַריין די ציין אין ברויט, ווי אַ טיגער די ציין אין זיין קרבן, און ער הערט נישט פריער אויף צעקייען ביז ר'איז זאַט. און עס ווירקט טריפנדיק אויף מיין מאָרך דער גאַנצער שמועס וועגן עסן. כ'האָב שוין מיינע ציין צעלאָזט אויף אַ שטיקל ווייס ברויט — כ'געדענק שוין נישט די צייט. און איך באַקום אַפּעטיט אויך צו פאָרן. נאָר מיין ברודער דודל זאָגט מיר, אַז ער וועט פאָרן. אויב ס'וועט זיין גוט, וועט ער נאָך מיר שרייבן—און לוויוויטש איז דאָך נישט ווייט, וועל איך צו אים אַריבערקומען. און אַזוי באַשטימען מיר און מיין ברודער צו פאָרן אַוועק.

כח

שבת נאָכמיטאָג. מיר גייען אויף אַ שפּאַציר. איך, מיינע שוועסטערלעך, חיה־שרה, הדס—אַראָפּ אַפּיסל קיין ראַדיגאָשטש אין סעדל אַריין. קומענדיק אין סעדל אַריין, פאַרשפּרייטן זיך די מיידלעך אין אַלע ווינקעלעך פונעם סעדל. מיינע שוועסטער־לעך רייסן בלומען. הדס פלעכט פון קאַמעלן־בלימלעך אַ קרענצל. חיה־שרה צופּט בלעטלעך שטשאַוו און טראָגט מיר צו צו די ליפּן צו פאַרזוכן דעם פיינעם זויערלעכן טעם פון די בלעטלעך. דאָ נעמען מיינע שוועסטערלעך זיך פאַרקוקן אויף אַ רעגנבויגנדיק פוקסל און זיי ווערן אַנטציקט פון זיינע קאָלירנדיקע פליגעלעך, וואָס האָט זיך געשטעלט פון אַ באַרנע־צווייג. און חיה־שרה נעמט פּלוצלינג אַרויס פון איינגעוויקלט צייטונגס־פּעקעלע ברויט מיט פּוטער, און פּאַטשט מיט די הענט „קינדערלעך, אַ סעודה־דעבּידע". און מיר זעצן זיך אויפן גראָז, אַלע אַרום אין אַ ראָד און חיה־שרה טיילט שטיקלעך ברויט מיט פּוטער און פלישטשן קעז. און צו גלעזלעך מילך באַשטעלט זי ביי דער אָנקומענדיקער קו, וואָס גייט מיט פולע אייטערס פּון פעלד. און מיר ווערן פרייליך נאָכן עסן און מיר נעמען שפּרינגען ווי די קאָזעס.

כט

אַ סוף איז געקומען צו דער שמאַטשאַרניע: ס'איז גע־קומען אַ פּיפיק יידל מיט אַ שפּיציק געל בערדעלע און אַוועק־געקויפט די וואָל, און ר' זעליק האָט געיאָגט און זיי זענען מושוה געוואָרן אויף אַ שפּאָט־ביליקן פּרייז — צום גוטן גע־דאַכט, ווי אַ מת וואָלט אים, ר' זעליקן, געלעגן אויפן הויף, האָט ער געיאָגט מיטן פאַרקויפן און טאַקע מיט צוויי טעג שפּעטער זענען געקומען יידן־סוחרים און געוואָלט צאָלן אַ פּילפּאַכן פּרייז, אָבער ס'איז שוין געווען פאַרפאַלן — די סחורה האָט דאָס יידל מיטן געלן בערדל אַרויסגעכאַפּט ווי אַן אבן־טוב. זענען טאַקע די דריי שותפים אַרומגעגאַנגען מיט שטילן

עגמת־נפש: מ'האָט געקאָנט רייך ווערן. און אַזוי האָבן זיי פּאַרקויפט ס'ביסל מעטאַל מיטן ביסל קרייעס. און דער הויף האָט געגומען שטילן, ווי אין דער מגילה שטייט: „וחמת המלך שככה".

ל

האָב איך אַ חבר, אַ יוגנט־פריינט, מיט מיר אין איין צייט אָנגעהויבן טרייבן — אַרויסגעוויזן טאַלענט אין אַפּאַר גרעסערע דערציילונגען. און מיט מיר געזעסן רוקן בײַ רוקן, ווען מ'האָט געאַרבעט הינטערן שטול — יעקב־דוד זילבער־שטיין איז זיין נאָמען, איז ער אויפן זעלביקן מעמד וואָס איך — ער האָט נישט צו עסן. רעדט ער מיך צו מיר זאָלן ביידע פאָרן צו מיין ברודער דודל קיין לוּוויטש, וווּ מיר וועלן זיך שטעלן אַרבעטן בײַ די דייטשן. איך, וואָס כ'האָב געוואָלט מיטפאָרן מיט מיין ברודער, לאָז זיך נישט לאַנג בעטן און מיר פּאַקן זיך איין, אין צווײ זעקלעך צו ברויט, צו צווײ העמדער און לאָזן זיך אַוועק אויפן לאַגעווניצקער וועג. דער טאַטע לאָזט אַ טרער ביים געזעגענען זיך. די שוועסטערלעך וויינען. אַז מיר קומען אויפן וועג אונטער דער שטאָט אַרויס, טוען מיד זיך די שיך אויס און לאָזן זיך אַוועק באָרוועס.

לא

איידער כ'בין אַוועק, אַ צען מינוט פאַר מיין אַרויסגיין פון שטוב, איז חיה־שרה געקומען אַריבערצולויפן צו אונז — מען האָט געהערט דאָס קלאַפּן פון איר האַרץ — און מיר גע־ברענגט איר זייגערל און לייגט עס אַנידער אויפן טיש: „זי וויל כ'זאָל טראָגן איר זייגערל". אונטערטעניק האָב איך איינ־געבויגן דעם קאָפּ און עס צוגענומען.

לב

אויפן וועג גייענדיק האָבן מיר יעדעס בלימעלע

באַרירט, יעדעס בלעטעלע באַטאַפּט און, ווי האַמסון, עס אָפּגעשטויבט. און צו יעדן מיענטע־שפּראָצינגל געשמעקט. און ער, זילבערשטיין, אַ געפילרייכער מענטש, האָט יעדן בוים פאַרכּישופט אין אַ וואַלד, יעדן קוואַל פאַרוואַנדלט אין אַ טייך און יעדן טייך — אין אַ ים. ער האָט געקליבן נחת פון יעדן ביימעלע. פון יעדן קשאַקל. און איך האָב זיך מיטגעכאַפּט מיט זיין התפּעלות און ביידע זענען מיר אַריין אין אונזערע פּשוטע קליידער, אָדער אפשר פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די קליידער: מיר האָבן אָנגעהויבן צו עטעמען פריי און ער, זילבערשטיין, האָט דערטאַפּט אַן אַלטן סענקעוואַטן שטעקן, האָט ער מיט אים אָנגעהויבן גיין, ווי זיין טאַטע, ווי זיינס אַ זיידע. און איך האָב גענומען שפּרינגען איבער די ווייסאָנגעקאַלכטע וויאָרסטן־שטיינער, ווי אַ יונג פערדל און היפּען איבער אַלע גריבער ווי אַ האָז. האָבן מיר אָנגעטראָפן אַ פעלדקאָרן, האָבן מיר אָפּגעריסן אַ פּאָר האַלב-צייטיקע זאַנגען און זיך געקוויקט מיט די זיסע, וואַסערדיקע קערנער. אַזוי אויך ביי ווייצן-בייטן, האָבן מיר גענאַשט פון זיינע טויבן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי אַ האַלב־רונדיקע אַרבעס־בלעזלעך. און פון וואָס האָבן מיר נישט גענאַשט? פון גרינע, אומצייטיקע אַגרעסן, פון זיינע שטענגלעך — פון יעדער נישט פאַרצוימטער פריי האָבן מיר גענאָסן — פון האַרטע פּיערזשאַלקעס, וואָס מיר האָבן באַגעגנט אויף די וועג-ביימער, האָבן מיר אויך נישט אַדורכגעלאָזט. אַזוי האָבן מיר זיך געלאָזט ווילגיין, ביז מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין פעלד עסן אונזער מיטאָג.

לג

מיר האָבן אָפּגעגעסן אונזער טרוקן מיטאָג, פאַרטרונקען מיט קוואַל־וואַסער און זיך געלייגט אָפּרוען, ווי מענדעלע-מוכר-ספרים, אונטערן געזאַנג פונעם וואָראָבייטשיק. אָפּגערוט, אויפגעשטאַנען און ווייטער געצויגן. איבערגעשניטן די שטעט סטריקאָוו, גלאָוונע און געיאָגט אויפן וועג צו לוויוויטש צו. אין גלאָוונע זיך אַביסל אַרומגעקוקט אויף די מאַסן פאַררויכטע

קוימענס, פון איינגעשאָסענע ווענט, וואָס האָבן אויסגעקוקט ווי שוואַרצע הויך־העלזיקע אינדיקעס אָן פעדערן. אונזער ציל איז געווען לוויוויטש און מיר האָבן נישט געהאַט קיין צייט אַרומצוקוקן זיך לאַנג און מיר האָבן געאײַלט קיין לוויוויטש. אָנקומענדיק מיט לעצטע כוחות קיין לוויוויטש, ערשט לא דובים ולא יער, מען אַרבעט דאָרט בכלל נישט און מיין ברודער דודל איז נישטאָ. ווייטער גיין אים זוכן ווייסט מען נישט ווו, האָט מען געמוזט אויסדרייען דעם דישעל און צוריקגיין נאָך לאָדזש.

לד

צוריקצוועגס קיין לאָדזש איז דערווייל אונז די נאַכט באַפאַלן, זענען מיר געגייט געווען אויפן וועג אַרײַנצוגיין צו אַ ייד אין אַ סאָד און בעטן אים, ער זאָל אונז לאָזן איבערנעכטיקן. ברויט האָבן מיר געהאַט, האָבן מיר באַקומען פונעם ייד צו טעפּלעך מילך, האָבן מיר געגעסן נאַכט־עסן. דערנאָך האָט אונז דער ייד אַרײַנגעפירט אין דער סטאָדאָלע און אונז אָנגעוויזן ווו מיר זאָלן זיך לייגן. און מיר האָבן זיך אַוועקגעלייגט איינגענורעט צווישן שטרוי און מיר זענען איינגעשלאָפן. פאַרטאָג האָט אונז אַ שוואַלבן-געשווישטשעריי אויפגעוועקט און אַ יונג פייגעלע איז איבער אונזערע קעפּ געפלויגן—„אַ גוטער סימן" האָב איך צו מיין חבר געזאָגט.

לה

אַהיימגעקומען טרעפן מיר מיין ברודער דודל אַ לעבעדיקן, אַ מונטערן. אָט ער איז ערשט אָנגעקומען ווידער מיט אַ זאַק ברויט. און געברענגט האָט ער אויך אַ דייטשן פּלאַשטש און אַ דייטשע קאָלדערע. און ער דערציילט: די אַרבעט האָט זיך געענדיקט אויף יענער זייט לוויוויטש און מיר זענען גראָד געווען אויף דער זייט. און מען האָט אים געוואָלט שיקן נעבעטער צום פראָנט, צו סאָכאַטשאָוו צו. וואָלט ער שוין געפאָרן, האָט אים אָבער דער זאַק ברויט נישט געלאָזט פאָרן. אינ-

דערהיים חלשט מען נאָך אַ שטיקל ברוט און דאָ האָט ער אַ זאַק ברויט. איז ער אַהיימגעקומען מיטן ברויט. און יעצט, אויב ער וועט פאָרן, פאָרט ער שוין נישט אַליין, נאָר מיט מיר. און מיר פרייען זיך. און מען עסט ברויט צו דער זעט. און יעקב־דוד זילבערשטיין, אַזוי ווי ער שדכנט זיך צו מיין שוועסטער צירעלען, עסט ער אויך שוין פונעם ברויט. און דער טאַטע בענטשט נאָך יעדן מאָלצייט מיט מתיקות און מיט שבח פאַר זיין ליבן נאָמען, וואָס שיקט צו ברויט.

לו

לעת־עתה איז דאָ צו עסן, אַפּאָר רובל האָט מען אָפּגענומען, חוצן קרן, פון דער שמאַטשאַרניע, אַ זאַק ברויט איז דאָ, און פון דער וועבער־קיך נעמט מען מיטאָגן — שייך צו זאָגן מיטאָגן, מען ברענגט אַהיים אַביסל יושקע. און וואָס איז דער ווונדער, די קיך טיילט אויס פערצן־פופצן הונדערט מיטאָגן אַ טאָג און אָנשטאָט אריינשיטן אין קעסל, שיטן די באַלעבאַטים פון קיך אין זייערע קעשענעס אַריין, פאַלט אויס אַ גרויפּ אויף אַ קאָפּ. און יונגע קאַרטאָפּלעך גראָבט מען, איז דאָ צו עסן — בעט זיך טאַקע דער טאַטע, מיר זאָלן בלייבן אינדערהיים און נישט אַוועקפאָרן, און מיר בלייבן. און איך נעם זיך פלייסיק צו חייה־שרהן לערנען מיט איר.

לז

איך טראָג מיט פרייד צו חייה־שרהן איבסענס „פאָלקס־פיינד”. שוין דער ערשטער אַקט פאַרפירט חייה־שרהן מיט זיין אויסצירונג, ווו עס זיצן די מיוחסדיקע דאַמען פון שטאָט אין סאַליע פון דאָקטאָר שטאָקמאַנען און נייען העמדלעך פאַר אָרימע קינדער. די ווייטערע אַקטן, ווו די האַנדלונג ווערט שטאַרקער און טיפער, האָבן זי, חייה־שרהן, אַריינגעצויגן, ווי דאָס וואַסער אין אַ קעסל-גרוב. און זי איז ברוגז געוואָרן אויף די מענטשן, ווען זיי באַוואַרפן מיט שטיינער דעם קאַבינעט פון דאָקטאָר שטאָקמאַנען, פאַר זיין בלייבן געטריי דאָס פאָלק,

מיט דעם, וואָס ער געפינט אויס, אַז ס'איז זיך שעדלעך צו באָדן אינעם וואַסער, אין דער צייט, ווען דאָס וואַסער שמט פאַר געזונט וואַסער. דאָ איז חייה־שרה שטאַרק ברוגז געוואָרן אויף די מענטשן, וואָס ווילן נישט אָננעמען דעם וואָרן אמת.

„אַלע אמתן ווערן פאַרפאָלגט מיט שטיינער. גיב איך איר צו פאַרשטיין. אַזוי פירט מען צו גלגלתּה דעם ייד פון נצרת. אַזוי ווערט פאַרברענט גאַלילײ. אַזוי ווערט פאַרשטיי־נערט שפינאָזע. און אין אונזערע טעג פאַלט גאָר די פאַרשטיי־נערונג אויס אויף אַ דאָקטאָר שטאָקמאַנען. אַלע צייטן האָבן זייערע קרבנות — אין אַלע זאַכן זענען פאַראַן ביים פאָלק צייטן פון משוגעת, אין אַזעלכע מינוטן פאַרשלינגט ער אירע בעסטע זין".

און חייה־שרה איז זייער צופרידן פון מיין לאַנג רעדע־ריי און זי באַגלייט מיך צו דער טיר, צו מיין אַהיימגיין.

לח

אין לאָדזש זענען אָפן ביבליאָטעקן פון אַ „בית עם", „אַרבעטערהיים" און אַ „האַרפע" — זיצט מען גאַנצע טעג אין די ביבליאָטעקן און מען לעזט. און ביי די ביבליאָטעקן זענען דאָ טיי־שטובן, רוישט און זשומעט פון ליידיקגייענדיקן עולם. און יעדער ברענגט זיך מיט זיין פאָרציע ברויט און נעמט זיך צו אַ גלעזל טיי. און טיילמאָל אין די אויפדערנאַכטן דערוואַרט איך חייה־שרהן און זי קומט אַ ווינטיקע, אַ פרישע צו גיין. און איך קלייב פאַר איר אויס אַ גוטע נאָוועלע און זי נעמט זיך לעזן. אַזוי לעזט זי ביי אַ שעה. דערנאָך גייען מיר אַריין אין דער טיי־שטוב און שטיקלעך ברויט מיט פוטער האָט זי מיטגעברענגט, עסן מיר ברויט און טרינקען צו טיי.

לט

אָן חייה־שרהס זייגערל האָב איך אויך נישט פאַרגעסן: כ'האָב עס אויפגעהאָנגען אין אַ ווינקעלע אין אונזער קליידער־שאַנק און אַלע אינדערפרי דערצו געזאָגט „גוט מאָרגן". און

אַלע אויפדערנאַכט — „אַ גוטע גאַכט״. יעדן מאָל אויפשטיין עס אַ קוש געגעבן און ביי יעדן מאָל שלאָפן גיין עס אַ קוש גע־געבן. כ׳פלעג ציילן זעכציק מאָל אין אַ מינוט, אַזוי קוקנדיק אויפן ציפערבלעטל, „חיה־שרה״, אין מיינע איינזאַמע מינוטן פלעג איך זיך פאַררוקן אין אַ ווינקעלע און זיך שפּילן מיטן זייגערל. געטראָגן אַזוי ביי זיך האָב איך נישט ס׳זייגערל, ס׳איז נאָר געהאָנגען אין דער קליידער־שאַנק און פון מיינע אויגן געקושט און פון מיינע הענט געגלעט.

מ

איך האָב מיט חיה־שרהן אַ שמועס וועגן מיין ברודער דודלס לעצטע רייזע צו די דייטשן און וואָס איך וועל שוין מיט אים מיטפאָרן, און חיה־שרה רעדט מיך צו:

„זי אַליין, ווען זי איז אין מיין לאַגע, וואָלט זי אויך געפאָרן. ער, דודל, איז אַ כוואַט אַ יינגל — זי האָט אים גינציק. און אַזעלכע שרעקעדיקע, ווי איך, קענען נישט עקזיסטירן. זאָל איך ליבערש זען ווי פעסעס זין, מאָטע און לייבוש (פון בינעמען רעדט מען נישט — בינעם איז קראַנק) פאָרן, זיי לעבן אויף. און איך בין ביים טאָטן. ס׳וואָלט געפאַסט, אַזאַ שרעקנדיקייט פאַר אַ יינגעלע, נישט פאַר אַ דערוואַקסענעם מענטש״.

און איך בין נישט דרייסט צו זאָגן איבער ווען כ׳פאָר נישט, אַז דאָס פאָר איך נישט איבער איר — זי לאָזט מיך נישט אַוועק — דאָס האַלט זי מיך אָפּ. און איך שלינג אַראָפּ די ווער־טער, וואָס רייסן זיך אַראָפּ פון מיין שפּיץ צינג.

מא

מיין טאַטע האָט מיט מיר אַ שמועס וועגן מיין פּלאַן אַ־וועקצופאָרן. און ער, מיין טאַטע, טענהט צו מיינע שוועסטער־לעך: „ווי וועט דאָס קענען גיין אויף אַרבעט, אַז דאָס האָט נאָך נישט איבערגענעכטיקט קיין נאַכט אין דער פרעמד״. און צו מיר זאָגט ער, כ׳זאָל נאָך וואַרטן. — ער פּרובירט יעצט אָנצוהייבן אַרבעטן אַן אייגן שטיקל סחורה. אַזאַ מין צייג — אפשר וועט

עס אים גראָטן, וועל איך נישט ברויכן פאָרן. און ס׳צעגייט מיר ס׳האַרץ אויף מיין טאַטן, דעם ערלעכן ייד, און איך באַ־שטיי צו בלייבן אינדערהיים אָנצוהייבן אַרבעטן מיט מיין טאַטן דאָס צייג.

מב

מיין ברודער מיט יעקב-דוד זילבערשטיין גרייטן זיך אין וועג אַריין. ביידע האָבן אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן. איידער דער זומער פליט אַוועק זיך אַריבערצוכאַפּן אויפן עסטרייכישן געביט, קיין שידלאָוויץ, ווו יעקב-דוד איז געבוירן און דאָרט זיך איינשרייבן, און דער פלאַן גייט ווייטער. אַז זיי וועט גיין גוט מיך אַהינציען, און מיין ברודער דודל רעכנט אין איין וועגס אָפּצוטרעטן אין אָפּאָטשנע, דאָס געבורט-שטעטל פון אונ־זער פאָטער און דאָרט זיך זען מיט אונזער פאַמיליע, אַדורכ־פירן דעם פלאַן דויערט נישט לאַנג. איינגעפּאַקט ס׳בייטיקע אין רוקזאַק, די פיס אויף די פּלייצעס און היידאַ מיט יעקב-דודן קיין שידלאָוויץ דורך אָפּאָטשנע.

מג

מיין טאַטע שאַפט דערווייל איין אַנדערהאַלבן פונט בייוול אויף אַ קליינע קעטע פון דרייסיק איילן און זעקס פונט וויגוניע, אָפּצושיסן די דרייסיק-אייליקע קעטע. ער שטעלט צוזאַמען אַ שעראַמקע פון שינען מיט אַפּאָר ברעטלעך און שערט זיך אָפּ ס׳קעטעלע. און באַלד בעמען מיר עס — און ס׳נעמט נישט לאַנג ס׳פּאָרעכטן אין שטול. און שוין שיס איך האַלעטל-צייג פאַר ווייבער אויף קליידער, פאַר מענער אויף הויזן.

מד

אַ לאַנגע צייט האָב איך נישט געקענט קוקן חיה-שרהן אין די אויגן אַריין. מחמת כ׳האָב זיך געפילט שולדיק פאַר איר, וואָס כ׳בין נישט געפאָרן מיט מיין ברודער דוד אויף אַרבעט. אָבער אַ גוטן אויסרייד האָב איך געהאַט: כ׳העלף צו

דעם טאַטן אַרבעטן. און וואָס פאַר אַן אַרבעט מען טוט איז דאָך נישט קיין אונטערשיד — אַבי מען אַרבעט. און טאַקע פאַר חייה־שרהן האָב איך זיך אַזוי פאַרענטפערט: כ'העלף צו מיין טאַטן און ס'איז מיר אָפּגעגאַנגען גלאַטיק — חייה־שרה גלויבט מיר וואָס איך זאָג — זי איז נישט באַקאַנט מיט מיין מאָרקייט: די סטרונע פון מיין האַרץ איז צו איידל, אַז איך זאָל עס איר זאָגן, צוליב וואָס כ'בלייב אין דער היים. אפשר אין די נעכט, ווען איך ליג אויף מיין געלעגער און טראַכט פון איר, קומט איר צו חלום דער אמת פון מיין נישט פאָרן? אפשר, ווער ווייסט? איך, יעדנפאַלס, זאָג איר נישט.

מה

דערווייל פאַרמערט זיך ס'שטיקל אַרבעט, וואָס מיין טאַטע האָט אָנגעהויבן: פון אַ דרייסיק-איילקע קעטע שיסט מען שוין אַ פופציק-איילקע. און פון זעקס פונט שאָס קויט מען שוין צען פונט. און וואָס מען האָט געלייזט זעקס־און־דרייסיק גראָשן אַן אַרשין, לייזט מען שוין אַכט-און-דרייסיק. איך זיץ און שיס אָפּ די פּאָר איילן סחורה. און מיין פאָטער לויפט אַרום צו מיצערס אויפקויפן צו ביסלעך בראָקן. און מיין שוועסטער צירעלע מיט מיין טאַטן מאַכן צורעכט די בראָקן. „פון לאָבוזעס מאַכט מען געלט" — זאָגט מיין טאַטע, צורעכט מאַכנדיק די בראָקן. און רייבט זיך די הענט פון פדיון, וואָס ער, מיין טאַטע, באַקומט אַריין פון ווייבער, פון יידן.

מו

איך ווער ביי זיך תּקיפער — איך אַרבעט. און איך באַקום צוריק מיין דרייסטקייט מיט חייה־שרהן ווייטער צו לעזן. איך גיב איר צו לעזן היינעס „רבי פון באַכראַך". היינען קען זי שוין אַביסל: איך האָב מיט איר געלייענט די „נאָרד-זעע", היינעס שטאַרקסטע פּאָעמע — האָט זי געזאָגט. „אַזאַ רייכקייט אין זין, אַזאַ פרומקייט אין תּפלה האָט ער אין דער

אמתן נישט דערגרייכט אין קיין שום פּאָעמע — האָב איך צו־געגעבן צו חייה־שרהס שטימונג. און איצט קלייבט זי נחת פון דער נישט־פאַרענדיקטער נאָוועלע. און זי באַדויערט זייער, וואָס די נאָוועלע איז נישט פאַרענדיקט. באַזונדער שטעלט זי זיך אָפּ אויף דעם עפּיזאָד, ווי ר׳ אברהם ריכט אָפּ דעם סדר, און ער דערפילט אינערלעך, אַז דער פרעמדער אורח האָט אונטערגעוואָרפן אַ טויט קינד אונטערן טיש. און ר׳ אברהם הייבט אָן צו שפּריצן מיט ווײַן ביי „דם, צפרדע״ שרהן אין די אויגן אַריין. און איך גיב חייה־שרהן צו פאַרשטיין, אַז יידן האָבן אייביק געליטן פאַר זייער יום־טוב פסח, אָנהייבנ־דיק אין אַלטן ירושלים און אַדורכגייענדיק דורך בבל, רוים, אַלט־דייטשלאַנד, שפּאַניע און צוקומענדיק ביז אונזערע טעג — אומעטום האָבן יידן געליטן פאַר זייער יום־טוב. און איך דערצייל איר ווי יידן האָבן אָפּגעריכט דעם סדר געהיים — אין קעלערס האָבן זיי אָפּגעהיטן די מצוה פון קרבן־פּסח און דער סדר־נאַכט. און חייה־שרה דערמאָנט זיך אָן איר פּסח, ווען איר פאָטער האָט נאָך געלעבט און ווי ער האָט אָפּגע־ריכט דעם סדר. און ווי פריילעך זי איז געווען אין דער סדר־נאַכט. היינט ווייסט זי דען פון אַ סדר? איר פעטער האָט אַ באַזונדערע פלאַש ווײַן, וואָס קיינער פאַרזוכט נישט פון איר אַחוץ אים, דעם פעטער. וואָס ווייסט זי פון אַ סדר היינט, ביי איר פעטער? און מיר זאָגן זיך אַ גוטע נאַכט מיט די שיינע דערינערונגען פון פּסח.

מז

האָבן מיר באַקומען אַ נייע זאָרג: מיליציאַנטן שלאָגן אָפּ די שוועלן ביי אונז: „ס׳איז פאַרבאָטן אויסצואַרבעטן רוי־שטאָף״ — משטיינס געזאָגט, בסך־הכל צען פונט וויגוניע — האָסטו דיר אַ רוישטאָף. נאָר געגעבנדיק זיי אַ פינף מאַרק, איז דער רוישטאָף כשר און מען מעג אים שוין אויסאַרבעטן. האָבן מיר אָבער אַן אַנדערע זאָרג, ווי אַזוי די פאָר פונט סחורה צו ברענגען אַהיים: מוז זיך טאַקע מיין טאַטע — כ׳בעט

איבער אייער כּבוד — אויסבעטן אויפן הוילן לייב מיט שפּולן. אין די אגעוויצעס — שפּולן, אין די כאַלעוועס — שפּולן. און אַז איך האָב שוין די פּאָר פונט מאַטעריאַל אויסגעאַרבעט, באַקומען מיר אַ שפּאָגל־נייע זאָרג: די פּאָר איילן סחורה צום קויפער אָפּטראָגן — קיין שום קונה קויפט היינט נישט עפּעס, אַז מען זאָל עס אים נישט אָפּטראָגן. מוז זיך מיין טאַטע, אַלץ מיין טאַטע, אַרומוויקלען מיטן שטיקל סחורה, ווי ער קוקט אויס, ווי אַ שילדקרעט, און עס אָפּטראָגן צום קויפער. נישט שטענדיק גייט גלאַטיק אָפּ: אַמאָל כאַפּט אים אַ מיליציאַנט, ווערט ס'בלוט פאַרגליווערט און ס'קאָסט נישט ווייניקער ווי פינף מאַרק. „אָנשיקעניש אויף אונזערע שונאימס קעפּ" שעפּטשעט מיין טאַטע נאָך אַזאַ כאַפּעניש.

מח

מיר דערהאַלטן אַ בריוול פון אונזער ברודער דודל:
ס'איז אים נישט שלעכט — ער אַרבעט אויף אַ שאָסיי, צעקלאַפּט שטיינער, נאָר פאַר מיר איז נישט די אַרבעט. און ער בעט מיך, כ'זאָל אויף אים קיין פאַריבל נישט האָבן, אויב ער עסט ווייס ברויט, עס קומט אים נישט לייכט אָן: ער מוז צעקלאַפּן אַפּאָר צענטליק צענטנער שטיין אַ טאָג. איצט דאַס בענקעניש צו זיין מיידל איז אויך נישט אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט. און ער לאָזט אונז אַלע גריסן. אַ באַזונדערן גרוס דעם טאַטן און אַלע צו קוש.

נ. ב. יעקב־דוד זילבערשטיין גריסט אונז.

מט

איך לעז היינט מיט חייה־שרהן „יוסף דער טרוימער" פון זאַנגווילן. מיט יעדן בלעטל ווערט זי מיטגעריסן. ביז טרערן האָט איר גערירט די שטעל, ווו יעזוס גייט אַראָפּ פון אַלטאַר און לויפט מיט די ניין יידן דעם וועט־לויף.

מיט פייכטע אויגן דערציילט זי מיר, אַז לעזנדיק דאָס בוך, האָט זיך איר געדאַכט, ווי מען טרייבט זי און זי הערט זיך צו צום ווילדן געלעכטער פון המון. און אויף איר לייב פאַלן דאָס די קלעפּ פונעם הוזקדיקן פאָלק. און זי איז ביי

זיך שטאַרקער געוואָרן אַלס יידין.

„יאָ, מיין קינד, כאַפּ איך זיך אַרויס. מיר האָבן געהאַט קידוש-השמדיקע יידן אין דער געשיכטע פון אונזער פאָלק—יידן זענען געגאַנגען מיטן שם אויף די ליפּן אין פייער אַריין. און אַזעלכע „קאַרנאַוואַל-נעכט", ווי יעזוס לויפט מיט די ניין יידן, אין זאַנגווילס „יוסף דער טרוימער". האָבן מיר נישט ווייניק געהאַט—אָנהייבנדיק אונזער געשיכטע אין אַלטן עגיפּטן און פאַרענדיקנדיק מיטן יונגן גאַלוועסטאָן. עס ציט זיך אַ בלוטיקער פאָדעם אין האָרץ פון אונזער פאָלק, דורך זיין לאַנגער געשיכטע. און ווי וואָרלעך ער האָט עס אויסגעמאָלן זאַנגוויל די טראַגעדיע פון די רוימער—אייגנטלעך, די טראַגעדיע פון אַלע פעלקער—זיי טרייבן זייער אייגענעם אויסלייזער אויף שאַנד און אויף שפּאָט—רעד איך ווייטער.—מיט די שמות פון אונזער פאָלק זענען אויסגעפלאַסטערט די וועגן מזרח און מערב, צפון, דרום—אַ בלוטיקן מזבח האָבן זיי, די פעלקער, אויפגעשטעלט און אונזער פאָלק ברענגט אויף אים קרבנות".

אַזוי רעדן מיר מיט פאַרפלאַמטע באַקן, ביז די מוטער דרייט אַראָפּ דעם פלאַם פון לאָמפּ אויף אַ קליין פלעמל—אַ שאָד נאַפט. און איך כאַפּ זיך אַהיים אַ פאַרשעמטער פאַר מיר און פאַר חיה-שרהן.

ב

קיין באַזונדערקייטן קומען דערווייל ביי אונז נישט פאָר, אַזוי ווי מען וואָלט זיך איינגעאָרדנט מכמה וכמה צייטן. און ס'האָט זיך געדאַכט, אַזוי ברויך עס צו זיין. דער טאַטע שמוקלט די פאָר פונט סחורה און איך אַרבעט זיי אויס. אַ מאָנאָטאָן לעבן. אַן אָרעם לעבן. דער טאַטע האָט זיך אויסגעסטרויעט אַפאָר שטיוול מיט הילצערנע פּאָדעשוועס אויף ווינטער. און פאַר מיר האָט ער געקויפט אַ שטיקל זויל און עס אַרויפגעקלאַפּט אויף מיינע קאַמאַשן, און זיי, די זוילן, איבערגעשלאָגן מיט טשוועקעלעך. מיינע שוועסטערלעך האָבן גאַנצע שיך, ווייל זיי זענען געגאַנגען דעם גאַנצן זומער אין מאָדנע

לעטשלעך איגגאַנצן פון טוך, אויפגעגייט אויף דער האַנט—און טוך האָט זיי נישט געפעלט, מיר האָבן דאָך געהאַט אַ שמאַטשאַרניע זענען זיי אַרומגעגאַנגען אין די מתים-לעטשלעך, אין דער שטוב, אין דער גאַס פאַרדאָס האָבן זיי געהאַט גאַנצע שיך, ווייל בלויז אַמאָל אויף שבת האָבן זיי אָנגעשטעקט די שיך. און מיר גרייטן זיך צום נייעם ווינטער.

נא

דאָס איז געווען איינער פון די געפערלעכע ווינטערס, וואָס מיר האָבן אַדורכגעלעבט. די קעלט איז געווען אומגעהייער גרויס. ביי צוואָנציק גראַד פראָסט. און נאָך אַ שטיקל „בראָק”, אַזאַ מין ברענעכץ (בלע״ז קויל) מוז מען גיין דערנאָך פון אונזער היים ביי פיר ווייאָרסט וועגס, און די בראָקן ברענען גראָד נישט שלעכט. מען וואָלט זיי נאָר אַסך געקריגן— און קריגן קריגט מען אַ פערטל אַ וואָך—און ברענגען ברענגט מען זיי פון דייטשלאַנד. דער דייטש טוישט איין די סאָסנאָווצער שטיין-קוילן אויף בראָקן. און מיין אַלטער טאַטע און איך גייען נאָך די בראָקן. און נישט איינמאָל גליטשט זיך מיין טאַטע אויס און פאַלט מיטן בראָקן איבער די הילצערנע פאָדעשוועס—וועגט מען טאַקע יעדעס שטיקל בראָק אין דער האַנט, איידער מען לייגט עס אין קאַנאָנדל אַריין—און בלויז פאַרן ביסל געקעכץ דערלויבט מען זיך אַ שטיקל בראָק אַריינצולייגן אין אויוון. און מיר זיצן בעת מען קאָכט ס׳ביסל עסן אַרום אויוון, ווי הינדלעך אַרום אַ קוואָקע. און קאַרטאָפל איז איינגאַנצן נישטאָ, מוז מען שפּאַצירן קיין זגערזש אום צובאַקומען אַ האַלב פערטל קאַרטאָפל—אַ מאָל געלינגט אַ גאַנץ פערטל צו באַקומען. ליגן מיר טאַקע אין די בעטן, אונטערן איבערבעט, גאַנצע טעג.

נב

האָבן מיר נאָך ווייניק קעלט, איז דאָ אַ פאַראָווע וואָגן, וואָס קומט און פאַרעט אויבן ביז אַ פעדער. די מעשה איז אַזעלכע, טאָמער ס׳וועדט איינער קראַנק אויף טיפוס, און קראַנק

איז האַלב באַלוט—מחמת פון שלעכטן ברויט, וואָס אַ דריטל פונעם טייג באַשטייט פון צעריבענע קאַרטאָפל און ס'פּערטע חלק פון קאַשטן-מעל—ווערן אַלע טאַקע קראַנק אויף טיפוס. קומט, הייסט עס, אַזאַ וואָגן אַ קעסל אויף פיר רעדער מיט אַפּאָר פּויערים צו די געזונטע — דעם קראַנקן האָט מען פריער גע-כאַפּט אין שפּיטאָל און עקספּעדירט אויף יענער וועלט — און מען כאַפּט ס'ביסל בעטגעוואַנט און מען פאַרעט עס אויס, ווי אַ שטיקל גרעט אין טייך, און אַזוי וואַרפט מען אַריין נאָכן פאַרען אַ פּיטש-נאַסע קנויל פון קישנס מיט אויבערדעקן—בלייבן שטיין הוילע בעטן און מען האָט זיך נישט מיט וואָס צוצודעקן.

נג

חייה-שרה לעזט היינט „ווידוי פון אַ נאַר" פון סטרידני-בערגן. און מיט דעם בוך איז זי זיך פשוט מחיה. און זי, חייה-שרה, האַלט סטרידנבערגן פאַרן ליבנדיקסטן מאַן אין איי-ראָפּע, אַנטקעגן דעם, וואָס ער שמט פאַר דעם פרויען-פיינד.

„די ליבע, וואָס ער, סטרידנבערג, ווייזט אַרויס אין „נאַר", גייט איבער אַלע גרענעצן פון ליבע—חזרט חייה-שרה.—מיט אַזאַ ברייט הארץ קען נאָר ליבן אַ סטרידנבערג".

„ווי טיף ער האָט געליבט, באַווייזט די זאַך—שטים איך צו צו חייה-שרהן—בעת זיין פרוי קומט צו אים צו גאַסט, כאַפּט ער אַ קאַטעליזם און לייגט אונטער אונטער אירע פיס פאַר אַ פיסנבענקעלע. אַזוי הויך שעצט ער זי, זיין אויס-דערווײלטע".

און זי, חייה-שרה, באַדויערט סטרידנבערגן. „ער וואָלט אַן אַנדערער געווען, ווען ער באַגעגנט אַ פרוי פאַר זיין ליבע און אַזוי איז ער געוואָרן דער פרויען-האַסער אין איירָאָפּע"—ענט-פער איך חייה-שרהן.

נד

איז אונז ווייניק דאָס אַלדינג-כאַפּט דער דייטש און שיקט אַוועק אַרבעטן אין דר'ערד אַריין. און איינמאָל אין אַ פראָסטיקן פרימאָרגן קומען אַריין צו אונז צוויי מיליציאַנטן און נעמען

מיך פון בעט אַרויס אין באַצירק אַריין. דאָרט, אין באַצירק, זאַמלען די מיליציאַנטן איין ביז מיטאָג אַ הונדערט געכאַפּטע יונגעלייט. און דער עולם, דער געכאַפּטער, שמועסט, אַז מען וועט אונז אָוועקשיקן נאָך אַן אונטערזוכונג, אויף צוואַנגס-אַרבעט. וואַרטן מיר מיט דער אונטערזוכונג. און מיט דער צייט קומען אין באַצירק אַריין מיינע צוויי שוועסטערלעך, מיט מיין אַלטן טאַטן און חיה-שרהן. צירעלע ברענגט מיר אַ טעפּל קליסקע-לעך מיט מילך — דאָס איז אַ גרויסע זאַך קליסקעלעך, און חיה-שרה האָט געגעבן דאָס מעל, דערציילט מיר מיין שוועס־טער—און חיה-שרה ברענגט מיר אַ קעמעלע מיט אַ בערשטע-לע, צידה־לדרך-מתנות. און איך כאַפּ זיך צו איר צו חיה־שרהן, ווי צו אַ מאַמען. איך גלעט איר די הענט און עס כאַפּט זיך אַרויס פון מיין מויל איר נאָמען: חיה-שרה. און איך פריי זיך מיט מיין טאַטן און מיט מיינע שוועסטערלעך, ווי כ'וואָלט שוין געזעסן אין טורמע ווער ווייסט ווי לאַנג. אַזוי פריי איך מיך ביז פאַרנאַכט. פאַרנאַכט נעמען די מיליציאַנטן אַרויסטרייבן די פרעמדע. אייגענע זענען מיר, די געכאַפּטע. און מען נעמט איינזאַמלען און איבערציילן, און מען לאָזט אונז אַרויס אויף דער גאַס אַרויס. אין גאַס שטייען מיליצי־אַנטן און מען שטעלט אונז אויס פיר אין אַ ריי, ווי אַ ראָטע זעלנער, און מען נעמט טרייבן: איינס, צוויי, דריי, פיר. איינס צוויי, דריי, פיר. אין דער שטאָט אַריין.

נה

דרויסן, אין די גאַסן, טרייבט מען אויפן וועג מיט מי-ליציאַנטן אַרומגערינגלט און דער טאַטע לויפט נאָך פון הינ-טער דער גרופּע, וואַרפן אויף מיר אַ לעצטן קוק, ווי איך וואָלט אַוועק אין סאָלדאַטן. און מען ווייסט נאָך אַלץ נישט, ווו מען טרייבט אונז. און טרייבן טרייבט מען אונז אויפן וועג צו דער קאָלישער באַן, און מיר כאַפּן זיך. דאָס פירט מען אונז אין צענטראַל-באַד אַריין. כך הוה, און אַזוי איז טאַקע, מען טרייבט אונז אַריין אין הויף פון דעם צענטראַל־באַד און

דאָ גייט מען אַדורך שבעה מדורי גהינום. קודם-כל דערלאַנגט אונז צו הענג-שטעקעלעך און מען זאָגט אונז אָן מיר זאָלן אויפהענגען אויף זיי, אויף די שטעקעלעך, אונזערע מלבושים מיט אונזער וועש, ווו מען וואַרפט זיי, אונזער ביסל מטלטלין אַריין אין אַ קעסל, וואָס אַנטהאַלט ביי צוויי הונדערט גראַד היץ און אונז שיקט מען אַריין מיט הוילע לייבער אונטער אַ טוש פון זיבן וואַסערן צו כשרן די הייליקע עקזעקוציע—די דיזענפעקציע. און אַז מ'איז שוין פאַרטיק, וואַרפט מען אונז אַרויס פונעם קעסל פעקלעך שמאַטעס—אונזער אָנטועכץ און מען הייסט אונז אויף גיך אָנטועך און מען נעמט אונז ווייטער טרייבן.

נו

יעצט טרייבט מען אונז אַ קליין שטיקל וועגס אין די קאַזאַרמעס אַריין. קודם שטעלט מען אונז אויס אין אַ ריי און מען טיילט אונז צו גרויסע שיסלען און צו צוויי קאָלדערעס. דערנאָך לאָזט מען אַריין צו צוויי אין דער קאַזאַרמע אַריין, ווו יעדער פאַרכאַפּט אַ געלעגער און אַזוי ווי איך בין נישט פון די גרויסע כאַפּערס בלייבט פאַר מיר אַן איבערבלייבעכץ פון אַ בעטל ערגעץ אין אַ ווינקל. און דערנאָך שטעלט מען אונז אויס אין אַ ריי און מען הייבט אונז אָן צו טיילן דריי פערטל פונטיקע פּאָרציעס ברויט, און נאָך קאַווע הייסט מען אונז אַרויסגיין אין הויף, ווו ס'פּאַרעט אַ קעסל קאַווע און מען טיילט אונז צו האַלבע קוואָרט קאַווע אין די שיסלען אַריין. נאָכן אויסטרונקען די קאַווע מיטן פאַרבייסעכץ, דאָס זעלנערי-שע ברויט, יאָגט מען אונז אויף אונזערע געלעגערס שלאָפן.

נז

צומאָרגנס זיבן אינדערפרי מוז מען שטיין אויף די פּיס. מען מוז זיך אַליין פאַררייכטן ס'בעט און איילן נאָך קאַווע און אָנבייסן אויף פלינק, ווייל עס קומט אַ בערלינער פּראָפעסאָר אויף אונטערזוכן אונז. דערווייל קומט מיין טאַטע און

מײַן שוועסטער צירעלע—און אין הויף לאָזט מען נישט אַרײַן, שטײען זײ, מײַן שוועסטער צירעלע און מײַן טאַטע, בײַם שטאַ־כעטן־פּלויט און גיבן מיר אַ בריוועלע פון חיה־שרה, זי האָט נישט געהאַט קײן צײַט צו קומען—און רעדן צו מיר און דער־לאַנגען מיר דורכן טירל, וואָס איז באַוואַכט פון אַ זעלנער, אַ טעפּל קאַרטאָפל־גריץ, און טרײסטן מיך, אַז איך זע אויס שטשופּ־לע, און איך וועל פרײ גײן. דערווײל נעמט מען אַרײַנפירן. דער פּראָפעסאָר איז דאָ. און מיר נעמען זיך פאָרשטעלן פאַרן פּראָפעסאָר—דער פּראָפעסאָר שטײט פונדערווײַטנס און בליקט אויף אונז און מיט אַ ווונק באַצײכנט ער, ווער ס'איז גוט און ווער שלעכט. די נבואה פון מײַן טאַטן און שוועסטער איז מקוים געוואָרן—איך בין צו שמאָל, צו אײדל אויף אַרבעט און מיט פרײד לויף איך אַהײם אַ באַפרײטער.

נח

אַהײמגעקומען בין איך שוין צווישן טאָג און נאַכט. דאָס פאָרברײטן פאַרן פּראָפעסאָר האָט געדויערט ביז פאַרנאַכט. און איך בין ס'ערשטע אַרײַנגעפאַלן צו חיה־שרהן. אַ גדולה—מען האָט מיך באַפרײט. און באַלד לאָף איך זיך אַהײם צו אונז — מײַן טאַטע װײנט פאַר פרײד און מײַנע שוועסטערלעך קושן מיך. און עס זעט אויס, ווי כ'וואָלט שוין נישט אינדערהײם געווען לאַנגע צײַטן. און מײַנע שוועסטערלעך קאָכן אָפּ אַ גוט נאַכט־עסן, קאַרטאָפל מיט אַ שטיקל לעבער. און ס'ברויט ווערט די נאַכט נישט אויסגעטײלט, יעדן זײַן פּאָרציע, נאָר ס'ליגט אויפן טיש און וויפל אײנער וויל קען ער עסן, און מען מאַכט וואַרעמלעך אין שטוב און מיר זיצן אַביסל לענגער אויף און מען איז זיך מצער פון דודלען—ער אַרבעט אין אַזעלכע פּרעסט אויף דער גאַס. און מײַן טאַטע זאָגט, ער וואָלט געוואָלט, דודל זאָל זײַן אינדערהײם. ער וואָלט זיך אויך געקענט דער־נערן. ווען דער אויבערשטער העלפט ס'מאַכט זיך וואַרעם, וואָלט ער, מײַן טאַטע, געקענט עפּעס טון—טאָר מען נישט מהרהר זײַן, ווײל דער אויבערשטער דווקא קעלטן. אַזוי שמועסן

מיר, ביז ס'ווערט קיל אין שטוב און מיר לייגן זיך מיט פרייד אין די בעטן.

נט

איך נעם זיך מיט חיה-שרהן לעזן „שטאַרבן" פון שניצ-לערן. און חיה-שרה איז געפעלן דער קליינער ראָמאַן. די ערעקן, וואָס לאָזן נישט רוען דעם קראַנקן אין ראָמאַן און טרייבן אים ביז שטאַרבן, זענען געווען נאָענט חיה-שרהן צום האַרצן, און זי האָט באַשולדיקט דעם קראַנקנס ליבסטע, ווען זי אַנטלויפט פון אים, אין נישט-געטרייקייט.

און איך בין געווען אויף איר זייט, אויף אַלגעס. זי האָט פאַר אים געליטן.

„און גראָד אין טראַגישסטן מאָמענט פאַרלאָזט זי אים — פאַלט מיר חיה-שרה אַריין אין די רייד. ווען גראָד זי איז אים נויטיק געווען". „אַלע מעשים האָבן אַ גרענעץ" — פאַרטיי-דיק איך זי.

„די ליבע האָט נישט קיין גרענעץ" און חיה-שרה גיט מיר צו פאַרשטיין, ווי זי פאַסט אויף די ליבע. די ליבע, זי איז, ווי די לעגענדע דערציילט: נאָך זיבן יאָר ברענען אויף איין אָרט שפרינגט אַרויס פונעם פייער אַ סאַלאַמאַנדרע-חיהלע—אַזוי איז די ליבע, זי לייטערט זיך דורך זיבענער יאָרן.

און איך בלייב שטים, כ'האָב נישט חיה-שרהן וואָס צו ענטפערן.

ס

נאָך אַ פערטל יאָר בענקען קומט אונזער ברודער דודל, אַן אויסגעמוטשעטער, אַ בלייכער, אַן אָפּגעצערטער, אַ דערפרוי-רענער און ער פאַלט אַריין אין שטוב אַ מידער. קוים וואָס מיר דערקענען אים. דעם טאַטן שטעלן זיך טרערן אין די אויגן. אָבער דודל האָט בטחון: ער וועט זיך אויסרוען וועט ער ווערן אַ נייער מענטש—ער איז בלויז דערקעלטעט. און ער וואַרפט זיך אין בעט אַריין—צו דערוואַרעמען זיך. און דודל גיט צו

מיין טאַטן הונדערט און פופציק עסטרייכישע קראָנען און מיין שוועסטער צירעלע לויפט אַפער קויפן אַ שטיקל קעלבערינס אויף אַ יאָכל פאַר דודלען. צו מיטאָג שטייט דודל אויף אַ מונ־טערער. און אונזער פרייד איז גרויס. און מיר זעצן זיך עסן מיטאָג מיט אונזער קינד דודלען

סא

מיט דודלס אַהיימקומען האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויפלע־בונג ביי אונז אין שטוב. דודל האָט געבראַנגט אַפּאָר פערטלעך קאַרטאָפל. דודל האָט געבראַנגט אַביסל האָלץ. די שויבן האָבן גענומען אויפטייען און אין שטוב האָט אָנגעהויבן שמעקן מיט אַ ניי חיות. מען האָט זיך פאַרגונען און אָנגעהויבן בראָטן קאַר־טאָפל אין פאַלניק פונעם קאַנאָנדל און אויף שבת האָט מען געשטעלט אין טשאָלנט אָנשטאָט אַ יאַפּצעק — פערלגראָפּן מיט אַרבעסלעך—פעט געשמאָלצן. און געקויפט האָט מען אַ ווייס ברויט אויף המוציא צו מאַכן שבת ביים טיש. און דער טאַטע האָט אַהיימגעבראַנגט פיר לויט ראָזשינקעס אויף יין צמוקים — האָבן מיר געהאַט אַ שבת ווי ביי אַ נגיד,

סב

סוף־כל־סוף לאָזט אַביסל דער פראָסט—די זון גייט שוין העכער. און מיין טאַטע נעמט זיך ווייטער עפּעס צו טון. ער, מיין טאַטע, שערט אַ קעטע פון אַ שאָק איילן. אַפּאָר פונט שעס ליגט נאָך אין שטוב, נעם איך זיך עס אָפּצושיסן. דודל קומט צו זיך און ער גייט יעדן טאָג צו זיין מיידל, ווו ער טרעפט זיך מיט איר אין דער „האַרפע" און ער עסט דאָרט מיט זיין מיידל נאַכט־עסן. און שפּעט קומט ער אַהיים ווו דער טאַטע כאַפּט זיך שטיל אַראָפּ פון געלעגער—די קינדער נישט איבער־צוזוועקן—און מאַכט אים אויף די טיר און ער, דודל, כאַפּט זיך אַריין אונטער דער דעק, וואָס דער טאַטע וואַרעמט פאַר אים אויס. און באַרויקט, אַז מיר זענען אַלע דאָ, שלאָפן מיר, ווי אונטער איין דעק.

סג

מיין טאַטע שערט שוין גרעסערע קעטן, דריי שאָקיקע און מען קויפט אַ צוויי-דריי צענטליק פונט שעס אויף אַמאָל. און איך אַרבעט זיי אויס. די טעג זענען שוין גרעסערע און איך קען אַריינשיסן מיינע פינף-און-צוואַנציק אַרשין סחורה אי-בערן טאָג. ס'גייט צו זומער, וועט מען ברויכן צייג אויף הויזן, אויף וועסטן, אויף האַלקעס, אויף סטענדלעך. אַז ס'וועט אונדז געראָטן, וועט מען אַריינכאַפּן אַפּאָר הונדערט מאַרק—צו לעשן אויף זומער. דערווייל שיסן מיר אָפּ אַפּאָר צענטליק שאָק איילן סחורה, ביז די שטאָט לאָדזש פראַלט אויף די טויערן פאַרן זומער.

סד

מיין שוועסטער צירעלע רופט מיך אַפּער פון הינטערן שטול, כ'זאָל אַרויסלויפן זען ווי די בושלעס שוועבן איבער אונזער הויז. איך לויף אַרויס אויפן הויף און פאַררייס מיין קאָפּ צום הימל, און איך זע, אַ פּאָרל בושלעס שוועבן מאַיעסטעטיש, לאָזן זיך אַראָפּ אין ראַדיגאָשטש-שטח, מאַכן ברייטע קרייזן איבער היינצלס גאָרטן, און לאַנגזאַם ווערן זיי פּיטשינקע אינעם חלל—מען זעט נאָר פּינטעלעך, ביז זיי פאַרשווונדן פון אונזערע בליקן. און באַלד אויפן צווייטן טאָג ווערט די לופט ווי זייד גלאַטיק. און די וואַסערן ליפּעץ-זיס. און גרינלען נעמט זיך דאָס גראָז אין אונזער הויף.

סה

מיר, איך און חיה-שרה, מאַכן דעם ערשטן פרילינג-שפּאַציר נאָך ראַדיגאָשטש. אַנטקעגן דעם, וואָס איך האָב מיר דעם ווינטער אָנגעליטן, איז דער פרילינג פאַר מיר, ווי אַ קלייד פאַר אַ לייב און נעם אים אויף, ווי אַ קינד דער מאַמען. חיה-שרה, דערקעגן, איז היינט פאַרשלאָסן—זי גייט אַ שטומע—אַ שטימונג אַזעלכע, און איך ווער אויך שטום לעבן איר—גייען

מיר צוויי שטומע. אַזוי גייען מיר פאַרביי הײַנצלס גאָרטן, ווו די ביימער רוישן, וואָס ס׳קילט ס׳בלוט. און איך דערמאָן זיך אָן קאָראָלענקעס „דער וואַלד רוישט״. און איך פאַרטראַכט זיך איבער דער נאָוועלע און חיה־שרה רייסט מיר איבער ס׳טראַכטן „וואָס ז ד קלער״—איך נעם איר דערציילן די לעגענדע פון „דער וואַלד רוישט״ און חיה־שרה רופט אויס: „וווּנדערבאַר״ און בעט מיך איך זאָל איר ברענגען דאָס בוך. דאָ גייט פאַרביי אַן אַלטער זשאַד מיט אַ קויבערל בייגעלעך און חיה־שרה קויפט אַ שנירל בייגעלעך, און אַהיימצוּוועגס עסן מיר בייגעלעך.

סו

מיר דערהאַלטן אַ בריוו פון יעקב־דוד זילבערשטיין: אַזוי ווי ס׳האָט זיך געמאַכט זומער, זאָלן מיר, איך און מיין ברודער, גאָרנישט קלערן און פאָרן קיין אָפּאָטשנע, ווו מען שרייבט דאָרט אין אָפּאָטשנע איין קיין ווין צו פאָרן. אַ קלייניקייט צו־פאָרן קיין ווין, די הויפּטשטאָט פון עסטרייך־אונגאַרן. מיר קלערן נישט לאַנג, מיר פּאַקן זיך איין ס׳בייטיקע און אין אַ דאָנערשטיק פאַרנאַכט פאָרן מיר אַראָפּ מיט דעם שטאָט־טראַמ־וואַי צו גייערן אויפן מאַרק, פון דאָרט לאָזן מיר זיך צו ראָ־קאָטשינער שאָסעע, און מיר זעצן זיך אויף, פאַר אַ רובל מיט צען גראָשן, איינאיינעם פון די טאָמאַשאָווער וועגן און פאָרן קיין טאָמאַשאָוו.

סז

געפאָרן זענען מיר ביינאַכט. און אַ לעבן צו פאָרן מיט מיין ברודער דודלען. קודם ווען דער וואָגן שטעלט זיך נאָר ביי די ערשטע סטאַציע אָנפויען די פערד, כאַפּט זיך מיין ברודערל אַוועק פונעם וואָגן אויף אַ צען מינוט און באַלד קומט ער צוריק מיט אַ בונט גרינע ציבלקעס, וואָס ער האָט אָפּגע־ריסן דערלעבן אין אַ גאָרטן. און מיר נעמען זיך צום עסן — ברויט מיט פּוטער מיט גרינען סציפּיער. ביינאַכט דרימל איך

איין—דעקט מיך מיין ברודער צו מיטן פלאַשטש, וואָס ער האָט געבּרענגט פון די דייטשן און ער גייט ביי מיר אַרום, ווי אַ מאַמע אַרום איר קינד. און אַזוי הוידען מיר זיך אַ גאַנצע נאַכט אויפן וואָגן, ביז מיר קומען אַריין פרייטיק אינדערפרי נאָך טאָמאַשאָוו.

סח

קודם, אַריינקומענדיק קיין טאָמאַשאָוו, גייען מיר אויפ־זוכן אונזער פאַמיליע, אַ געשוויסטערקינד פון אונזער טאַטן — אַ ייד מיטן נאָמען גלאַגאָווסקי, וואָס ער האָט געשמט פּאַר אַ קאַרגן און וואָס האַלב טאָמאַשאָוו ליגט ביי אים אין קופּערט פאַרמשכנט. קוים וואָס מיר זוכן אים אויף, ערשט זיין ווייב, יענטעלע ארורה, לאָזט אונז נישט אין שטוב אַריין. זי קען אונז נישט—זי ווייסט נישט ווער מיר זענען. באין ברירה נע־מען מיר מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ אַרויסגיין פון הויז און דאָ באַגעגענען מיר דעם בעל־דבר אַליין, גלאַגאָווסקין, און ער דערקענט אונז: חיאלקעס קינדער. און ער שייגעצט אָפּ זיין יענ־טעלע: „וואָס פּאַר אַ גילדענע מאכלים זייער מוטער, די כשרע אסתר־פריידל, האָט אים געגעבן צו עסן, ווען ער איז געווען אַמאָל אין לאָדזש—ווען ער חיאלקעס קינדער אַוועקלאָזן אום ערב־שבת? ניין, יענטעלע, זיי מוזן דאָ עסן שבת". און ער נעמט אונז באַקלאָגן: „ס'איז אויף זיי געקומען אַ נייער גלות. זי, יענטעלע, האָט געברויכט צו זיין ביי זיי אין פרידנסצייט—אַ מלכות, זאָגט ער איר, איז זייער שטוב געווען. און די ליכטי־קע אסתר־פריידל האָט זיך אַרומגעדרייט, זאָגט ער איר, אַ קיי־סערינע. אוי, די גילדענע פריידל". מיר פאַרבלייבן אויף שבת.

סט

דאָס איז געווען דער ערשטער פרייטיק־צונאַכטס, וואָס איך בין געזעסן ביי אַ פרעמדן טיש. געזעסן זענען מיר אַלע שטום אָן לשון, מחמת ס'האָט זיך געפילט אַ קללה אונטער אירע, אונ־טער יענטעלעס, הענט. וואָס זי האָט דערלאַנגט צום טיש האָט

געשמעקט מיט פלוך, מיט פאַרוויסטעניש, מיט צעשטערונג. און מיר האָבן אין זיך אַריינגעגאָסן גיפט. מיר האָבן זיך געשטיקט ביי יעדן ביסן. און ער, גלאַגאָווסקי, האָט אָראָפּגעשלונגען דאָס זמירות און מיר האָבן שוין געדאַנקט גאָט, ווען יענטע האָט דערלאַנגט צום טיש מים־אחרונים און גלאַגאָווסקי האָט פלינק אָפּגעמורמלט שיר־המעלות, און באַלד דערויף, מיט אַ תחנונים־דיק לשון, האָט ער געזאָגט: „רבותי, מיר ווען בענטשן". און מיר האָבן אָפּגעבענטשט און זיך באַלד געלייגט שלאָפן.

ע

צומאָרגנס, ווי ס'איז נאָר ליכטיק געוואָרן, האָבן מיר זיך אויפגעכאַפּט און אַנטלאָפן פון יענטעלען, ווי פון אַ פייער, געלאָפן זוכן זעגען מיר אַ צווייטן קרוב און אַריינגעפאַלן זע־נען מיר צו מיין טאַטנס אַ גליד־געשוועסטערקינד, אַ יונגערמאַן, אוי, ווי ער האָט זיך מיט אונז דערפרייט: „חיאלקעס זין". און ער שטעלט אונז פאָר פאַר זיין פרוי: „אַ קליינינקייט פריידלס קינדער"—האַלט ער אין איין חזרן. און ער פאַרבעט אונז צום טיש, ווו די פרוי שטעלט אויף פון אַלעם גוטן. און ער פרעגט זיך נאָך אויפן טאַטן און אויף די שוועסטערלעך. און מיר געבן אים איבער אונזער לאַגע, אַז מיר ווילן פאָרן קיין ווין. און ער נעמט אונז אָפּרעדן. די וואָך איז איצט פאַרשטאַרקט אויף דער עסטרייכישער זייט און מען כאַפּט אַלע, וואָס פּרווון אַרי־בערגיין דעם עסטרייכישן געביט. און ער גיט אונז אַן עצה: אַזוי ווי מען אַרבעט איצט הינטער טאָמאַשאָוו אַ קאָלייקע, זאָלן מיר אויפשטיין מאָנטיק גאַנצפרי און אַרויסגיין הינטער דער שטאָט, ווו מען אַרבעט די קאָלייקע, און בעטן דעם יונקער, ער זאָל אונז צונעמען צו דער אַרבעט—וועלן מיר אַרבעטן דערווייל אַפּאָר וואָכן, ביז ס'וועט ווערן לייכטער דאָס איבער־גיין אויפן עסטרייכישן געביט—וועלן מיר שפּעטער פאָרן קיין ווין. און מיר שטימען איין.

עא

ביינאַכט האָב איך געחלומט פון חיה־שרהן און געהיטן דאָס טאָרבעלע מיט די צען רובל, וואָס איך האָב די לעצטע מינוט פאַר מיין אָפּפאָרן קיין טאָמאַשאָוו פון חיה־שרהן באַקו־מען, און וואָס איך טראָג זיי, די צען רובל, אויפן האַלז אָנגע־האָנגען אינעם טאָרבעלע. איך נעם אַרויס פונעם טאָרבעלע דאָס רויטע פּאַפּירל, דעם צען־רובלדיקן, און ווי ס'וואָלט געווען אַ האַרץ, הער איך ווי ס'קלאַפּט. און איך מאַך לאַנגזאַם אויף דאָס האַרץ־קלאַפּנדיקע שטיקל פּאַפּיר און לייג עס צו צו מיין ברוסט און שלאָף דערמיט איין.

עב

מיר זענען שוין פאַרבליבן ביז מאָנטיק אינדערפרי ביי אונזער קרוב, ווי מען האָט אונז מאַכיל ומשקה געווען. מאָנטיק אינדערפרי האָבן מיר זיך אויפגעכאַפּט פינף פאַרטאָגס און גע־נומען גיין הינטער דער שטאָט, צום אָרט, ווו מען אַרבעט די קאַלייקע. אָפּגעייענדיק ביז הינטער דער שטאָט, קומען מיר צו אַ פּונקט, ווו עס זאַמלען זיך אַרבעטער מיט פּעקלעך עסן און מיט קריגעלעך קאַווע. מיר פאַרשטייען דאָ אַז ס'אָרט ווו מען וועט טרעפן דעם מאַיאָר צו בעטן אַרבעט. באַלד שטעלן זיך אונז אַרום אַ רעדל לאָדזשער און זיי פרעגן זיך, נאָך וואָס מיר זענען געקומען און מיר ענטפערן: „מיר ווילן אַרבעטן". און צווישן רעדל קומט פאַר אַ שמועס: „יאָ, זיי וועלן רעדן מיט שולצן, דעם יונקער, אַז ער זאָל אונז צונעמען". באַלד הערט זיך, „שולץ גייט". און מיר דערבליקן פאַר זיך אַ הויכן דייטש אין אַ ספּאָרט־אַנצוג, מיט אויפגעזעצטע כאָלעוועס און אַ גרינעם יעגער־הוט מיט אַ שטעקן אין האַנט. חברה נעמען אים דערציילן, מיר זענען צוויי לאָדזשער, וואָס זענען געקומען אויף אַרבעט. ער קוקט אונז אָן און ער זאָגט: ער ברויכט קיין אַרבעטער, נאָר אַזוי ווי מיר זענען געקומען פון לאָדזש נעמט ער אונז צו. און ער גיט אַ קאָמאַנדע: „לאָס!".

עג

אין אַ פראָסטן קוילן-וואָגן. געטריבן פון אַ קליין לאָקאָמאָ־טיוול, פּאַקן מיר זיך אַלע אָן און דאָס לאָקאָמאָטיוול יאָגט זיך מיט אונז אַוועק אויף אַ שטח פון דריי וויאָרסט, אויף אַ פרישן „געגלייזטן" וועג, און ערשט שטעלט עס זיך און מיר אַלע קריכן אַראָפּ און שולץ נעמט אויסרופן די נעמען, ביז ער ענ־דיקט דעם צעטל מיט נעמען, ווענדט ער זיך צו אונז, „ווי הייסן מיר?"

„קרול", רופט זיך אָן מיין ברודער.

„קרול איסט דאָך איין קעניג" — רופט ער אויס און פרעגט אין שפּאַס, צי מיר ווילן נישט ווערן די „קרולס" פון פוילן. און ער שרייבט אונז איין. און שטעלט אונז אַוועק, אָפּגעטיילט פון אַלע, צו גראָבן אַ גלייכע שורה ערד, גלייך מיטן פּליאַנט אויס, ווי די גרופּע האָט זיך צעטיילט, טייל ביי גראָבן ערד, טייל ביי פירן וועגעלעך זאַמד. און מיר נעמען זיך צו דער אַרבעט.

עד

מיין ברודער דודל גראָבט געשיקט מיט דער שיפלע און איך דליביע. ווי פיילן שניידן זיך אין מיינע אויערן אַריין שולצס אויסרופן: „פאָרווערטס, פאָרווערטס". ווי ער טראָגט זיך, ווי אַ שטורעם פאַרביי אונז, ערד-קאָפּערס, מיטן שטעקן אין דער לופטן. איך כאַפּ זיך צום רידל, גראָב לינקס, גראָב רעכטס אָן אַ סדר. אין דעם פאַלט צו שולץ צו מיר, כאַפּט דעם רידל פון מיינע הענט און נעמט מיר ווייזן וויאַזוי מען גראָבט. און צעגראָבט אין משך פון פינף מינוט מער ווי איך דליביע די דריי שעה, וואָס איך גראָב. און ער לערנט מיך, וויאַזוי איך זאָל האַלטן דעם רידל, וויאַזוי איך זאָל אָפּשיבן פון זיך די ערד. און מיין ברודער דודלען קלאַפּט ער אויף דער פּלייצע: „דער איסט איין בורש". און ער פרעגט זיך ביי מיין ברודער, ביי וואָס ער האָט פריער געאַרבעט. און ער, מיין ברודער, זאָגט אים: „ביי־

שוצנגריבער". און ער הייסט אונז גיין אָפּרוען און עסן מיטאָג מיט אַ האַלבע שעה פריער. און מיר גייען אין שאָטן עסן אונ־זער מיטאָג.

עה

בײַ מיטאָג שטעלן זיך בײַ אונז אַרום ווײַטער אַ רעדל־און דאָס רעדל, די יונגען, נעמען אונז אויספרעגן ווער מיר זענען, ווי אַזוי קומען מיר קיין טאָמאַשאָוו וכדומה. און באַקו־מענדיק פון אונז תשובות אויף אַלעם, זאָגן די יונגען, זיי וועלן אונז שאַפן אַ דירה אינעם נאָענטסטן דאָרף, אויף דער „קאַטשקע". דערווײַל ברענגט מען אונז צו צוויי שטיקער ברויט אָנגעשמירט מיט פּוטער — „שולץ האָט דאָס אונז געשיקט". מיר שיקן צו־ריק ס׳ברויט: „מיר דאַנקען אים". און מיר נעמען זיך עסן אונזער מיטאָג, וואָס אונזער קרוב האָט אונז מיטגעגעבן.

עו

מיר הערן אַ פײַפל־פײַף און מען כאַפּט זיך אויף פון די ערטער צו דער אַרבעט. יעצט שטעלט ער, שולץ, מיך אַוועק בײַ אַ גוי און זאָגט אים אָן, ער זאָל מיר צווייזן, ווי אַזוי איך זאָל שטעלן דעם רידל. און דער גוי מיט צוויי וואָנ־צעס, ווי בײַ אַ כינעזער, לערנט מיך, ווי אַ טאַטע זײַן זון, בנעימותדיק, מיט איבערגעגעבנקייט. און ער ווײַזט אַרויס צו־פרידנקייט, אַז איך שיט געשיקט דעם רידעל. און שולץ לויפט אַלע האַלבע שעה פאַרבײַ אונזער אָרט מיט אַ געשריי פון אַ לייב, „פאָרווערטס, פאָרווערטס". און די גרופּע איז צעוואָרפן אויף אַ וויאָרסט וועגס. אַ טייל גייט פריער אום מיטן „מיערניק" און מעסט אויס די לענג. אַ צווייטער טייל גייט מיט העק און שפּיצן אויס פלעקער און שלאָגן זיי אַרײַן אין „אָנגעמערנטע" ערד. אַ דריטע טייל—און צווישן זיי זענען מיר דאָ—צייכנט מיט שפּאַדלעס דעם פּליאַנט. און די רעשט—כמעט נײַנציק פּראָ־צענט פון דער גרופּע—רײַסט אָפּ בערגיקע ערטער און איבע־ריקע וועגלעך אַרײַן. און פּילט מיט איר, מיט דער אָפּגעריסענער

ערד, אויס טאָלן און גריבער — אייגנטלעך די ריכטיקע באַשאַ־פער פונעם פּליאַנט. זיי, די אַלע טיילן, זענען אונטער שולצס אויפזיכט.

עז

מיר דינגען זיך אַ שטיבל אויף דער קאַטשקע, פיר וויאָרסט הינטער טאָמאַשאָוו און מיר ציען זיך דאָרט אַריין. דאָס שטיבל איז ליידיק. ברענגט מיין ברודער האָלץ פון נאָענטן טאַרטאַק און קלאַפּט אויף אַ בעט מיט אַ טיש און אַ לאַנגע באַנק. אַ בינט שטרוי קויפט ער ביי אַ פויער. אויך קויפט ער אַ טאָפּ מיט אַ גרויסע שיסל און אַ ציגל־אייוועלע איז דאָ אין שטיבל, האָבן מיר אונזער גאַנץ ווירטשאַפט. לעבן מיר ווי די פירשטן. בכלל האָט מיין ברודער איינגעאָרדנט אַ גאַנצע שפּייזשאַרניע, פון אַלעם גוטן איז דאָ: פון ברויט, פון פוטער, פון קאַשע, פון מעל. און שוואָמען רייסט ער, מיין ברודער, אָפּ אין וואַלד, קאָכן מיר קליסקעלעך מיט שוואָמען.

עח

מיט חייה־שרהן איז דערווייל אַזוי, די ניי־געשאַפענע לאַ־גע, דאָס אויפהאַלטן זיך כסדר ביי דער אַרבעט האָט מיך אָפּגע־ריסן פון איר, ווי מען רייסט אויס אַ פלאַנץ פון איר באָדן און מען פאַרוואַרפט זי — אַזוי בין איך אַוועקגעוואָרפן געוואָרן ערגעץ קיין טאָמאַשאָוו צווישן הונדערט און פופציק פרעמדע מענטשן. אָבער איך וויל נישט זינדיקן: מיר איז גוט, איך האָב צו עסן ברויט. ווי געזאָגט, מיין נייער מצב האָט מיך אַביסל אָפּגעריסן פון חייה־שרהן און במילא אָפּגעקילט דעם פלאַם, וואָס האָט אין משך פון צוויי יאָר מיין האַרץ פאַרוואַנדלט אין אַ ליכטיקן פאַלאַץ. אָבער אין מיין שטילקייט אויף מיין געלע־גער, ווען איך דערמאָן זיך אָן מיין טויב, נעמט מיך נאָגן מיין האַרץ, ווי כ'וואָלט צוגעשטעלט אַ פּיאַווקע צו מיין ברוסט, זי זאָל זייגן ס'בלוט.

עט

אַזוי האָבן מיר זיך איינגעאָרדנט אויף דער קאַטשקע און ס'איז נישט שלעכט. מיין ברודער קאָכט מאכלי־מעדנים. קאָרן־קליסקעלעך מיט מילך, קאַשע געשמאַלצן מיט פוטער. און ער, מיין ברודער, ברענגט אַהיים פון אַ פויער אַביסל קאַר־טאָפל, קאָכן מיר קאַרטאָפל מיט ווייצענע קליסקעלעך. און צו אַנדערטהאַלבן פונט ברויט עסן מיר אויף אַ טאָג — צו האַלבע פונט אויף אַמאָל. האָבן מיר אָבער אַ זאָרג, וואָס עסן אונזערע טייערסטע אינדערהיים? אַ גאַנצן ווינטער האָט זיך דער טאַטע גענערט מיט רעטעך און שוואַרצע קאַווע — און מיר עסן ברויט צו דער זעט. פאַרדאָס, אַז מיר וועלן קומען צו די ערשטע פאַר מאַרק, — פיר מאַרק אַ טאָג באַקומען מיר, — וועלן מיר באַלד אַהיימשיקן.

פּ

לאַנגזאַם, לאַנגזאַם שטעלט ער, שולץ, מיך צו דער גרו־פּע, וואָס שיט אין די וועגעלעך זאַמד. מיין ברודער אַרבעט ביים פּליאַנט אויסגלייכן. און ס'ערשטע מאָל האָב איך געכאַפּט מיטן שטעקן פון שולצן אַ קלאַפּ אין דער האַנט אַריין. די מע־שה איז געווען אַזוי. בעת מען האָט געדאַרפט איבערשיבן די שינעס אויף וועלכע די איבערקער־וועגעלעך פאָרן — און אַלע הונדערט און פופציק אַרבעטער באַטייליקן זיך אין דעם — און שולץ טראָגט זיך, ווי אַ ווינט, מיט זיין אויסרוף צום טאַקט פון די איבערשיבער: „היפּ, היפּ", האָב איך געהאַלטן די הענט אונטער די שינעס. ווו ס'איז געווען אַ געפאַר, אַז מיינע הענט זאָלן זיך נישט איינקלעמען ביים אַראָפּלאָזן זיי. און איך האָב געכאַפּט אַ פּלאַם מיטן שטעקן פון שולצן. אָבער איך בין אים, שולצן, דאַנקבאַר, ווייל ער באַגייט זיך מיט מיר, ווי זיינס אַ באַקאַנטן. און היינט האָט ער געפרעגט ביי מיין ברודער, — ער האָט געזען, כ'האָב ביי מיטאָג געשריבן אין פעלד, — צי כ'בין נישט קיין פּאָעט. בכלל גייט מיר גוט ביי דער אַרבעט, כ'האָב זיך נישט וואָס צו באַקלאָגן.

פא

איצט ציט מען זיך אַריין מיט דער אַרבעט אין וואַלד. פויערים גייען מיט העק און זעגן פריער אויס, און האַקן און זעגן אויס אַ וועג צווישן די ביימער. יעדער בוים פאַלט מיט אַ קרעכץ, אַז עס רייסט ביים האַרץ. אָבער פויערים הערן זיך ווייניק צו צום מאוימדיקן געשלוכץ פון די ביימער און מיט שאַרפע זעגן זעגן זיי אונטער די העכסטע ריזן. מער פון אַלעם האָט מיך געריסן ביים האַרץ אויף גרופּעס קליינע ביימלעך. ווי זייג־קינדער האָבן זיי געוויינט. אָרימע ביימלעך, צי ווייסט איר דען נישט, אַז דער דייטש ברויכט אונזער פלייש—ס׳געהילץ פון די פוילישע וועלדער, און ער לייגט שי־נעס פאַר אַ באַן אויף אַרויסצופירן אין זיין לאַנד אַריין. און אינזשיניערן מעסטן—אַזוי פיל און אַזוי פיל קוביק האָלץ קע־נען אַרויסגעבן די פוילישע וועלדער—שניידט מען זיך אַריין אינעם האַרץ פון פוילנס וואַלד מיט זעג און האַק, און וואָס קען דאָ שוין העלפן ס׳געוויין פון קליינע זייג־קינדער־ביימלעך?

פב

ס׳בעסטע פאַרגעניגן האָב איך, ווען איך רו מיטאָג־צייט אין וואַלד, דעמאָלט פרישן זיך אָפּ מיינע פאַרהלשטע נערוון. איך פאַרנעם ס׳טיפע געשושקע פונעם וואַלד. דאָס בלחשדיקע מורמלען פון די ביימער. דאָ דאַכט זיך מיר, אַז איך הער אַ פידל־סטרונע ציטערן. און דאָ—ווי אַ זיידע וואָלט געזאָגט חכמה. און די פייגעלעך צעטשוויטשערן זיך—לעשט זיך ס׳בלוט אין האַרץ, אַז ס׳חיות גייט אויס און איך פאַרגיב מיין גוט ברודערל, וואָס רייסט איבער מיין געניסן מיט אַ האַנט רויטע יאַגדעס, וואָס ער האָט אָפּגעצופּט אין וואַלד פאַר מיר.

פג

שטראָפט מיך גאָט און מאַכט מיין רעכטער פוס זאָל זיך אָפּטרעטן. צי גאָר אַ שטאָך באַקומען פון אַ נאָדל־קריינדל—

מחמת פון באָרוועסן גיין אין וואַלד צווישן נאָדל־ביימער, און איך ווער קראַנק אויף אַ פוס. מען זעט אַ שוואַרץ פינטעלע אין דער פיענטע און דאָס פינטעלע ציט ביז אַרויף, שולץ עיקט מיך צו זיין דאָרף־פעלדשער. דער דאָרף־פעלדשער — גראָד אַ שטאָטישער יונגערמאַן—נעמט אַ בריטווע און נעמט אויסדליביען דאָס שוואַרצע פינטעלע און ער מאַכט נאָך ערגער—דאָס פינטעלע האָט זיך געברויכט אויסשטיין. נאָכדעם נעמט דער פוס אָביערען, אַזוי אַז איך קען נישט גיין, נישט שלאָפן און נישט עסן. און ערשט נאָך אַלעם, נעם איך לייגן האָניק־טייגלעך צום פוס. און אויפן אָרט פונעם שוואַרצן פינטעלע ווערט אַ גרין בלעזל. און ס'בלעזל ווערט גרעסער און גרעסער ביז עס פלאַצט און דער פעלדשער פאַרבאַנדאַזשירט מיר דעם פוס. און עס דויערט דריי וואָכן, ביז איך קען אָנשטעקן אַ שוך. און דערווייל אַרבעט איך נישט—איך קאָך די נאַכט-עסנס. און מיין ברודער טרייסט מיך—איך וועל קריגן פון דער קראַנקן-קאַסע.

פד

מיין פוס נעמט זיך בעסערן — איך קען שוין מיט אים גיין. און איך הינק אַרויס צום אַרבעט־פּלאַץ, ווו מען אַרבעט אין פּליאַנט. די פויערים האָבן מיט מיר אַ פרייד. און שולץ טרייבט מיך אַהיים: „דו קאַנסט נאָך ניכטס אַרבייטען". און איך זעץ זיך אויף אַ פּינעק אין וואַלד, רו זיך אָפּ פון מיין ווייניקן שפּאַציר און דערנאָך נעם איך קלויבן שוואָמען אויף אַ נאַכט־עסן. און מיין ברודער גנבעט זיך אַוועק פון דער אַרבעט און קומט צו מיר צו און מיר ציען זיך אויס אויפן וואַלד־מאָך—און דער וואַלד וויגט אונז איין. אַזוי ליגן מיר ביז פינף פאַרנאַכט. און מיין ברודער גנבעט זיך צוריק צו צום רידעל, נעמט אים אויפן אַקסל און גייט מיט דער גרופּע פויעראויס, ביז פאַר שולצן. ווי ער, שולץ, רופט אויס צום אַהיימגיין די נעמען. און מיר פאָרן מיטן לאָקאָמאָטיוול אַהיים.

פה

מיר ווערן אַלץ מער איינגעזעסענע אויף דער קאַטשקע און מיר האָבן שוין פאַרגעסן אָן פאָרן קיין ווין, מיר פאַרדינען אַכט מאַרק אַ טאָג—גייט אונז אַוועק פיר—בלייבט אונז פיר מאַרק אַ טאָג. און איך טראַכט טיילמאָל, עס וואָלט גלייך געווען אונזער טאַטן מיט די שוועסטערלעך אַהערצוציען אויף אַפּאָר וואָכן, זאָלן זיי אויך געניסן פון אַ ביסן ברויט. און מיין ברודער ברענגט אַלע אויפדערנאַכט אַהיים אַ שטיקל האָלץ פון אַ האַלבן פוד און ער זאַמלט עס אין אַ קאַמער אויפן הויף. און מיר שמועסן צווישן זיך: ווען מען וואָלט נאָר געקענט, וואָלטן מיר אַהיימגעשיקט ס׳ביסל האָלץ, וואָס ער, מיין ברודער, האָט אָנגעזאַמלט אין קאַמער—ווען מען וואָלט נאָר געקענט. דערווייל זאַמלען מיר אַ מאַרק צו אַ מאַרק און איך האָב געקריגן פון דער קראַנקן־קאַסע פאַר אַ חודש—הונדערט און צוואָנציק מאַרק. און מיר שיקן אַהיים דעם טאַטן צוויי הונדערט מאַרק, און חיה־שרהן, פאַר די צען רובל—פינף־און־צוואָנציק מאַרק. אַזוי האָבן מיר באַשטימט.

פו

איך דערהאַלט פון חיה־שרהן אַ בריוו, ווו זי שרייבט מיר: „כ׳זאָל נישט זיצן אין טאָמאַשאָוו. אַן אַנדערער אויף מיין אָרט וואָלט שוין געווען אין אויסלאַנד און געשיקט נאָך זיין מיידל. און כ׳זאָל נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און זען זיך אַרויסצוכאַפּן קיין אויסלאַנד. דער זומער וועט אַוועק און כ׳וועל גאָרנישט האָבן אויפגעטון. זאָל איך עקסטרע זען ווי בערל־גבאים זון, אַברהם אַבא, איז געפאָרן נאָך דייטשלאַנד און וויפל געלט שיקט ער אַהיים. זי האָט געהערט מען שרייבט אין טאָמאַשאָוו אויך איין צו פאָרן קיין דייטשלאַנד—זאָל איך נישט באַלעמיטשען". און איך גיב איר גערעכט: אַן אַנדערער אויף מיין אָרט וואָלט שוין לאַנג געווען אין אויסלאַנד, און מיר גייט אַדורך אַ צווייטער געדאַנק: איז דאָך שוין דאָ דודל,

ער איז דאָך שוין אַן אַנדערער, פאַרוואָס זעט ער נישט מיר־ זאָלן פאָרן. און ווידער־אַרום, וואָס איז דודל שולדיק, אַז איך האָב געהאַט צו ליידן פיר וואָכן אויף אַ פוס, און איך מאַך זיך פאַרן שעיר לעזאָזל—ס׳איז קיינער נישט שולדיק נאָר איך.

פז

אַבי מיר האָבן נישט געוווסט—מען שרייבט טאַקע איין אין טאָמאַשאָוו אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד. און איזן איז פאַרבליבן אַרבעט אויף אַ חודש—דער פליאַנט ווערט פאַרענ־ דיקט, מוז מען זיך דעם חודש אַרומזעען. ווי מען זאָגט, מיט ליידיקע הענט וויל מען נישט אַהיימקומען, האָבן מיר באַשלאָסן דעם נאָענטסטן זונטיק צו פאָרן קיין טאָמאַשאָוו זיך איינשרייבן, אויב מען וועט איינשרייבן.

פח

מיט איינמאָל כאַפּט מיך שולץ אַרויס פון דער גרופּע זאַמד־שיטער און שטעלט מיך גאָר הינטער אַלע—כ׳זאָל אויס־ גלייכן די קאַנטן פון פליאַנט. שטיי איך מיר איינער אַליין, אונטער גאָטס הימל, און שטרייך מיר מיט דער שיפּלע דאָס זאַמד פון די פליאַנט־ברעגן. און ס׳איז מיר גוט. איך קען קלערן פון וואָס איך וויל. דאָ הער איך זיך צו צום דביקות־ פויגל, וואָס פאַרגייט קאָפּויער אין איבערשטערצונג, אין אַ רונ־ דיק רעדלען זיך מיט אַ ווילד קייכן. דאָ פאַרקוק איך זיך אויף מיין אייגענעם גלאַנציקן רידעל, וואָס ס׳שניידט ס׳זאַמד, ווי פּוטער. דאָ דערזע איך אַן עקרבוים, אַן קינדער, וואָס סמאַ־ ליעט זיך אויף דער זון און גרויסע שפינען וועבן יעדער מצות אויף זיינע פאַרטרוקנטע צווייגן. און דאָ דערבליק איך־ גאָר גרופּן מאָראַשקעס, ציען זייערע אונטערערדישע געגנ־ אַריין. און קיינער איבעררייסט נישט מיין הנאה האָבן פון גאָטס וועלט.

פט

קיין גרויסע פֿאָרברייטונגען צו פֿאָרן קיין טאָמאַשאָוו האָט מען נישט געברויכט צו מאַכן: אָנגעטון די לעצטאַפּעטן, וואָס זענען אונז געבליבן אַ ירושה נאָך פֿון דער שמאַטשאַרניע, זענען מיר אָן אַ שבת־נאָכמיטאָג נאָך דער אַרבעט געפֿאָרן קיין טאָמאַשאָוו. אַריינגעקומען צו אונזער קרוב, דערציילן מיר די מעשה נאָך וואָס מיר זענען געקומען און ער שיקט צו קינין, אין מיטן שטאָט צום סאַמע איינשרייבער פֿון אַרבעט קיין דייטשלאַנד. אַהינקומענדיק צו קינען, טרעפֿן מיר אַזעלכע יונגעלייט ווי מיר זענען, וואָס וואַרטן אויף איינשרייבן.— שטעלן מיר זיך צו צו די יונגעלייט. וואַרטן מיר, הייסט עס, אויך. און ווען מען הייסט אונז אַראָפּלאָזן די העמדער און אַ דאָקטאָר באַהאָרכט אונז דאָס האַרץ—מיר זענען גוט. און מיט מזל שרייבט מען אונז איין קיין דייטשלאַנד צו פֿאָרן

צ

איינגעשריבן האָט מען צו פֿאָרן קיין פֿראַנקפֿורט־דמיין. פֿאַרבליבן זענען גאַנצע פֿינף טעג, ביז צום פֿאָרן קיין דייטשלאַנד, האָבן מיר שוין אויפֿגעהערט צו אַרבעטן. און גראָד איז די לעצטע צוויי טעג צו אונז געקומען אַ גאַסט—אונזער פֿייגעלע איז געקומען צו פֿאָרן צו אונז. וואָס האָבן מיר נישט מיט דעם מיידל געטון. מיר האָבן זי געטראָגן אויף די הענט. מיר האָבן זיך מיט איר געשפּירט, ווי מיט אונזערע אויגן. און מיין ברודער דודל האָט פֿאַר איר געקויפֿט צום עסן אַ ווייס חלהלע. מען האָט זי נישט געלאָזט אַראָפּבייגן צו דער ערד. און דאָך ביי דער לעצטער מינוט ביי אונזער וועש אויסוואַשן האָט זי, אונזער פֿייגעלע, נישט געקענט צוזען, ווי מיר אַרבעטן זיך אָןביים ביסל וועש. און זי איז צו צו אונזער באַליע און געמאַכט איינס־צוויי, אַ סוד צו די פֿיר העמדער מיט די צוויי האַנטעכער און מיר האָבן זיי אויפֿגעהאָנגען אויף דער זון אויסצוטרוקענען. אַזוי האָבן מיר זיך געפֿרייט צוויי טעג. און מיר האָבן זי באַגלייט מיט אַ ווייס ברויט אַ־

היים--אויף איין באַן זענען מיר געפאָרן, זי איז געפאָרן קיין לאָדזש און מיר קיין דייטשלאַנד.

צא

דאָס בריוול פון טאַטן, וואָס פייגעלע האָט מיר גע־ברענגט, האָב איך אָפּגעהיטן, ווי אַ קמיע. דאָרט אין בריוול שרייבט מיר דער טאַטע: מיין עלטסטער זון חיים - ברוך, כ׳זאָל געדענקען, אַז כ׳בין אַ ייד און נישט פאַרגעסן אָן דער מאַמעס יאָרצייט, וואָס פאַלט אויס זיבעצן טאָג אין חודש אלול—בזכות זה, אַז כ׳וועל מקיים זיין זאָגן קדיש, וועל איך פאַרלענגערן די טעג פון אים, פון מיין טאַטן. און מיר זאָלן געפינען חן אין פרעמדע אויגן (דאָס מיינט ער מיט אונזער פאָרן קיין דייטשלאַנד) און ווינטשט אונז אַ מזלדיק אָפּפאָרן—מיר זאָלן נאָך די זכיה האָבן און זיך זעען, אָמן.

אונזער פאָטער ישראל-יחיאל הלוי.

צב

ס׳האַרץ האָט מיך פאַרקלעמט אויף די טרערן־איבערגע־לאָפּענע אויגן מיין שוועסטערלס. און אויפן פּאַך מיטן ווייסן טיכל מיין שוועסטערלס, ווען זי איז שוין געזעסן ביים פענ־צטער אין וואַגאָן. נאָך האָט מיר צעשניטן דאָס האַרץ אויף דעם וויש מיטן זעלבן טיכעלע איבער אירע שוואַרצע אויגן. כ׳האָב זיך געבעטן ביים אויפזעער פון וואַגאָן, ער זאָל אַריינ־לאָזן דאָס מיידל אין אייגענעם וואַגאָן. ער האָט נישט געוואָלט ב׳קיינפאַל נישט, געזען האָבן מיר זיך נאָך ביי דער סטאַציע לאָדזש, ווו די באַן האָט זיך געשטעלט אויף דריי שעה און מיר האָבן זיך געזעגנט מיט קישן פון האַרץ. און מיר האָבן אַהיים באַפוילן, אַז צירעלע און חייה־שרה זאָלן קומען צו דער באַן. און מיר האָבן זיך לופט-קושן דערלאַנגט, ביז מען האָט אונז אַריינגעטריבן אין באַן־הויף אַריין.

צג

די באַן ברויכט אַוועקצוגיין פינף אַזייגער און שוין איז פיר דער זייגער, און מען זעט ניט צירעלען און מען זעט נישט חיה־שרהן. דערווייל איז צוגעקומען אַ נייע גרופּע לאַד־זשער—ביי צוויי הונדערט מאַן. און מיר האָבן זיך דערפרייט מיט אַסך באַקאַנטע—אַלע פאָרן נאָך פראַנקפורט. אַלע נאָך פראַנקפורט. דער פּראָסטער עולם רוישט, פלוישט. און דער פיינערער עולם, יונגעלייט מיט בערדעלעך—פון קעסט אַוועק, פון ישיבה אַרויס—זיצן אין ווינקעלעך, ווער מיט פּאָטער און מוטער, ווער מיט אייגן ווייב און מען רעדט שטיל אויפן אויער. און דאָ איז האַלב פינף און חיה־שרה און צירעלע איז נאָך נישטאָ. מען סדרט זיך שוין אויס אין די וואַגאָנעס און מען זעט נישט צירעלע אָדער חיה־שרה. די באַן רירט זיך. מיר קוקן זיך אויס די אויגן דורכן באַן־פענצטער—חיה־שרה און צירעלע זענען נישט געקומען.

צד

די באַן פליט, זי שוועבט אַדורך פליינען, דערפער, שטעטלעך, שטעט. און פליענדיק אַזוי מיט דער באַן צווישן שעראַדז און קאַליש, ווערט מיר קלאָר דער סוד, פאַרוואָס מען רופט אַ קו בהמה—מעג עס זיין דער העברעישער טייטש: נאַר, פאַר מיר איז קלאָר געוואָרן, וואָס מ׳מיינט בהמה. זע, בהמה, דאָ פליט אַ באַן מיט פיר הונדערט לעבנס און דו הערסט צו־מאָלט נישט אויף דעם קאָפּ פון דיין גראָז קייען, אַזוי פאַר־טון ביסטו אין דיין מעלה־גירהן. אַזוי פליען מיר אַדורך קאָ־ליש און שטעלן זיך ביי סקאַלמעזשיץ.

צה

אין סקאַלמעזשיץ מאַכן אויף אונז די גרענעץ־באַאַמטע אַן אַ בעזערזוכונג. מען זוכט אונטער וואָס איינער האָט, אומשטיינס געזאָגט, צוויי, דריי העמדער. און מען עקספּעדירט אונז, ווי־

שטיקלעך סחורה, דירעקט מיטן שנעל־צוג קיין בערלין. און דער שנעל־צוג יאָגט ווי אַ ווינט, ווי אין פוילן וואָלט, חלילה, געוועזן אַ מגפה. און ער, דער צוג, אַנטלויפט דאָס פון דער מגפה. איך פאַרשאַר זיך אויף דער רויער, פליושענער באַנק, וויל כאַפּן אַ דרימל, אָבער איך קען נישט, די באַן וואַרפט זיך ווי אין קדחת. צוועלף בייננאַכט קומען מיר אַריין נאָך בערלין.

צו

קודם, אַריינקומענדיק קיין בערלין, פאַרשפּרייטן זיך חברא אין די עס־שטובן, וואָס זענען אייננעאָרדנט אין וואָקזאַל. און דער פירער, אַן אַלטער קראַפּ, וואָס פירט אונז, הייסט אונז געבן עסן. באַלד טיילט מען האַלבע פונטן ברויט און שטיקער וואָרשט—גרעסער ווי די פּאָרציעס ברויט מיט גרויסע קופלעס ביר—עכט בערלינער ביר—און חברה קייען מיט פולע ציינער. וואָרן נאָכן לאַנגן הונגערן איז נישט קיין וווּנדער, וואָס דער עולם האָט זיך אַזוי להוטדיק צוגעכאַפּט צום ברויט מיטן וואָרשט.

צז

בינו־לבינו ווערט טאָג און מיר גייען שפּאַצירן אין דער שטאָט אַריין—מיר מאַכן אַ קורצן גאַנג, נאָענט, אַרום אין וואָקזאַל. חברה קויפן שאָקאָלאַד. ביר איז דאָ אומעטום, כאָטש גיסט אין די טאַשן אַריין. טייל קויפן זיך קליינע פּאַפּירענע עראָפּלאַנלעך, ביז וואָס, ביז ווען—מען רופט: וואַגאָנעס שטייען גרייט קיין פראַנקפורט. און מיר זעצן זיך אַריין, און די וואַגאָנען נעמען פּאַטשן קיין פראַנקפורט.

צח

אויפן וועג קיין פראַנקפורט־דמיין האָט די באַן געמאַכט אַ לענגערן אָפּשטעל אין האַלע, ווו מען לאָזט אַרויס פון די אָפּגעשלאָסענע וואַגאָנען, אויף דער פרייער לופט, אויף אַ שטיקל צ״ט. חברה באַפאַלן דעם וואָקזאַל, רייסן ס׳ביער פון די פאַר־

קויפערינס הענט. און מיר וואַרפט זיך אין די אויגן שיינע הייזער מיט פאַרביקע באַרעליעפן. און שוין רופט מען אין די וואַגאָנעס אַריין—די באַן נעמט רירן—און אַפּאָר דווינזשען נישט אַריין אין די וואַגאָנעס און זיי יאָגן נאָך די באַן, און זיי בלייבן אין האַלע. און די באַן נעמט זיך ציען אויף אַ צווייטן האַלבן וועג קיין פראַנקפורט.

צט

אין צווייטן האַלבן וועג פאָרן מיר דורך אַ גאָרטן — לויטער סאָד מיט פּירות, אָנגעגאָסן מיט רייטלדיקן ווייַן פון דער זון, שווינדן פאַר די אויגן—אין די באַן־פענצטער. מיר פאָרן שוין אַ טאָג און אַ נאַכט. און היינט אינאָוונט קומען מיר קיין פראַנקפורט. און איך ווער אומרויִק, דאָס באַרימטע פראַנקפורט דאָס לעגענדיקע פראַנקפורט וועט פאַר מיר באַלד, אין צוויי־דריי שעה אַרום, דערשיינען. און עס מישט אין קאָפּ בילדער פון ר׳ מאיר־אַנשל ראָטשילד און פון אַנדערע גאונים, וואָס רוען אין פראַנקפורט — פון געטען, פון בערנען, פון מאַדאַם שטיגלעץ — אַלץ מער און מער אומרויִקער ווערט דאָס האַרץ ביים דערנענטערן זיך נאָך פראַנקפורט.

ק

שוין פון אַ שעה צייט ווי עס זעט זיך פונוווייטנס אַ קאָלירנדיקער ים פון ליכטער. און פאַרשידן זענען די ליכטער: רויט, געל, גרין. און זיי מישן זיך אויס, די קאָלירן, אין אַ שוועביק־ציטעריקע ליכטיקייט. ווי טויזנטער ענגלייכטער וואָלטן זיך צעהאָנגען אין חלל, שימערט און בלענדט. דאָס פאָרן מיר צום פראַנקפורטער וואָקזאַל. און דאָ פאָרן מיר אַריין אין דעם ליכטער־ים. ווי אַ בינטער האָגל וואָלט געפאַלן, פינקלט אין אונזערע אויגן. און טויזנטער לעמפלעך זענען צעלייגט צווישן די רעלסן, וואָס ציען און שניידן זיך איבער, ווי נערוון אויף אַ מענטשן־גוף. און טויזנטער לאָמפּן, וואָס קלאָרן זיך אויף הויכע האַלצערנע און אייזערנע סלופּעס—אין דער הייך. און מיר

שטעלן זיך אָפּ ביים באַרימטן וואָקזאַל, ווו דרייצן פּאָר רעלסן
געמען לויפן.

קא

אָפּגעשטעלט האָט מען אונז אין וואָקזאַל. געקומען עלף אַזייגער. גענומען האָט מען וואַרטן ביזן דערפרי. ווער האָט איינגעדרימלט אויף די בענק זיצנדיק, ווער אויפן דיל, אונטערן פּעקל. אַסך האָבן זיך פאַרשפּרייט אין די פיל צי-מערן פונעם וואָקזאַל—און מיר, איך און מיין ברודער, צווישן זיי. און אומעטום סאָלדאַטן, זיי ליגן אויף דר׳ערד. זיי זיצן אויף בענק. אַסך שלאָפן. אַסך דרימלען. און מיר פאַרזוכן די ערשטע טעפּלעך שוואַרצע קאַווע, וואָס מיר באַקומען, ווען מיר וואַרפן אַריין פינף פעניק אין אויטאָמאַט.

קב

זעקס אינדערפרי. אַ גערופעריי—איינער רופט דעם צווייטן. און דער אַלטער, דער קראַפּ, לויפט אַרום ווי אַ געסמטע מויז: „שנעלער! שנעלער! גראַדע אויס, צו די עלפטע גלייזע״. און מיר כאַפּן די פעקלעך און שטופּן זיך, ווי ער הייסט אונז, אַרויס אויפן פּלאַטפאָרם. דאָ דערשיינט פאַר אונז אַ נייע וועלט: דער רעש. דער טומל און דאָס געדראַנג איז גרויס. אַלע מי-נוט הערט מען אַ ווילדן ריטשיקן קוויטש—דאָס קומט אָן אַ באַן. וואָס שיט אַרויס אויפן פּלאַטפאָרם אַפּאָר הונדערט סאָל-דאַטן פאַרמישט מיט איינצלנע דאַמען. און אַפּאָר פון די דאַ-מען שטעלן זיך אָפּ ביי אונזער גרופּע און באַדויערן אונזער הילוך. און אַוועקגייענדיק חזרן זיי: „דאָס אַרימע פּאָלען״. נאָר פיל צייט האָבן מיר נישט. אַפּאָר ניי-צוגעקומענע מענער פירן אונז צו אַ באַן און פילן מיט אונז אָן די וואַגאָנעס און די באַן נעמט רירן.

קג

אין אַ האַלבע שעה הערן מיר רופן: „גריסהיים-אַ-מיין.

אױסשטײגן". און מיר נעמען אַראָפּגײן פֿון די װאַגאָנען און אַ שרעק כאַפּט אונדז אַרום: אַ װאַלד פֿון קוימענס שטײגן אין דער לופֿט—מיר זענען אין דער באַרימטער גריסהײמער כעמי־שער פֿאַבריק, װאָס האָט הונדערט און דרײַצן קוימענס, אַ שװעבל־לופֿט, װאָס פֿאַרבט געל אַ האַלבן הימל, קרעלט אין האַלדז. און אַ שװער זשומען, װי פֿון בינען, זשומט אין די אױערן. און מען פֿירט אונדז אַרײַן אין אַ גרױסן הױף, װוּ מיר דערבליקן באַראַקן און מאָדנע אײַנגעקאַלכטע מענטשן. מען שטעלט אונדז אױס אין אַ רײ און מען נעמט אונדז אײַנקװאַרטירן אין די באַראַקן און אין אַ צװײ שעה אַרום טרײַבט מען אונדז צו דער אַרבעט.

קד

נאָכן אונטערזוכונג פֿון אַ דאָקטאָר שטעלט מען מיך צו אַ פֿראַנצױז, אַ בחור—אַ גבֿרן, צאַפּן װאַזעלין פֿון אײַזערנע פֿע־סער אין אַ קעסל אַרײַן. די אַרבעט פֿאַלט מיר צו נישט שװער—איך קערעװע די פֿעסער און העלף דעם פֿראַנצױז פּאָמפּען דעם װאַזעלין. און דער פֿראַנצױז — אַ ליבער מענטש, רעדט אַביסל דײַטש, פֿאַראינטערעסירט זיך מיט מיר. ער װײַזט מיר װיאַזױ כ'זאָל ראַלן דאָס פֿאַס — כ'זאָל נישט אינגאַנצן אַרײַנלײגן מײַן כּוח אין די פֿעסער. און ער װײַזט מיר, ער טוט אַ ריר מיטן פֿינגער און דאָס פֿאַס קאָלערט זיך און איך פֿאַרשטײ נישט: אַ ריר מיטן פֿינגער און דאָס שװערע פֿאַס זאָל זיך ראַלן. און בײַ מיר נעמט עס צו מײַן גאַנצן כּוח. אָבער איך פֿלײס זיך גובֿר צו זײַן די אַרבעט.

קה

בײַ מיטאָג טרעף איך זיך מיט מײַן ברודער: ער אַרבעט בײַ זאַלץ שיטן — אַ לײַכטע אַרבעט. מיטאָג עסן מיר אין דער אַלגעמײנער האַלע פֿון דער קיך. אַ מאָגער מיטאָג: צװײ קאַר־טאָפֿל אין די שאָלן, אַ שטיק װאָרשט—און צװישן עולם גײט אַ מימרא—פֿערד־װאָרשט און אַ מאָדנע קרײַטיכער־זופּ. און מיר

קוקן זיך ערשט אַרום, ווו מיר זענען און פינצטער ווערט אונז אין די אויגן—מיר געפינען זיך אין אַ פּאַסקע. מאָדנע פאַר-רוימערטע מענטשן זעט מען—געל, גרין, בלאָ באַשטויבט. וואָס ס'טוט זיך אין אונזערע באַראַקן, ווייסט מען נאָך נישט—דאָס וועט מען ערשט געוווּיער ווערן פאַרנאַכט, ווען מיר וועלן גיין שלאָפן. דערווייל מוז מען גיין צו דער אַרבעט.

קו

פאַרנאַכט אין באַראַק. אַ נעפּל פון פּאַפּיראָסן ציט זיך צום באַלקן. און צעטיילט איז דער באַראַק אין גרופּן. די בעל-גיער זיצן און שפּילן אין קאָרטן. די פּאָליאַקן שפּילן אַ מאָדנע שפּיל—פּאַטשן זיך אויפן „הוילן לייב". די רוסן ליגן אין ווינ-קעלעך שטומע. און מיר, נייע געסט, מיר יידן, לייגן זיך אַריין אין די בעטן, וואָס שטייען איינס אויפן צווייטן. און מיין ברודער דודל נעמט אונז איינאָרדענען. ער אַרבעט מיט אַ בעלגיער, האָט אים דער בעלגיער אַהיימגעגעבן אַ טיט קאַר-טאָפל און צוויי גלעזלעך בוליאָן. און אַזעלכע ברעקלעך, וואָס אַז מען לייגט זיי אין קאָכעדיקן וואַסער, ווערט אַ פול קעסעלע געקעכץ. און ער נעמט זיך קאָכן, אין דער באַראַקן-קיך, נאַכט-עסן. און ער קאָכט אָפּ אַן עסן פון די ברעקלעך און פּיצעלעך ווער מיר גוטס גינט.

קז

אָפּאַרבעטנדיק אַפּאָר טעג, נעם איך פילן שלעכט. אַ היץ ברענט אין מיינע זייטן, איך ציטער און כ'ליג ווי אַ שטיק ליים—קען זיך נישט רירן. און איך קען נישט גיין צו דער אַרבעט. און וועקער, אַ לאַנגער דייטש, וואָס בוזשעט אויף צו דער אַרבעט, פרעגט, „וואָס איסט דען מיט דיר לאָס". און איך ענטפער אים צומאָלט נישט. די אַרבעטער כאַפּן זיך אַריין אויף אַ צען מינוט נאָכן מיטאָג, שטעלן זיך אַרום מיין בעטל און באַקרעכצן מיך. און מיין ברודער דודל וויינט הויך אויפן קול. אָבער צו דער אַרבעט מוז ער גיין. און דער וועקער באַשטימט

האַלב פיר נאָכמיטאָג זאָל איך אַריבערגיין צום דאָקטאָר, ווו מען וועט געוווּיער ווערן, וואָס מיר פעלט.

קח

האַלב פיר גיי איך אַריבער, אָנגעלענט אויף צוויי נאַכט-אַרבעטער, צום דאָקטאָר. (די פאַבריק גייט בייטאָג און ביי-נאַכט און די, וואָס מאַכן נאַכט-שיכט, אַרבעטן נישט בייטאָג.) צום דאָקטאָר פירט מען מיך אַריין פון די ערשטע. דער דאָק-טאָר באַטראַכט מיך—און באַלד כאַפּט מען מיך אַוועק אויף אַ „גילכע-הילף" אין שפּיטאָל אַריין. איידער מען פירט מיך אַריין אין דעם גילכע-הילף-וואָגן, קומט מיין ברודער צו לויפן און מיט פאַרוויינטע אויגן באַגלייט ער מיך אַריין אין וואָגן.

קט

אין שפּיטאָל כאַפּט מען מיך, ווי אַן אבן-טוב. צוויי שוועס-טערן איילן זיך און מאַכן מיר אַ וואַנע און העלפן מיך אויס-טוען די מלבושים, פאַרדאָס בעט איך זיי, די שוועסטערן, זיי זאָלן מיך לאָזן אַליין אין דער וואַנע—כ'האָב זיך געשעמט צו-ווייזן מיין לייב פאַר פרויען. איך וואַש זיך אַרום. און זיי גיבן מיר איבערצוטון ווייס אָנצועכץ און פירן מיך אַריין אויף אַ וועגעלע אין אַ קוואַדראַטנעם חדרל, ווו שטייט דערין אַ בעטל מיט אַ טישעלע, און לייגן מיך אויפן בעטל, און באַלד קומט אַ מיידל-דאָקטאָר, באַהאָרכט מיך, ווי אַ מאַמע. פרעגט זיך פונ-וואַנען כ'בין. און שרייבט עפּעס איין אונטערן קאָפּ ביי מיר און פאַרלאָזט מיך.

קי

באַלד דערשיינט אַ שוועסטער מיט אַ נאַס האַנטעך און נעמט מיך אַרומוויקלען אַרום אויף די הויכע זייטן אַ קאָמפּרעס. דער-ווייל פאַלט צו די נאַכט און עס הויבט זיך אָן אַ שפּיל מיט מיר—אַן אמת שפּיל. די גאַסן, די מויערן, טראַמווייען טאַנצן פאַר מיינע צוגעמאַכטע אויגן. און באַקריינט זענען די מויערן,

די טראָמוואַיען מיט רויטע לענטעס. ווי אַ קאַרנאַוואַל ציען זיך די גאַסן מיט יום־טובבאַקליידטע מענטשן. און די מענטשן זענען אָנגעטון אין בונט־פאַרביקע מלבושים און מוזיק פאַר־טויבט די אויערן. טאַצן זשונזשען, פויקן קלאַפּן, באַסן ברו־מען און ווי כוואַליעס יאָגן זיך די מענטשן. איין כוואַליע איבער דער אַנדערער—איינע איבער דער אַנדערער. אַזוי ציט זיך דער קאַרנאַוואַל שעה־איין, שעה־אויס — אָן ענד. אַזוי ציט עס זיך אַ גאַנצע נאַכט. און יעדע צוויי שעה, אַזוי דאַכט זיך מיר אויס, בייט די שוועסטער אויס דעם קאָמפּרעס אויף אַ פרישן האַנטעך. און נעמען נעמט זי אַראָפּ—אַזוי פיל איך, פלע־מער, ביז עס ווערט טאָג.

קיא

באַלד אינדערפרי קומט דאָס מיידל־דאָקטאָרין צו לויפן אין באַגלייטונג פון אַ שוועסטער און געבנדיק אויף מיר אַ בליק חזרט זי: „דאַנקען גאָט. די געפאַר איסט פאָריבער, דאַנקען גאָט". און זי דעקט מיך אַביסל אויף. נעמט אַרויס אַ האַנט, באַטאַפּט דעם פולס, לייגט דעם טערמאָמעטער אונטערן אָרעם אַרונטער, נעמט אים צוריק אַפּער אין אַ מינוט צוויי אַרום, באַ־קוקט אים און פאַרשרייבט ווייטער ביי מיר צוקאָפּנס, די שוועסטער דעקט מיך גוט צו. און די דאָקטאָרין שמועסט מיט די שוועסטער שטיל אַפּאָר מינוט און דערנאָך דערלאַנגט זי אויף מיר אַ בליק און זאָגט מיר „אַדיע" און גייט אַרויס. אַזוי ליג איך אַ גאַנצן טאָג מיט אַפּאָר שלוק וואַסער.

קיב

די היץ האָט גענומען אָפּטרעטן מיטן טאָג צוגלייך און איך בין אַרויס פון געפאַר, אַזוי האָט מיך געטרייסט די שוועס־טער, ווען זי האָט מיר דערלאַנגט אַ שלוק וואַסער, און גע־לייגט מיר אַ פרישן קישן אונטערן קאָפּ, דער קאַרנאַוואַל און די אַלע בילדער האָבן זיך לאַנגזאַם אויסגעלאָשן—ווי עס גייט אַוועק די נאַכט און עס קומט דער טאָג זענען די חזיונות

צעשוווּמען. נאָר שוואַך בין איך געווען—אַ פליג נישט צו קענען אָפּיאָגן פון זיך. אויף וואָס איך בין קראַנק, ווייס איך נישט, איך ווייס נאָר—איך בין קראַנק. און דאָס ווייס איך אויך— און איך האָב אין זין מיין מאַמען און שעפּטשע חיה־שרהס באָמען.

קיג

אויפן דריטן טאָג, עס קומען אַריין די דאָקטאָרין—איר נאָמען, בין איך געוווּיר געוואָרן, איז נוימאַן—מיט אַ דאָקטאָר. און זיי נעמען חוקר ודורש זיין—ווער איך בין, וואָס איך בין. און איך ענטפער זיי אויף אַלע זייערע געשטעלטע פראַגן. און איך כאַפּ אויף פון זייער שמועס—די פוילישע פאַרשלעפּן טי־פוס און לונגען־אָנצינדונג. אגבֿ ווער איך געוווּיר, אַז איך בין קראַנק אויף אַ לונגען־אָנצינדונג, און גוט איז געווען, וואָס מען האָט מיך געכאַפּט אין שפּיטאָל אַריין. און אַזוי־אַרום מיך געראַטעוועט. און ביידע דאָקטוירים זוכן מיך אונטער נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, און פאַרשרייבן מיר מיין טאָג־דיעטע.

קיד

דעם פערטן טאָג באַקום איך צוויי סוכאַרקעלעך מיט אַ גלאָז מילך אויף אָנבייסן, אַ גלאָז יויך אויף מיטאָג און אַ מעל־זופּ אויף אָוונט־ברויט. איך באַקום אַפּעטיט. פון שעה צו שעה ווער איך הונגעריק—אַ גוטער סימן. און דאָס פאַרשטיי איך אויך, פאַרוואָס מ׳גיט נישט צו עסן—איך קען אַריינפאַלן אין אַ טיפוס און דעמאָלט בין איך פאַרביי. און איך נעם אָן פאַר גוט געלט, דאָס וואָס איך בלייב הונגעריק.

קטו

זונטיק. מיין ברודער מאַכט ביי מיר אַ באַזוך. דאָס גוטע ייִנגל ברענגט מיר אַ קריגעלע (גראָד אין אַ קריגעלע) קאַר־טאָפל פאַרפרעגלט מיט אייער און דערלאַנגט עס מיר—קיינער זאָל נישט זען—מיט וואָס איך בין זיך אויף אַן אמת מחיה. און

צו דעם ברענגט ער מיר אַ טיט אויבס. וויניקע פראַנקפור־טער באַרן—מיט זיי בין איך זיך גאָר מחיה־ ער ווייַנט פאַר פרייד, אַז ער זעט איך עס זייַנע געבראַכטע זאַכן—ער האָט זיך פאָרגעשטעלט—זאָל איין גאָט אויסהיטן. אַזוי פרייען מיר זיך ביי אַ צוויי שעה און ער פאַרלאָזט מיך.

קטז

פון טאָג צו טאָג ווערט מיר בעסער. און די דאָקטאָרין בוימאַן פרייט זיך מיט מיין בעסערונג, ווי זי וואָלט געווען מיינס אַ שוועסטער און זי פאַרשרייבט מיר אַ גרעסערע דיעטע און די צוויי שוועסטערן זענען אויפן זיבעטן הימל: „קרולכען, זי ווערן געזונט״ — זאָגן זיי ביי יעדעס מאָל אַרייַנקומען צו מיר. און קוקן אָן מיינע הענט און זיי ווונדערן זיך. ביי אַ וועבער זאָל זיך געפינען אַזעלכע הענט, נאָר פאָעטן האָבן אַזעלכע הענט.

„אָט האָט ווילד געהאַט נישט שיינע הענט״ — פרוווו איך לייקענען אין זייער השערה.

און מיידלעך קוקן מיך אָן, פונוואַנען ווייס איך פון ווילדן? און איך זאָג זיי, איך האָב געלעזן ווילדן. און זיי זאָגן, אַז ס׳וועט מיר בעסער ווערן אויף אַזוי פיל, אַז כ׳וועל קענען לעזן, וועלן זיי מיר געבן ביכער צום לייענען.

קיח

מען פירט מיך שוין אַרויס אויפן הויף אין גאָרטן אַריין, אַזוי קום איך צו זיך. און מיין אויג קוויקט זיך מיטן גרינ־וואַרג, וואָס וואַקסט אויפן גרויסן הויף פון שפּיטאָל. דאָ וואַקסן אַרבעסשויטן, ווי גרינע בראָשן, און איך רייס אַפּאָר אָפּ פון זיי און דערכאַפּ זיך ס׳האַרץ מיט זייער פריש־זיסן טעם. דאָ וואַקסן יונגע מאָנקעפּלעך—אין ראָזע און אין ווייסע פליס־קלייד־לעך. דאָ וואַקסן גלייכע שרענגען ציבעלעס, מיט גרינע קנויטן אין די פיסקלעך—און איך ציפּ־אָפּ אַפּאָר קנייטלעך און שמעק צו זייער זויערלעכן ריח. אַזוי שפּאַציר איך ביי אַ

שעה, ביז איך באַגעגן, זיצנדיק אין גראָז, אַ בחור מיט אַ בלייך פּנים און אָפּגעצערטע הענט. מיר צעשמועסן זיך—ער איז אויך אַ לאָדזשער. ער איז קראַנק געוואָרן אויף טיפוס, אויפן וועג, אַהערצו קיין גריסהיים. ס'איז אים שוין בעסער, נאָר עסן וויל ער, אַן אָקס מיט קאָפּעטעס וואָלט ער אויפגעגעסן. אַזוי שמו־עסן מיר, ביז מען רופט אונז עסן מיטאָג.

קיט

איך גיי שוין אַרום אַ גאַנצן טאָג אין גאָרטן. און איך לעז אין גאָרטן ריכאַרד פּאָסיעס „דאָס מיידל פון אנציקע"— וואונדערלעכע לעגענדע, וואָס די שוועסטע'ן האָבן מיר געגעבן צו לעזן. און איך טרעף זיך ווייטער מיט דעם טיפוס־קראַנקן. ער קען זיך אַלץ נישט זעטיקן, דערציילט ער מיר, ער עסט אויף זעקס פּאָרציעס און ער ווערט אַלץ נישט זאַט. און ווידער אַרום, וואָס איז דער וווּנדער, ער האָט שוין נישט געגעסן פון דריי יאָר אָן ביז אַהער. נעמט ער זיך פאַר מיר פאַרטיידיקן. און איך זאָג אים, מיין אַפּעטיט האָט זיך אויך צעוואָקסן. איך עס אויף פיר פּאָרציעס און בלייב הונגעריק. אַזאַ קללה אויף אונז, פּוילישע, געקומען—מיר זענען הונגעריק.

קכ

אַזוי פאַרברענג איך אין שפּיטאָל צוויי־און־צוואָנציק טעג. און מען שרייבט מיך אויס צוריק נאָך גריסהיים, און אַ גוי פירט מיך קיין גריסהיים. און מען פירט מיך באַלד צום פאַב־ריק־דאָקטאָר און דער דאָקטאָר הייסט מיך דערווייל אַפּאָר טעג אַרומגיין אויף דער פריי. אָבער איך פיל זיך שלעכט. נאָך אַזאַ שטילקייט אין אַזאַ רעש אַריין. איך וויל נאָכאַמאָל קראַנק ווערן. דערווייל קומט אַהיים מיין ברודער און ער האָט מיט מיר אַ גרויסע פרייד. בכלל, האָבן מיט מיר אַ פרייד אַלע אַרבעטער פון באַראַק. „אַ ניי־געבוירענער"—חזרן זיי. אָבער ענג איז מיר. פון אַזאַ מנוחה אין אַזאַ טומל אַריין. און ווען עס קומט בייַנאַכט, כאַפּ איך זיך אויף אַ נאַקעטער און לויף

אַרויס אויפֿן הויף—איך ווייל זיך נאָכאַמאָל פאַרקילן, אָבער איך דערקיל זיך נישט—און אַפּאָר טעג מוז איך גיין צו דער אַרבעט—דאָס מאָל פּאָדלאָגעס וואַשן אין די באַראַקן.

קכא

פּאָדלאָגעס וואַשן הייסט אויך אַן אַרבעט. מען גיסט אַ פּאָר וויאַדרעס וואַסער אויף דער באַראַקן-פּאָדלאָגע און מען מאַכט אָן אַ בלאָטע ביז איבער די קניען און מען טאָפּטשעט מיט די בערשטן און בעזעמען, אַז עס גייט אַ רויך. זענען זיי- נען מיר אַ גרופּע אויסגעבראַקירטע אַרבעטער פון פינף מאַן, וואָס דער דאָקטאָר האָט אַלע געשיקט אויף אַרבעט אויסער דער פאַבריק. און טאַקע דער חולה אויפֿן טיפוס איז אונזער פאָראַרבעטער—איז ער אָבער אַ „נאַש-בראַט", לאָזט ער מיך נישט איינטינקען אַ פינגער אין קאַלטן וואַסער. שפּילן מיר זיך און הייסן הייסט עס מיר אַרבעטן.

„אַזוי פּיעפּשען מיר זיך" — זאָגט אונזער פאָראַרבעטער,

קכב

מערקווירדיק, איך האָב אָן חיה-שרהן די גאַנצע צייט וואָס איך בין אַרויס פון לאָדזש, ווי פאַרגעסן. איך האָב נאָך איר נישט געבענקט, נישט געצויגן—אַ גלייכגעוויכט איז איינ- געטרעטן ביי מיר: נישט הייס, נישט קאַלט. עס זענען פאָרי- בער טעג, ווי איך האָב געהאַט אָן איר פאַרגעסן. איבערהויפּט איצט, אין מיין קרענק, האָב איך ענדער געבענקט נאָך מיין מאַמען ווי נאָך חיה-שרהן. פאַרוואָס ס'איז אַזוי, ווייס איך נישט. איך גיב זיך נישט אָפּ קיין רעכענונג — איך בין נישט קיין פּסיכאָלאָג—אַזוי איז עס.

קכג

בינו-לבינו פאַלט צו יום-כיפור, לאָזן מיר זיך האַרמייעס- ווייז קיין פראַנקפורט. דאָרט פאַלן מיר אַריין אין אַ שול או איך ווייס נישט, צי עס שטייען יידן, צי גוים—ווייל מען

דאַוונט נישט, מען בעט נישט, נאָר עס שטייען מענער אין פראַקן מיט צילינדערס, אָן טליתים און אָן קיטלען. שטייען ווי דרענגער און הערן זיך צו צום קאַנטאָר (בעל״ז. שליח־ציבור, בעל-תפילה), וואָס גאָרגלט זיך אויף אומפאַרשטענדלעכן תרגום־לשון. לאַנג קענען מיר דאָ נישט בלייבן. מען ווייסט נישט, צי מען איז אין אַ טומאה, צי, להבדיל, אין אַ שול. און מיר לאָזן זיך אין דעם יידישן געגנט, אויף יענער זייט מאַין, אין דער יידישער געטאָ. און מיר דערבליקן שמאָלע געסלעך, פיטשינקע הייזלעך און אַ געגיי פון אמת־פרומע יידישע טעכטער אין די געסלעך. אין איינס, אין אַזאַ געסעלע, שטעלן אונז אָפּ—מיך און מיין ברודער—אַ פרוי, אַ צנועה, מיט אַ בלאָנד מיידל—אַ יידישע כלה. „מיר זאָלן איר אַנטשולדיקן. איר נאָמען איז קייזער. מיר זענען פוילישע יידן, ניין? זאָל מען איר פאַרגעבן, זי בעט אונז קומען צו איר אַהיים און זי וועט געבן איבערצוטוען רעקלעך. אַ גוטן יום־טוב. זי וואַרט אויף אונז זונטיק״.

קכד

אַזוי בלייבן מיר ביז מוצאי־יום־כיפור, אַרומדרייענדיק זיך ביים מאַין אין געטאָ. און דאָ כאַפּן מיר זיך אַריין מיט חברה אין ספעציעלע רעסטאָראַנען, וואָס פראַנקפורטער יידן האָבן פאַר אונז פוילישע יידן צוגעגרייט, ווו מיר קריגן צו עסן פון כל־טוב. און דערנאָך כאַפּן מיר זיך אַהיים קיין פראַנקפורט. און אין וואָקזאַל כאַפּן מיר אַ טרונק פון דער גוטער דייטשער קאַווע.

קכה

זונטיק פאָרן מיר צו דער פאַמיליע קייזער. מיר קומען אַהין און מען נעמט אונז אויף ווי אָנגעלייגטע געסט. און זי, די פרוי קייזער, דערציילט אונז: זי האָט צוויי זין אויך ווי מיר אין קריג, איז פון זיי געבליבן אינדערהיים רעקלעך, וועסטן און הויזן, גיט זי דאָס צו אונז און מיר זאָלן זיך נישט

פילן שלעכט. זי איז אַ מאַמע—זי האָט אויך קינדער אין דער פרעמד. זי פילט דעם טעם פון צו זיין „פליכטלינגע", אָן טאַטן, אָן מאַמען. און מיר לאָזן זיך איבעררעדן און נעמען די שטיקלעך זאַכן און פאָרן אַהיים קיין גריסהיים מיט פרייד.

קכו

מיר לעבן איבער שרעקלעכע שעהן. אַ האַרמאַטן־שאָס האָט אונז אויפגעוועקט פון אונזער שלאָף. און דאַן אַ צווייטער, אַ דריטער, אַ פערטער און אַזוי ביז אַ גאַנץ רומל פון אַפּאָר הונדערט האַרמאַטן, פון אַלע פּאָרטן אויפן מאַין און פון דער פראַנקפורטער פעסטונג באָמבאַדירט מען. און דאָ ווייסט מען נישט פון וואָס און פון וועז, און שוין טרייבט מען אונז פון די באַראַקן: „לאָס, אין די אונטערשטענדן", און ערשט אויפן הויף ווערן מיר געוואויער: פראַנצויזיש־ענגליש־בעלגישע עראָפּלאַנען זענען באַפאַלן פראַנקפורט—דאָס ווילן זיי די כעמישע פאַבריק אויפרייסן און דאָס יאָגן די האַרמאַטן אָפּ די עראָפּלאַנען. און מיר באַהאַלטן זיך אין די בעטאָנישע קעלערן, וואָס זענען אָנגעגרייט פאַר אַזאַ פאַל. און אַזוי ליגן מיר ביז אין דער האַלבער נאַכט, ביז דער האַרמידער שטעלט זיך איין.

קכז

אַ גאַנצער טומל אין באַראַק: „די קרולס האָבן געברענגט זאַכן". און זיי, די אָרעמע מענטשן, רינגלען אונז אַרום, מ׳זאָל זיי זאָגן, ווו מיר האָבן די זאַכן געקריגן, וועלן זיי אויך גיין, אפשר וועלן זיי אויך באַקומען עפּעס אָנצוטון. און מיר דערציילן זיי די גאַנצע מעשה און ערשט זאָגט מען אונז אָפּ, אין באַראַק איז איצט היימלעך. איך בין שוין אַזוי צוגעוואוינט צום באַראַק, אַז איך קען נישט אויסקומען אַ נאַכט אָן אים. מאָדנע בילדער זעט מען זיך אָן. די בעלגיער שפּילן אין קאָרטן. דאָ כאַפּן אַרויס צוויי בעלגיער צוויי מעסערסן מאַכן אויף די קלינגען און שטעלן זיי אַריין אויפן טישל, לעבן דאָס איינגעשטעלטע געלט, עס גייט אויפן לעצטן אויג.

אין דער קאַרט. און ווי די מעסער בלישטשען זייערע אויגן— איין פּינטל מיט אַן אויג און איינער איז גרייט אַריינצושטעכן ס'מעסער דעם צווייטן אין אַ זייט. דאָ שטייט אין אַ ווינקל אַ בחור און זאָגט תהילים. דאָ דערציילן זיך אויפן אויער אַ-פּאָר יידן, אַז פראַנצויזיש-ענגלישע עראָפּלאַנען האָבן יענע וואָך געמאַכט אַן איבערפאַל אויף פראַנקפורט און גראָד האָט אַ באָמבע געטראָפן אין אַ שול און אַלט-און-צוואַנציק קינדער געטויט. און איך פאַרקלייב זיך אויף מיין געלעגער און נעם לעזן אַן אַלטע יידישע צייטונג פון פאַר דריי וואָכן.

קכח

אונטער דער צייט האָט מיין ברודער אָנגעהויבן צו האַנדלען מיט ברויט-קאַרטן אין באַראַק—ער האָט געקויפט קאַרטן אין פראַנקפורט און זיי פאַרקויפט אין גריסהיים, אין באַראַק צווישן די אַרבעטער—ס'האָט אים אָפּגעצאָלט. געמוזט פאַרקויפן האָט מען די קאַרטן באַהאַלטענערהייט, אויפן ווונק—אַז ווען מען כאַפּט אים, קריגט ער דריי חדשים „פערשפערונג". האָט ער זיך טאַקע געמוזט אויסהיטן מיטן פאַרקויף. און איך בין יעדן טאָג אויפסניי געבוירן געוואָרן—מחמת, פאַר שרעק איבער אים בין איך שיער אַ צווייט מאָל קראַנק געוואָרן און ער האָט פאַרן געלט, וואָס ער האָט פאַרדינט, געקויפט מציאות: אָנצוגער און פאַלטנס, כמעט בחצי־חינם. פאַר דרייסיק מאַרק אַן אַנצוג, וואָס איז ווערט געווען הונדערט. און פאַר פערציק מאַרק אַ פאַלטן, וואָס איז ווערט געווען הונדערט און פופציק. אָבער ווי מיר איז נישט איינגעגאַנגען די אַלע מציאות, די טויט־שרעק איז מיר מער ווערט געווען ווי די מציאות.

קכט

דאָס באָמבאַרדירן פראַנקפורט איז אונז געלעגן גוט אין געדאַנק—איז נאָך ווייניק געווען לאָדזש, האָט מען יעצט פראַנקפורט. און מיר קלערן ווי אַזוי צו אַנטקומען פון דעם אָרט. און מיר מאַכן פּלענער צו אַנטלויפן קיין בערלין. דערווייל

איז אָנגעקומען פון הויפּט־דאָקטאָר אַן „ענטלייסונג״ פאַר אַלע קראַנק-געוואָרענע אין פראַנקפורט—און איך בין צווישן די אָפּגעלאָזטע. און שוין מוז איך כאַפּן ס׳פּעקל און פאָרן—מען לאָזט מיך שוין נישט זיין אין גריסהיים און מיט האַרץ־ווייטיק פאָר איך אָפּ, איבערלאָזנדיק מיין ברודער אין גריסהיים.

קל

דורך די אַכט חדשים, וואָס כ׳בין נישט געווען אין דער היים, איז דערווייל פאָרגעקומען אַ שטיקל איבערקערעניש. דאָס הויז ווו מיר האָבן געוווינט האָט די ווירטן, די אַלטע רחלע, געלאָזט אַראָפּרייסן און אויף האָלץ פאַרקויפט. און מיין טאַטע מיט מיינע צוויי שוועסטערלעך האָבן זיך אַריבערגעקליבן צו חייה־שרהס מאַמען אין הויז אַריין אין אַ קליין שטיבל, אין דער אָפּיצינע. און דאָס שטיבל איז פול מיט ברעטער, לאַטעס און שפּענער. מיין אַהיימקומען איבעראַשט אַלעמען. חייה־שרהס מאַמע טרעפט מיך אָנקומען אין געסל און זי פירט מיך אַריין אין שטוב, ווו חייה־שרה באַגעגנט מיך מיט באַהאַלטענער שטוינונג—פאַר דאָס נעמען מיך אויף מיט אָפענע אָרעמס מיין טאַטע און מיינע שוועסטערלעך.

קלא

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָב איך מיט חייה-שרהן גערעדט, גערעדט אונטער פיר אויגן. און ס׳איז אונז פּלוצלינג גרינג געוואָרן, ווי פעדערלעך לייכט—ווי קליינע קינדער האָבן מיר זיך דערפילט. און איך האָב אָנגענומען איר, חייה־שרהס, האַנט און איר אַ קוש געגעבן, און אַ ליכט ווי אַ בליץ איז פאַרבייגעפלויגן פאַר מיינע אויגן און מיך איינגעהילט אין אַ העלקייט—דער ערשטער קוש, וואָס איך האָב אַ מיידל געגעבן. איך האָב זי אויף דער רגע געגעבן אַ צו צו זיך און איר פּנים פאַרהאָגלט מיט קושן—אין דעם מאָמענט האָב איך זיך פון איר אָפּגעריסן און אַנטלאָפן אין אונזער שטיבל אַריין.

קלב

גליקלעך בין איך געווען. ווי אַ לאַגל אַלטן וויין כ׳וואָלט אויסגעטרונקען. איך בין געזונקען אין וואַכנדיקן שלאָף. אַ גאַנצע נאַכט בין איך געלעגן צוזאַמענגעקאָרטשעט מיט מיין געגאָסענעם גליק. טויזנטער ציילן האָבן זיך געעפנט אין מיין גוף און געזויגן פון דעם גליק. דאָס גליק האָט אין מיר פלאַמען אָנגעצונדן, און אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיי געגליט. דער סנה האָט זיך איינגעשטעלט צווישן מיר און חייה-שרהן. זיין אייביק ליכט האָט מיך באַשטראַלט און איך בין געשטיגן אין ליכטיקע הימלען. די נאַכט האָט זיך אויסגעצויגן אין אַן איי-ביק גליק און אין מיר געאָטעמט מיט איר געזנוס.

קלג

צומאָרגנס אין אָוונט האָב איך זיך פאַר חייה-שרהן באַ-וויזן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. און זי, חייה-שרה, האָט זיך אויך געשעמט און מיט באַהאַלטענע בליקן האָבן מיר איינער צום צווייטן גערעדט. נאָר ניי-איבערשאַפן האָבן מיר זיך גע-פילט. אונזערע אויגן האָבן אונז געשטערט אונזער רויקייט און מיר האָבן גענומען אין דעם לייכטן פרעסטל אַ שפּאַציר נאָך ראַדיגאָשטש. אַביסל זיך איבערגעפרעסטלט שפּאַצירנדיק אַ שטיקל וועגס הין-און-צוריק און קומענדיק אַזוי צוריק אין הויז אַריין לייגט אַרויף חייה-שרה אירעביידע הענט אויף מיינע באַקן און גיט מיר אַ קוש אין די ליפּן אַריין און מיט אַ גוטע נאַכט פאַרשווינדט זי.

קיד

אין רויזן-ליכט האָבן זיך מיינע אויגן געטונקט. אין זו-נען-טייכן האָט זיך מיין לייב געכוואַליעט—איר ערשטן קוש האָב איך געקריגן פון אירע צוויי רויטע ליפּן-שטראַלן. און זיס איז ער געווען דער קוש, ווי דער דופט פון אַ בלום, און געגליט ווי אַ פייערדיקער בליץ. דער ערשטער קוש מיט

וואָס גאָט האָט אָנגעצונדן די זון האָט געמוזט פלאַמען מיט אַזאַ ליבע, ווי דער ערשטער קוש, וואָס איך האָב באַקומען פון חיה־שרהן.

קלה

זיצן מיר אַזוי ביים אייזערנעם אויוון און קוקן, ווי די קוילן לעשן זיך. שפּראַך האָט אונז איינגאַנצן אויסגעפעלט — מיר האָבן נישט קיין לשון. מיר שעמען זיך פאַר אונזערע ערשטע קושן און שעמעוודיקערהייט נעם איך אירע הענט און צי זיי צו מיין פּנים און נעם מיט זיי גלעטן מיינע באַקן און אַזוי ווי גאָט, „ער האָט געזאָגט ס׳איז גוט, וואָס ער האָט באַשאַפן", האָב איך אירע הענט פון די באַקן צו די ליפּן געפירט און פון די ליפּן צו די באַקן און אויפסניי צו די ליפּן. און אויפסניי צו די באַקן און אַזוי אָן אַ סוף, ביז מיר האָבן זיך געגעבן אַ שליס איינעם אין צווייטן און זיך טיף פאַרגעבערט מיט אונזערע לייבער, אַז די וועלט האָט זיך איבערשטאַרצט און אונז פאַרלאָרענע אויף אַ נייעם פּלאַנעט אַרויסגעטריבן — און אַ נייער רעגל איז איינגעטרעטן אין מיין בלוט.

קלו

מיינע פיר־און־צוואַנציק יאָר האָבן זיך אין מיר איינגעזאַמלט און פון מיר געוואָלט זיך אַרויסרייסן אויף דער פריי. איך וואַרט אָפּ חיה־שרהן אין הויז. ס׳איז עלף אַזייגער ביינאַכט. אַ פּרעסטל גליט און מיר שלאָגט אַ צאָן אָן אַ צאָן, איך ציטער איינגאַנצן — איך דערוואַרט חיה־שרהן. זי גייט אַרויס שטיל פון זייער שטוב. איך פאַרקלאַמער זי אין מיינע אָרעמס, אונטער מיין פּאַלטאָ, און מיר טוליען זיך אַזוי אָן ווערטער, ביז אַ שטיק נאָך דער האַלבער נאַכט.

קלז

אָט ליג איך אויף דער קאַנאַפּע ביי חיה־שרהן אין קליינעם שטיבל און איך דערבליק חיה־שרהס אויבערשטן טייל

קערפער—ווי זיבן לבנות וואָלטן זיך געקריצט איבער מיין קאָפּ
האָט אַ ליכט אַ בליץ געטאָן צו מיין האַרץ און מיר מיינע
אויגן אויסגעלאָשן און ווי אַ לונאַטיקער בין איך אַראָפּ פון דער
קאַנאַפּע און פאַר גרויס התפעלות זיך אויסגעוויינט מיט בלינדע
אויגן אויף איר ברוסט.

קלח

חייה-שרה האָט מיר אַנטפּלעקט אירע פיס ביז איבער די
קניען און פאַר מיר האָט אַ בלאַסק געגעבן אַפּאָר געטאָקטע,
רונדיקע איקרעס מיט אַ גלאַטקייט ווי ביי אַ קינד. איך האָב
מיין פּנים אין זיי איינגעגראָבן—אַרומגעלייגט זיי אַרום מיין
האַלז—און האַסטיק האָב איך אַנטפּלעקט מיין ברוסט און זיי
צוגעפּאַקט צו מיין האַרץ. און מיט מיין האַרץ געזויגן דעם
גענוס פון דעם ווייסן פיס-גליק, ביז מיר זענען געפאַלן פאַר-
קלאַמערטע אין זיסן חלשות.

קלט

אור-אַלטע קרעפטן זאַמלען זיך אין מיר איין—איך טראָג
חייה-שרהן אין מיינע הענט ווי אַ פעדערל. חייה-שרה הענגט זיך
אָן אין מיין האַלז און איך דריי זיך מיט איר אַרום ווי אַ
ווינט אין אַן עיגול. איך קאָלער זי אין מיין שויס ווי אַ באַ-
לעם. און אין איין מינוט רוף איך זי מיט צען נעמען. איך
שעפּטשע מיט מיין האַרץ: חייה-שרהשי, חייה-שרהלע, חייה-
שרהליו. און חייה-שרה פאַרפלעכט אירע הענט אַרום מיין גוף
און הענגט זיך אויף מיר אָן ווי אַ וועוויערקע אָן אַ צווייג.
און אַזוי ווי איך אַרבעט נישט, קומט פאַר יעדן טאָג צווישן
מיר און חייה-שרהן אַזאַ באַקעט-קינדעריש שפּיל.

קמ

איך שפּיל זיך מיט חייה-שרהס קאָפּ: איך צעלאָז דעם
וואַלד-האָר און זינג איר אַ לידעלע:

ביבעלע, ביבעלע, לייזעלע,
דעם קינד קויפן אַ הייזעלע.

און איך מאַך זיך זוכן אַ לייזעלע, פון וואָס מיר האָבן פאַרגעניגן. און איך פאַל אויף אַסך איינפאַלן: דאָ פלעכט איך צוזאַמען די האָר אין אַ דיקן צאָפּ און לייג אים אַרום אויפן קאָפּ אין אַ שפּיציקן קוילעטש, דאָ פלעכט איך פונאַנדער דעם צאָפּ און צעפלעכט אים אין צעפלעך און פלעכט פון אים אַ חלה. אַזוי שפּילן מיר זיך, אַלץ אין דעם קליינעם שטיבל, גאַנצע טעג.

קמא

אין ווייניקער פאַרשיכּורונג גייען אַוועק אונזערע טעג — איין טאָג פאַרשיכּורנדיקער ווי דער צווייטער. יעדן טאָג ווערן מיר געבוירן, יעדן טאָג הויבט מיר אויף דער אַנטשטייונג פון אונז. איך אַנטפּלעק פאַר חיה־שׂרהן מיין ברוסט און חיה־שׂרה בייסט זיך איין מיט אירע געלע ציין אין די פּאַמניק־לעך פון מיין ברוסט — פאַרטוליע איך שוין איר קאָפּ אין מיין האַרץ. איך וויקל אירע צימרונג־שמעקנדיקע צעפּ אַרום מיין באַקעטער ברוסט. אַזוי פאַרקייט איך אירע צעפּ ווי מיר האַלטן זיך צוזאַמען אין שעהן־לאַנגער מתיקות.

קמב

איר אָטעם, וואָס איך אָטעם אין זיך אַריין, איז ווי אַ קילער ווינט — פריש און שמעקיק. אירע צעפּ, אין וועלכע איך פאַרפּלאָנטער זיך, זענען ווי צויבער־שלאַנגען, קנאָדעריק און קיל. אירע אויגן פון וועלכע איך קוש אויס דאָס ליכט זענען ווי קוואַלן — טיף און לויטער. איר האַלז, אַרום וועלכן איך צע־גלי מיינע ליפּן, איז ווי אַ לבנה־בויגן. אירע בריסט אויף וועלכע איך זינק אין אַ מילדער פאַרשיכּורונג זיינען חלומות פון ליבע. איר לייב, אין וועלכן איך נאָרע איין מיין פּנים, איז אַ טאָל פון גליק. אירע פיס פון וועלכע איך פוץ און שלייף די נעגעלעך זענען צוויי אָאַזיסן אין אַ שׂרפהדיקן מדבר.

קמג

אַזוי ליבּעדיק זיך האָבּן מיר גאָרנישט באַמערקט, ווי דער ווינטער האָט זיך אָפּגערוקט צום זיידן, צפון. און עס זענען אָנגעקומען טעג פון טרייסטונג. מען שמועסט שטאַרק, אַז ס'זאָל ווערן שלום. און די פּאָר מענטשן, וואָס זענען פאַרבּליבּן אין געסל, האָבּן אויפגעוואַכט פון זייער פריערדיקן שלאָף — וועט נאָך קומען שלום. און דאָס געסל איז שיטערער געוואָרן. אַחוץ די פּליטער, וואָס זענען אַראָפּגעריסן און צעכאַפּט געוואָרן פון גויים, האָט ר' זעליק זיין הויז איינגעריסן און פאַרקויפט אויף האָלץ. און אַ נפטר האָט ס'געסל געהאַט: בונעם איז געשטאָרבּן. די חברה האָט זיך שוין געזאָלט אַפּאָר מאָל פאַרמאַכן, נאָר יידן שטאַרקן זיך און האַלטן איר אויף. און דאָ, מיט איינמאָל, רעדט מען וועגן שלום, מען דערוואַרט נישט צו ריידן, ווי דער שלום איז שוין געקומען.

קמד

דער סוף פון מיין ראָמאַן: חיה-שרה האָט געקריגן אַ שיף-קאַרט און זי איז געפאָרן קיין אַמעריקע. און דאָרט אין אַמעריקע איז זי ווי אין וואַסער אַריין. איך האָב געליטן, נאָר דאָס איז שוין אַ מעשה פאַר אַ צווייט בוך.

לידער

מיינע צוויי שוועסטערן,
צירעלע און פייגעלע,
שענק איך דעם בוך —
חיים

אינהאַלט

מאמע	7
טאטע	13
א. ג.	21
ח. ש.	27
מ. ז.	34
מ. נ.	36
א. פּ.	39
ר. בּ.	41
ר. ז.	42
א. ס.	44
בּ. ק.	" "
ר. ר.	45
מ. פּ.	50
ר. ש.	52
ל. לֿ.	" "
פּ. ק.	53
ר. ס.	54
ח. ש.	" "
ע. בּ.	55
פּ. ק.	56
ר. פּ.	" "
ח. ס.	57
צו אומבאַקאַנטע מיידלעך	58
לעבצונגען	64
ד. א.	68
י. י. ס.	70

י. י. ס—ס צווײ־יעריק טעכטערל	72
ד. פ.	73
י. א. װ.	" "
א. ג.	74
א. י.	" "
י. מ.	75
י. ר.	" "
גאָט	76
לבנה	85
װאַקכאַנאַליע	88
איך און מײן האַרץ	90
ענצלנע לידער	93
פאַרשידענע לידער	101
מאַרטירער	112
באַפרײאונג	116
** *	117
** *	126

מאַמע

א

מיין מאַמעס ווייסער חלום

א שוואַכקייט צו קינדער האָבן
האָט מיין מאַמע געהאַט.
זי האָט זיי אַלע באַגראָבן
פאַר די דריי־פערטל יאָר.

כ׳שוועב צווישן ווייסע, ווייטע הימלען,
אַרום מיר
אַן עדה
יונגע בחורים
און אַלטע זקנים
יונגע כלות
און אַלטע באָבעס.
צווישן זיי
דער פעטער,
דער גאָסטינינער צדיק —
רב יחיאל־מאיר —
זיין זכות זאָל אויף אונז מגין זיין.
און די באָבע ביילקע,
וואָס האָט געטראָגן
אַ טלית־קטן ביים לעבן.
און איך פלי מיט אַ יונגע כלה:
צעפלאַמט זענען אונזערע באַקן.

צעפּלעסקעס — אונזערע האָר.
מיר פליען טויער־איין, טויער־אויס
און אַרום אונז שאַלט און זינגט:
אסתּר־פריידל בת שרה
זאָל געבוירן אַ זון
צו די דריי־פערטל יאָר —
און טאַקע צום לעבן!
אסתּר־פריידל בת שרה
זאָל געבוירן אַ זון
צו די דריי־פערטל יאָר —
און טאַקע צום לעבן.

און צו די דריי־פערטל יאָר
בין איך געבוירן געוואָרן.

ב

מאַמע.
צוועלף לייבער
האָסטו אָפּגעגעבן
צום מענטשלעכן אוניווערז.
שטאָלץ!
שותּף פון גאָט!
ווי גאָט —
אַזוי אויך דו.
האָסט באַשיינט דאָס מענטשלעכע מין,
באַרייכערט דאָס מענטשלע באַפרוכפּערונג,
און מיט דיין בלוט
האָסטו דאָס אַלץ באַוויליקט.

ג

אין מיין ווייטער היים
זע איך אייביק וואַכן מיין מאַמען
איבער אונזער שטוב.

זי גיט אַכטונג
אויפֿן ביסל אָרעמקייט,
ס'זאָל זיין שלום
צווישן מיינע צוויי שוועסטערלעך
מיט מיין אַלטן טאַטן,
און ס'זאָל זיי ווײל באַקומען
די פּאָר קאַרטאָפֿל
מיטן ביסל האָבערגריץ.

ד

מאַמעשי!
מי דיך פֿאַר דיין קינד:
ער זאָל נישט פֿאַרלוירן גיין אין ווייטער וועלט.
ער זאָל נישט געשטרויכלט ווערן פֿונעם גאָלדענעם קאַלב.
ער זאָל נישט פֿאַלן ביים באָרטן.
און האָבן צו עסן אַ שטיקל ברויט.

ה

פֿאַרדאָס,
וואָס איך האָב נישט קיין היימלעכע טעג,
האָב איך גוטע נעכט:
עס קומט צו מיר
מיין מאַמע,
די צנועה,
וואָס האָט איר לייב,
ווי חנה,
נישט געוויזן די באַלקנס פֿון דער שטוב,
און ברענגט מיר
טרייסטונגען.

ו

וואָס אַ שעה
ווער איך לויטערער
און וואָס אַ שעה —
טריבער.
לויטערער —
פון מיין מאַמעס געדעכעניש,
טריבער —
פון מיין לעבן.

ז

אַזוי ווי כ׳פאַרמאַך נאָר מיינע אויגן,
וואַכסטו איבער מיר
און דערציילסט מיר מעשהלעך,
כשרע מאַמע.
ווער נאָך,
ווי דו,
האָט געקענט דערציילן
מעשהלעך, אין יידיש,
כשרע מאַמע?

ח

כ׳וואָלט געהאַט פאַר ווענען
וואָלט איך זיך צעוויינט,
ווי אַ קינד:
רוט מיין מאַמע
ווייט פון מיר,
אין פוילנלאַנד,
און גאָט האָט זיך פון מיר
אָפּגעטון.

ט

וילט זיך זינגען אַ ליד
פון רויער פיין.
וואָס האָב איך?
נישט קיין ווייב,
נישט קיין מאַמע —
די טייערסטע אין לעבן
איך בין עלנט.

י

איך און די נאַכט

איך: איך בענק דאָך נאָך דיר אַזוי!

די נאַכט: אַלע בענקט איר נאָך מיר.

איך: איך בענק נאָך דיר שטאַרקער.

די נאַכט: אין וואָס איז דערווייל מיט יענעם בחור, וואָס שטעכט זיינע אויגן אין מיין האַרץ אַריין, אויס־קוקנדיק מיט זיי אַ פרויען־סילועט?

איך: דאָס בין איך דאָך.

די נאַכט: און וואָס איז דערווייל מיט יענע מאַמע, וואָס שטעכט אירע דערשראָקענע אַפּלען אין מיינע טי־פענישן אַריין, זוכנדיק איר קינד אויף מיינע וועגן?

איך: דאָס איז מיין מאַמע, און זי זוכט דאָס קינד — מיך.

יא

מלאכים האָבן דעם אויפברוך פון טאָג אויף זייערע פליגלען געטראָגן,

אין ים אויסגעשפרייט אין די שטיינווינקלען
פון מיין מאַמעס שטוב —
טאָג איז געוואָרן אין דער מאַמעס פיר איילן
און לייבט האָט מיין מאַמע אַ שמייכל געטאָן
און איר נשמה אָפּגעבן
צום וועלט-באַשעפער.
ליכטיק האָט די זון דעם טאָגס ברעג באַגילדט
און אַ ליכטיקע, אַן אויפגעלויכטענע,
איז מיין מאַמע — אַ געלייטערטע,
אויף ניין שטרויען געלעגן,
און שפּעטער,
ווען די זון האָט געשפּאָלטן
דעם האַלבן הימל,
האָבן זילבערנע שאָפלעס
מיין מאַמען פאַרוויגט
צום אייביקן לעבן.

טאַטע

א

טאַטע,
כ׳בענק נאָך דיין מתנה —
נאָך די פּאָר תפילין מיטן סידורל,
וואָס דו האָסט מיר מיטגעגעבן אויפן וועג;
נאָכן זיידעס
רב משה טאָמאַשאָווערס
רצועה
פּונעם של־יד,
וואָס דו האָסט מיר איבערגעגעבן אַ ירושה —
און וואָס כ׳האָב אָן זיי פאַרגעסן
און איבערגעלאָזן אויף אַ פּוילישע באַן.
אוי, טאַטע!
ס׳בענקט זיך מיר נאָך דיין מתנה.

בּ

עס בענקט זיך נאָכן היימישן טייך —
די שטוב איז צוגערוימט
און אויסגעשיט מיט ווייס זאַמד
לכּבוד שבת.
און דער טאַטע, זאָל לעבן,
גייט זיך באָדן.
און ווי אַזוי באָדט ער זיך!
איי, לייגט ער קלאַפּטער:

די באָרד זיינע גליטשט זיך אויפן טייך
און די הענט שניידן דעם פלאַך
און דער קאָפּ קוקט שטאָלץ
מיט צוויי אויגן,
ווי ראַקעטן,
בעת מעשה אַרום אין טייך.
און נאָרקעס
נעמט ער!
ער טיקט זיך אונטער,
ווי אַ גאָלדענער שוואַן,
מלכדיק, אונטערן וואַסער.
איי, ס'בענקט זיך נאָכן היימישן טייך.

ג

יעדן אינדערפרי
שמועס איך זיך אויס מיט מיין טאַטן,
מיר ריידן, ווי צוויי ברידער — —
אַ לייכטע פּאַרע טיילט אונז אָפּ — —
ער וויזט מיר אָן פעלערן אין מיין בוך
און ער טרייסט מיך אין מיין דערלייטערונג.
אויך זאָגט ער מיר אָן,
כ'זאָל באַזוכן די קברים
פון מיינע אָבות.

ד

כ'האָב די נאַכט
געוויינט אויף מיין טאַטנס קניען
און ער האָט מיין פּנים פּאַרטוליעט
צווישן זיין באָרד
און מיר טרייסטונגען געמורמלט
אין מיין האַרץ אַריין.

ה

ווי אַ שטראַלן־שאָס
איז מיין בליק
געווענדט צו מיין טאַטן.
ווי אַ הירשן־יאָג
געשיקט צו מיין טאַטן.

ו

אַט הער איך אויף מיין געלעגער
די „שאָסן"
פון מיין אַלטן טאַטן,
וואָס ער גיט אָפּ
אונטער זיין פאַרפריכניעטן שטול,
און איך ווער פול מיט האָפענונג.

ז

כ'האָב די נאַכט געערוט
אין מיין טאַטנס אָרעמס
און ער האָט מיך פאַרהיט
פון בייז און שלעכטס.

ח

דעק דיין טיש פאַר אָרימעלייט —
האָט מיר מיין טאַטע אָנגעזאָגט.
בין איך פאַרפאָרן אין דער רייכער וועלט
און בין מיין טאַטנס מצווה נישט מקיים —
כ'האָב אַליין נישט צו עסן.

ט

שפּילט מיר אַ חופּה-מאַרש!
לאָמיך דאַכטן,
אַז איך ווער אויסגעגעבן
לתּורה, לחופּה ולמעשים טובים.—
און מיין טאַטע
בענטשט מיך
און זיינע טרערן
פאַלן אויף מיין קאָפּ.
און אַ ייד—אַ מרא־דאתרא
איז מיין מסדר־קידושין.
און איך הייליק
מיין כּלה. — —
נו, שפּילט פידלען!
קלאַפּט טאַצן!

י

מיט מיין בליק
דערגרייך איך ביז פּוילנלאַנד,
ווו איך האָב ס׳טייערסטע פון מיין לעבן:
אַן אַלטן טאַטן,
אַ כּשרער ייד —
אַ פּשוטער בעל־מלאכה,
וואָס וועבט נאָך אויף זיינע אַלטע יאָרן
אונטער אַ וועב־שטול.

יא

מיין טאַטע דערציילט:
כ׳בין ביים גאָסטינינער צדיק.

ווי ער לייענט נאָר דאָס אויפגעשריבענע אויפן קוויטל:
„אני חתן של רב חיים־אהרן מק״ק גאָווערטשעוו״,
רייכט ער מיר באַלד די האַנט:
דאָס זענט איר?
זעצט זיך.
און ער שליסט אויף דאָס שענקעלע,
נעמט אַרויס אַ קאַראַפינקע מיט בראָנפן,
מיט צוויי שטיקלעך לעקעך
און טרינקט צו מיר לחיים.
און ריטשט אויף ס'טאָרבעלע,
וואָס ס'איז ביי אים אויפן טיש
געלעגן פאַר נדבות,
און שטופּט מיר אַריין
פינעף רובל.
און געזעגנט זיך מיט מיר:
פאָרט מיר לחיים ולשלום
און זייט מצליח.
און אייביק האָב איך מצליח געווען.

אסתרלען (גרינבערג) —
דעם גאָלדענעם בלאַט
פון מיין בוך —
חיים

א. ג.

א

אַז כ׳קלער פון דיר,
ווער איך שטאָלץ מיט מיין געבורט,
און כ׳בענטש די שעה,
וואָס כ׳האָב דערצויגן ביז דיר.
אַז כ׳קלער פון דיר,
נעמען די מזלות גייען אַ טאַנץ
אַרום מיין קאָפּ.
און די וועלטן
שליסן זיך צוזאַמען
אין אַן אייביקן הימן.

*

דיינע אויגן —
אַ וואָלקן הענגט איבער זיי.
אַ וואָלקן,
פון אַן אונטערגייענדיקן פאַרנאַכט
אין אַ זומער־אָוונט,
ווען ס׳גאָלד איז אויסגעלאָשן.
דיינע ליפּן —
אַ זוים פאַר אַ בליץ,
ווען ער צעשניידט דעם הימל.

*

ווי דערלעב איך שון צו דערציען
צו מיין קליינע שעה,
ווען כ׳קום צו דיר
דאַכט זיך:
איך צי דעם גאַנצן טאָג
אין אַ שטיינערדיקן וואַלד,
פון גראָע צווייגן
מיט פאַרשטויבטע בלעטער;
איז מיר געבענטשט די שעה,
ווען כ׳קום צו דיר
דאָס איז מיר שוין גענוג.
אַ בליק טוען
אין די ברונימס —
דיינע אויגן,
און אויפן זונפאַרגאַנג —
אויף דיינע ליפן.

*

כ׳פאַרקלייב זיך אין אַ ווינקעלע
מיטן נאָמען
אסתרל
אויף די ליפן
און פריי זיך
ווי אַ קליין קינד —
באַהאַלטן פון אַן אויג.
כ׳פאַרבעט
צו מיין טיש
היינען,
נאָוואַליסן,
בייראָנען:
קומט,
פאַרזוכט
פון מיין מאָלצייט —

ס׳איז פון
אסטרלען
געקויפט,
פון אירע לבנה-פינגער
צוגעגרייט.

ב

עס זינגט אין מיר,
ווי אַ וואַלד רוישט,
צו דיר
לידער.

עס זינגט אין מיר,
ווי אַ ים אָטעמט,
צו דיר
לידער.

עס זינגט אין מיר,
ווי אַ הימל בלאָט,
צו דיר
לידער.

ג

כ׳בענטש יענע שעה,
וואָס וועט קומען
מיט האָפענונג,
אַז דו וועסט פאַרנעמען
מיין געבעט:
כ׳בין ריין,

ווי אַ קינד
און מײַנע זינד
און
ריין
וועסטו מיך אויפנעמען
אין דיין שויס.

ד

און קומען
וועל איך צו דיר
מיט פולע אויערן־לעפלעך פייער
און מיט אַ שטיל געהער,
אויפצונעמען דיינע יעדעס וואָרט,
וואָס וועט שוועבן פון דיין מויל,
ווי די צען געבאָטן
פאַר מיר.

ה

כ׳האָב אויסגעקוקט
אויף דיינס אַ וואָרט,
ווי נח אויף דער טויב
און כ׳האָב נישט דערזען
דאָס גראָע בלאַט
אין דער טויבס מויל —
גראָב איך זיך איין
טיפער אין דער נאַכט
און וואַרט מיט מיין שווייגן.

ו

מיט מיין שווייגן
וויל איך דערגרייכן
צו דיין שטול —

שעפּערין פון מיין ליד
און וואַרטן
אויף דיין שפּרוך.

ז

דו ביסט
די לאָטאָס,
ווו הינטער לבנה־שטראַלן
ווערט געבוירן
אַ מלאך.
ניין,
דו ביסט
די מימאָזע,
ווו ס'שפּילן זיך
אין דיר
די זון און די שטראַלן.

ח

כ'קוק אויף דיר אויס
מיט זיבן זונעז
ביי מיין זייט —
אַזוי זונט מיין אויג
און ס'העלט מיין האַנט
דיך צו עמפּפאַנגען.
קום,
דו אויסלייזונג פון מיין ליד.

ט

כ'קוק אויף דיר אויס
מיט אַן אויג
שיכור פון ליבע —
אַזוי הייס איז מיין אָטעם

י

דיין שטוב
איז אַ קליינער אָאַזיס
מיט פרישע קוואַלן
פאַר מיר,
וו איך טרונק זיך אָן
ביז פאַרגעסעניש.
איך קוש דיין שוועל,
וואָס שפיגלט גליק
און איך באַרויש זיך
ביז וואַנזין.

יא

מוזיק און בילד —
ביי אסתרלען אין שטוב
איז עס דאָ.
טוליעט זיך מיין נשמה
צו דער פריילין —
מוזיק;
הילט זיך מיין לייב
צום מיידל —
בילד.

יב

ווי די טולפּ
מאַכט זיך אויף —
מאַך אויף
דיין האַרץ פאַר מיר.

ח. ש.

באָד דיין נעגעלע
פֿון דיין קליינעם פֿוס־פֿינגער
אין זיבן וואַסערן—
און דערשיין פֿאַר גאָט.

א

איך האַלט די קניען
פֿון מיינע פֿיס
נאָענט צום מויל
און פֿריי זיך:
כ'האָב היינט אויסגעפֿירט
אַ שליחות —
כ'האָב איבערגעגעבן
ראָלניקס בוך
צו מיין דולצינעע.

ב

זיי געבענטשט
פֿאַר יעדער רגע גליק,
וואָס דו האָסט מיר געגעבן,
פֿאַר יעדער רגע רו,

וואָס כ'האָב אין דיין שויס געפונען.
פאַר יעדן מאָל
אויפסניי געבוירן ווערן,
ביי דיין קילן אַלטאַר.

ג

כ'וויין
ווי אַ טויב
אויפן בית־המקדש,
וואָס איז אַמאָל, אין מיר,
חרוב געוואָרן.

ד

כ'האָב היינט אַ נאַכט אַזאַנע —
כ'האָב אָנגעצונדן אַלע פלעמער —
זאָל עס צוציען אַלע פליגן —
זאָלן זיי זיך אָנזעגנקען די פליגעלעך —
מיך אַרט נישט קיין פליגן.
כ'האָב היינט אַ נאַכט אַזאַנע:
מיין כלה ווערט צו דער חופה געפירט
מיט אַ לאָרד—אַ פרינץ,
און איך ציר זיך אויס
אין זיידנס
און צינד אָן אַלע ליכטער
אין מיין וועלט.

ה

מסתם האָב איך נישט געטאָרט
מיין שטאָם אין דיר פאַרפלאַנצן —
דאַנק איך און לויב גאָט,
וואָס כ'בין בייגעקומען דעם יצר,
גיי איך אַ ריקוד

מיט גאָטס גאַרטל,
וואָס די זון ברענגט מיר
צייטנס, פון איר,
די לעצטע טעג.

ו

דו טאַנצסט אויף מיינע חורבות —
טאַנץ!
ס׳וועט אַמאָל אויפשיינען
דער שטערן פון מיין פאַרכמאַרעטן אָוונט,
וועט מיין טאַנץ זיין
רעשיקער, ווילדער.

ז

איך האָב דיך געהאַט
אין מיינע נעגל,
ווי אַ שעפעלע
אָפּגעלאָזט,
טוט מיר היינט באַנק,
פאַרוואָס כ׳האָב דיך נישט פאַרצוקט.

ח

כ׳האָב מיין שטאָלץ,
אַ מלכותדיקן,
פאַר דיינע פיס געלייגט.
אָנשטאָט אים צו באַהאַלטן אין האַרץ,
האָסטו אויף אים געטרעטן.

ט

פרעמד איז דיר מיין מאָרגן־לאַנד,
וווּ ס׳שיינען זיבן זינען.

פרעמד איז דיר מיין אָוונט־לאַנד,
ווו ס׳ליייכטן זיבן לבנות.

י

שטאָפּ אויף די קוואַלן
פון ליבע און פרייד
אין מיר.
די,
וואָס דו האָסט געמאַכט שלאָפן.
זאָל די ליבע אין מיר שפרודלען,
ווי אַ קליינער וואַסער־פאַל
זאָל די פרייד אין מיר זיך גיסן,
ווי דאָס זונען־ליכט.

יא

כ׳בין געווען פאַרהילט אין אַ שלייער,
כמה וכמה יאָרן.
היינט בין איך אויסגעלייטערט
פון מיין טשאַד
און איך זע קלאָר
וועלט און פרוי.

יב

ביסט ווערט מען זאָל דיך צעהאַקן,
ווי רמב״ם אַריסטאָטלעסן —
אויב דו האָסט דיין גוף
אַרומגעוועבט מיט שפינוועב
און נישט צוגעלאָזן צו זיך
דאָס נאַקעטע לייב פון אַ ווייב.

ביסט ווערט מען זאָל דיך צעהאַקן,
ווי רמב״ם אַריסטאָטלעסן —

אויב דו האָסט נישט געשיכּורט
פון לעבנס־ברונעם
דעם זאַפט פון זיין —
ביסט ווערט מען זאָל דיך צעהאַקן,
ווי רמב"ם אַריסטאָטלעסן.

יג

כ'קוק אַריין אין אונזערע צוועלף יאָר,
ווי אין אַ שפּיגל:
כ'זע דעם דנאָ פון אונזערע טעג.
דאָ זע איך
טעפּעלעך,
איבער די שטערצעלעך —
פול מיט גאָלד
דאָ זע איך —
פּעלזן ראָסטיקע,
שפּיציקע.
ווי אין אַ טייך
שווים איך אַדורך
אונזערע טעג.

יד

הענגט אַ שטריקל
אויף מיין וואַנט,
הענג דערויף אויף אַלע עוולות,
וואָס מיין מיידל באַגייט קעגן מיר.
קלויבן זיך די עוולות אָן אין זילבערנע קליידלעך
און גייען אַ קאַראַהאָד
פאַר מיינע פאַרטערטע אויגן.

טו

א

אויפסניי
ביסטו צו מיר געקומען,
אַ שעמעוודיקע
ווי אַ קליין קינד —
זענען מיר געלאָפן
איבערן בערגל פון גליק.

ב

אויפסניי
האָב איך דערפילט
דיינע הענט אין מיינע
און
דיך
אַ לייכטע
אין מיינע אָרעמס פאַרהילט.

ג

אויפסניי
האָבן מיר געמאָלט
זיבן־מייליקע שפּרייזן
אינעם ווינט פון דער ליבע.

ד

אויפסניי
האָב איך געטרונקען
דעם לויטערן כּישוף
פון דיינע וויסל־קוואַלן.

ה

אויפסניי
האָב איך זיך געפונען,
אַ גיבור
אין דיווירבל־טאָלן
פון דיין שויס.

ו

אויפסניי
בין איך געריטן
אַ שטאָלצער
אויפן פייערדיקן פערד
צו די טויערן פון גליק.

ז

און אויפסניי
זענען מיר פאַרבלאָנדזשעט
אין די לאַבירינטן
פון מזל.

מ. ז.

א

דיין געשריי
הערט זיך אויף „ארבע מאות פרסאות״,
און איך קען דיר נישט קומען צו הילף:
ווי דו,
בין איך געפאַנגען,
ווי דו,
טראָג איך קייטן,
ווי דו,
האָף איך,
אַז אָנהייבן טאָגן
וועט דאָס מענטשלעכע ליד.

ב

דיין בליק שניידט,
ווי דער וואָרעם שמיר
און,
אומזיסט,
דו קלאַפּסט אין פּוסטע ווענט.—
כ'בין נישט בכוח אויפצונעמען דיין בליק —
דעם געשליפענעם פּערל,
כ'בין אין עצבות.

ג

דיינע אויגן שאַרן אויף טאָג —
און ביי מיר איז איצט נאַכט.

פאַרשלאָסן איז ביי מיר יעדער צעל פאַר ליכט
כ׳האָב אַ טאָג אַזאַנעם.
די זון האָט היינט פאַרשפּעטיקט פאַר מיר.
באַהאַלט דעם מאָרגן פון דיינע אויגן,
פאַר מיין טאָג־אויפגײן.

ד

אונזערע וועגן זענען גלייכלע
און דאָך צעקרימט. —
פּרווו איך שטעלן אויף זיי אַ פּוס —
פאַל איך אין שאול־תחתית אַריין.
פּרווו איך זיך צוריקציען —
זע איך מיין טראַגעדיע:
אַ מאַן פון דרייסיק יאָר
האָט אין זיך מידות
פון אַ קדוש,
צי איך זיך צו דער הייך —
דאָרט געפין איך מיין גאָט.

ה

פאַרשטיי מיך:
נישט מיין שטים רופט נאָך בלוט,
מיין שטים איז דאָס קול
פון מיינע זיידעס,
וואָס האָבן געליטן
און געשוויגן.
און איך, אַזוי ווי זיי,
די קדושים וטהורים,
וועל לעבן
און שווייגן,

מ. נ.

א

מיין פרוי,
איך זע שוין נישט אין דיר קיין מיידל,
איך זע אין דיר די פרוי
אין רייפן גלוסטן,
און איך גלוסט צו דיר,
מיין פרוי!

ב

דיינע ברוסט
זענען פול מיט מילך —
אַ ברכה פון דער ליבער ערד.
גיי טרינק אָן הונגעריקע קינדער,
פאַרזיי דעם קערן
פון גבורה
אויף דער ערד.

ג

אַז דו וועסט קומען אין מיין שטוב אַריין,
וועל איך נישט טון ווי סטרינדבערג:
אַ קאַטעכיזם דיר אונטערלייגן אונטער די פיס —
מיין האַרץ וועל איך דיר אונטערלייגן
אונטער דיינע פיס.

ד

כ׳בין געקומען
מיט פולע ליפּן פייער —
מיין אומעט אויסצולעשן.
כ׳בין געקומען
מיט פולע אָדערן פייער —
מיין אומעט אויסצולעשן.
כ׳בין געקומען
מיט פולע באַקן פייער —
מיין אומעט איסצולעשן.

ה

מיין טרוים —
אַ זילבערנע מעווע —
שלאָגט זיך אָפּ אָן די
שוועלן פון גליק.

ו

וואונדערדיקע !
ווי שיין ביסטו !
ביסט דאָך
רובענס אַ געמאָלטע שיקסע
מיט דיקלעכע פיס.
דיינע פיס —
גינגאָלדענע עמערס,
וואָס שעפּן לעבעדיק וואַסער
און קילן
דעם אָנגעגליטן מאַרך
מיט פאַרגעסעניש.

ז

מיינע געדאַנקען
שלאָגן זיך אָן
אין אָנגעגליטע וואָלקנס —
אַזוי טוט מיר וויי:
כ׳האָב מיינע געפילן
אַנטפלעקט
צו אַ נישט-פילנדיקע.

ח

טרעפסטו אָן
אָן אַזאַנע,
וואָס פילט זיך נישט,
וויינט איין וועלט
צו דער צווייטער,
דעמאָלס גייט גאָט אָנגעטאָן
אין אַ זאַק מיט אַש
און וויינט מיט
מיט דער וויינענדיקער וועלט.

א. פ.

א

כ׳האָב אַריינגעזויגן
פון דיינע שפּיצן־פינגער
דאָס הייסע בלוט
פון דיין האַרץ
און דעם קילן שוידער
פון דיינע גלידער.

ב

האָסט מיך פאַרשעמט,
איך שעם זיך פאַר מיין שאָטן,
איך שעם זיך צו קוקן
אין דער נאַכט אַריין,
איך שעם זיך פאַר דער זון.

ג

כ׳האָב די איבערדעק איבער דיר באַרירט
און מיר האָט זיך געדאַכט,
ווי ס׳גייען אויף ווייכע פלעמער
פון דיין קערפּער
און זיי קלאַמערן זיך אַרום
מיין גוף.
און, ווי דער פויגל פעניקס,

אין ניי-באַשאַפענע פעדערן,
האָב איך גענומען שפּאַצירן
אין די לעבנס-גרינע אַלעען
אַן ערשט געבוירענער.

ד

ב׳טרעט היינט אויף מאָן, פעלדער,
ביז די קניען בין איך אין גראָז פאַרפלאָנטערט
און זאַפּ דעם געדאַכטן ריח
פון די פעטע מאָן-הערצלעך.
פרעס זיך צו די רויטע, ווייסע קליידלעך
פון די מאָן-מיידלעך.

ר. ב.

דאַכט זיך מיר:
עס ציען זיך רערן פון מיין בעט צו דיין בעט
און דו הערסט מיינע געדאַנקען.
כ׳בין דאָסמאָל
מענטשלעך פריי.
כ׳וויל דיך באַנעמען.
אַריינגריבלען זיך אין דיינע טיפענישן
צוגנבענען דעם טאַנץ דיר
פון דיינע גלידער
און באַהאַלטן אים
אין דעם פר[illegible]ות
פון מיינע דרייסיק יאָר.
כ׳בין דאָסמאָל
גאַנצער ווי ביז אַחער.

ר. ז.

א

איז נישטאָ
קיין מאַראַמינט־מעל —
עסט מען קלייען.
איז נישטאָ
קיין שיינע ווייבער —
פאַרליבט מען זיך
אין מיאוסע.

ב

ווי איז דיר,
אַז דו רופסט צו אַ שטיין —
דעמאָלט זענען אַלע טויערן פאַר דיר פאַרשלאָסן

ווי איז דיר:
דו שטעכסט אויף דיין האַרץ אויף אַ דאָרן
און פאָכעסט מיט אים
אין אַ פוסטן חלל.

ג

עס טרעפט אַמאָל,
מען קושט דעם זוים ביים קלייד
פון אַן אַלטע באָבע

אנן שפעטער קומט דער כעס —
איבער זיך אַליין,
וואָס ברענט, ווי דער סנה.
וויל מען נעמען דעם אייגענעם קאָפּ
און אים שלאָגן אָן אַ שטיין —
אַזוי לאַנג —
ביז דער מאַרך וועט פון אים אויסגיין.

ד

ווי טראַגיש איז די ראָל:
כ׳קויף מיר אויס די זינד
מיט אַ לידל —
ווי טראַגיש.
אין דער צייט,
ווען דער גוף ברענט אין חרטה,
קומט דער פינאַל —
אַ לידל.
ווי טראַגיש.

ה

עס לעשט זיך דער לעצטער פאַקל
אין מיין באַוווסטזיין —
אַזוי טראַגיש איז מיר היינט דער טאָג.
און איך רוף צו הילף מיינע אומבאַפלעקטע טעג,
העלפט מיר אונטערהאַלטן די פאַלנדיקע זיילן
פון מיין אונטערגאַנג.

א. ס.

דיינע האָר זענען אַזוי שוואַרץ,
ווי די קאָרידאָרן פון מיין הינטערבאַוווסטזיין.
דיין קול איז אַזוי העל,
ווי אויף הויכע בערג דער בליאַסק פון אַ וואָלקן
און דיינע פינגער זענען אַזוי לויטער,
ווי צאַפּנס אייז אין זון צעשמאָלצן.

ב. ק.

ביסט אַ טאָכטער
פון וואַגנערס „וואַלקירע".
אַזוי הימליש,
גוט און קינדיש,
נאָר נישט ווי די מוזיק
אין די „געטער־טעכטער",
שרייענדיק און פּאַוניש.

ר. ר.

א

כ׳האָב געמיינט, דו קומסט —
פּרינצעסין פון מיין ליד:
זיך איינגעהערט אין יעדן טריט
אויף די טרעפּ,
וואָס שטריקן זיך אונטער מיין טיר,
און
אומזיסט,
כ׳האָב דיין פּנים נישט דערזען.

ב

כ׳האָב אין מיין שטיבל
איינער געפּראַוועט יום־טוב,
דעם איינעם שטול,
וואָס שטייט דערין,
געשטעלט צום טיש
און פאַרבעטן דיין שאָטן,
וואָס שניידט זיך פאַר מיינע אויגן,
אויף אים זיצן.
און דיין שלעפּ,
האָב איך געפּרעסט צו מיינע ליפּן
און פאַר דיר געגאָסן דאָס ליד — געטראַנק

פון ליפ־באָקאַל
אין דראָבנעם קרייז פון דיין פּנים
און דערפילט האָב איך דיינע שפּיצן־פינגער
אויף מיינע ליפּן.

ג

פאַרלאָז דיין מאַמען
און קום מיט מיר אויפן אינזל פון געזאַנג,
דאָרט וועל איך זיך אַנטפּלעקן,
אַ נאַקעטער וועל איך זיך פאַר דיר בוקן
און דיר פאַרטרויען אַ וואָרט —
אַ פּערל פון מיין שאַץ:
כ׳ליב.

ד

כ׳האָב דיך פאַר מיר שטיין
און כ׳דערצייל פון מיין עלנט,
וואָס איז אַזוי טיף, ווי דער ים,
און פון מיין לעבן,
וואָס איז אַזוי ביטער,
ווי טרערן פון אָפּגעגנאַרטע כּלות
און דו פאַרוויסט מיין נויט
און איך דערזע טרערן
אין דיינע אויגן.

ה

און עס האָבן אויפגעלויכטן מיינע אויגן:
דער עלנד איז פאַרשוווּנדן.
די נויט איז צערונען,
דו,
ווייסע נשמה,
האָסט מיך פאַר ומע.

דו קענסט פֿאַרזיסן מיינע טעג
מיט דיין שׂכל
און פֿאַרכּישופֿן מיינע נעכט
מיט דיין ליב.
דו קענסט פֿאַרלאָקערן
מיינע שעהן
מיט דיין שפּילן
און פֿאַרצויבערן מיינע מינוטן
מיט דיין צניעות.

ז

ערשט,
נאָך אַזוי פֿיל יאָרן קענענדיק דיך,
האָב איך דיך היינט דערזען.
דערזען
מיט פּערל־גלאַנץ אין די אויגן
און מיט יונגן ציטער אין די ברוסט.
דיך,
די צוואָנציק־יאָריקע.
איך,
דער אין די דרייסיקער יאָרן.

ח

אייביק ביסטו אַריינגעטון אין דיינע ביכער,
קום איך,
פֿון אַ זייטיקן שפּאַלט,
אַ שיכּורער.
אַ זייטיקער פֿאַר דיר —
נעמסטו נישט אַרויס די אויגן פֿון דיינע ביכער,
ווער איך ניכטער,

באַפאַלט מיך אַ רייפקייט
צו דיר, גאָלדן קינד.

ט

האָסט אַ שטאָלצן קין
און אַ פריצהשן פראָפיל,
פאַסט דיר צו פאָרן אין אַ קאָטש
מיט זעקס פערד נאַשפּיץ.

י

אַ טריאומף:
כאָטשבי דו ביסט נישט
צו מיר געקומען אין דער וואָר —
ביסטו צו מיר געקומען אין חלום
און כ׳האָב פאַר דיר
צעשפּרייט מיינע געפילן —
מיינע דיוואַנען
און דו האָסט זיי באַטראָטן.

יא

ביסט צו מיר געקומען,
ווי איך האָב דיר באַוויזן
מיין עשירות:
פּיראַמידן—געהויפטע בערג גאָלד
און ימען—צעשפּרייטע טאָלן זילבער
פון מיין טיפן.

יב

אין די זעלבע שעה —
צוועלף ביינאַכט:
ווען דיין טאַטע האָט געלעזן מיינע לידער —
ביסטו צו מיר געקומען,

ווי אַ וואונדער־ליכט —
אָט ביסטו ביי מיר געשטאַנען
און אָט ביסטו פאַרשוואונדן.

יג

אויב אַזוי,
פאַרנעם־זשע דעם רוף
פון מיינע נערוון —
ס׳געבעט פון מיינע טיפעניש,
ווער ס׳ליכט פון מיין גוף.

מ. פ.

א

דו, קליינער פּרינץ!
דו, קליינער שוואַלב
מיט שמאָלע פליגלען!
שלייערסט אויס
אַ ליכטיקן טאָג
אונז,
ריכסט אָפּ
אַ קליינע עבודה
אונז.
ביסט מתפּלל,
ווי אַ יונגע מאַמע
איבער איר קינד,
אונז
מאַלי,
ביסט אונזער אַלעמענס כּלה.

ב

כ׳בין מתפּלל
בײַ מײַן קליינע וואַנט
פאַר דיר,
און טיף לעכצן
גליט אין מײַנע גלידער

פאַר דיר
און איך פאַרגיי
אין אַ גליקלעך קייכן.

ג

ביסט אַ מעראקל —
ניסים געשען פון דיינס אַ וואָרט,
דער שם־הויה ליגט אונטער דיין צונג
טוסט באַנייען יונגע וועלטן —
מיט דיינס אַ שפרוך
ציסט אַרויס פון ים דעם פערל
און לויטערסט אים.
געפינסט דאָס גליק־שטראַלכל
פאַר אונזערע געמיטער.
זוכסט דאָס שיינקייט־אָפּערל
פאַר אונזערע שטרעבונגען.
לייזט אונז אויס
פון אונזערע זינד,
ביסט אונז מכפר
פאַר אונזערע עבירות.

ד

און דאָך וועסטו דערהערן מיין געשריי,
וואָס טראָגט זיך דורך זיבן בערג
און פאַלט צו דיינע פיס.
און דאָך וועסטו פאַרנעמען מיין געוויין,
וואָס שלעכצט דורך זיבן ימען
און ווייַלט פאַר דיינע פיס.

ר. ש.

דיין געזאַנג
דערמאָנט מיך
אינעם געזאַנג פון מיין בלוט —
אינעם געזאַנג פון אונזערע לוויים —
אַזוי ווייך זינגסטו,
ווייך, ווי מיינע לידער
פון מיין ליבע.

ל. ל.

דו ביסט אַ טאַנצנדיקע בלום.
אין זיידנס
זעסטו אויס,
ווי אַ יונגע שולמית.
און דיר פּאַסט צו נעמען
אַ קריג אויפן אָרעם
און גיין נאָך וואַסער
צו אַ קוואַל —
אינעם פישופדיקן מזרח.

פ. ק.

א

דיין פּנים איז מאַט
און אַ ציטרינען־הויך
עטעמט דערפון.

ב

ביסט ביי מיר אויסגעוואַקסן
אין אַ גרויסע פרוי:
ביסט ענלעך
צו ראָכל —
געטעס געליבטע
בעט איך צו גאָט,
זאָלסט זיין נאָענט
צו מיין מאַמען
דאָס איז אַ ווונדערלעכער זיווג:
ראָכל און מיין מאַמע —
די ליבע און די גוטסקייט,
די צאַרטקייט און די איידלקייט,
די זון און די לבנה.

ג

כ'וועל נעמען אַ גיטאַר
און כ'וועל זינגען הינטער דיין פענצטער,
מיינע לידער,
און אפשר
בין איך אַן אייניקל
פון טרובאַדור-וואַנדערער
אין אַלטן שפּאַניען.

ר. ס.

א

ביסט אַ גאָלדענע מנורה,
וואַרט אויף אַ געטלעכע האַנט דיין גוף,
וואָס זאָל אָנצינדן דאָס ליכט אין דיר.

ב

האָסט אָנגעצונדן
אין מיר פלעמער —
נישט-דערצינדענע
גליען זיי דעם מינדסטן אָדער
פון מיין לייב
און איך פיל,
איך לייז זיך אויף.

ח. ש.

ווען זי טוט עס,
וואָלט זי געווען אַ מלאָך,
זי זאָל צו מיר צוקומען
מיך פרעגן,
וואָס איך מאַך,
און באַרירן מיין קאָפּ
און אָננעמען זיך מיט מיין נויט
און פילן דעם דראָבנעם גאַנג
אין מיין האַרץ.

ע. ב.

א

פילסט אָן מיינע אָדערן מיט זון,
מיין קאָפּ מיט ליכט.

ב

כ׳קלער פון דיר
און לעמעלעך נעמען זיך פּאַשען
אין אַ שטיינערדיק פעלד,
כ׳קלער פון דיר
און אַ קוואַל נעמט שלאָגן
פון אַ שטיינערדיקן באָדן.

ג

קום,
וועק אויף מיין פאַרשלומערטן גוף,
וואָס וועקט זיך צווישן חלום און וואָר
קום,
ווייז מיר צו גיין
אויפן וועג פון דערוואַכונג.

פ. ק.

קום, מאַך מיר רייך
מיין אָרעמען טיש:
סאַרוועראיט דיינע הענט
מיין אָרעם ברויט
מיטן זאַטן זאַלץ.
קום, דעק מיין טיש
מיט דיינע ברכות.

ר. פּ.

א

פּראָסטע,
פון מיין פאָלק
ביסט פשוט,
ווי זיינע קדושים,
וואָס זענען געגאַנגען
אויפן פייער
מיטן פשוטן וואָרט
אחד.

ב

מיט די דעק איבערן קאָפּ
איינגעגנורעט
ליג איך
און רייד צו דיר.
צו דיר,
טיף־אויגיקע,
שוואַרץ־האָריקע.

ח. ס.

ביים שטילן ציטער
פון דיינע ברוסטן,
וויל איך שטילן מיין אָטעם —
פאַרגעסן אָן עלנט —
אינעם טרויער פון אָנהייב און סוף.
ביים שטילן ציטער
פון דיין האַרץ —
פאַרוואַנדלען מיין טאָג
אין אַן אייביקייט —
אויסגיין אין אייגענע מתיקות.

ביי דיינע געטאָקטע פיס —
ביי דער ערדס קיניגרייך —
ליגן מיט מיינע דאָרשטיקע ליפּן
און אויסקושן דעם ווייסן בלענד.

פון דיינע אויגן
דעם קלאָרן פינקל
צוגנבענען
און אים באַהאַלטן
אין די צעלן פון מיין פלייש.

אָנצינדן מיין נשמה ביים שוואַרצן פייער
פון דיינע האָר
און איר
מיין נשמה
פאַרוואַנדלען
אין אייביקן סנה.

צו אומבאַקאַנטע מיידלעך

א

מיין לאַגער
וויל איך אויפשלאָגן
בײַ דיינע פיס —
ביים באָרטן פון גליק
און אין אים רוען
אין מיינע פאַרחלומטע שעהן.

ב

דער ליפ פון דיין בלוזקע
איז אָפן,
טיף אין ברוסט-שניט,
ביזן טויטן-גריבעלע —
לאָמיך געטויט ווערן
און דאָס טויטן-גריבעלע
אָנרירן מיט מיינע ליפן.

ג

ווער ביסטו?
און אפשר ביסטו גאָר אַ גויישע טאָכטער?
ליינ איך אויך מיינע טראָפּייען צו דיינע פיס.
דיין גיין אויפן ברעג פון טייך
האָט אין מיר אויפגעוועקט

מיינע דרייסיק יאָר
און מיט פלאַמען אָנגעצונדן
יעדן טאָג
פון זיי און מיר.
און איך שיט דיר דעם שטויב
פון מיינע דרייסיק יאָר
עלנט לעבן
אויף דיין וועג.

ד

קום אַהער
מיט דיין פייער,
פאַרצער מיך
מיט דיין פלאַם.
איך האָב שוין נישט קיין כּוח צו קלעטערן
אויפן באַרג פון משקולת.

ה

פייער איז דאָ אין דיינע ליפּן.
מילדקייט—אין דיינע אויגן.
אָ, באַשירם מיך מיט דיינע אויגן
און באַהיט מיך מיט דיינע ליפּן.
אַז כ׳קוק אין דיינע אויגן —
גייט מיר אויף אַ וואָלקן אַ העלער.
און אַז כ׳קוק אויף דיינע ליפּן —
גייט מיר אויף דער מערב אַ בלוטיקער,
אָ, באַשירם מיך מיט דיינע אויגן
און באַהיט מיך מיט דיינע ליפּן.

ו

ביסט פייער און בלוט.
דיינע הענט, דיינע פינגער

זענען אַ רפואה
פאַר קראַנקע אויף ליבע.
און דיינע פיס —
אַ היילונג
פאַר דורשטיקע,
וואָס טרינקען זייער האַרץ.

ז

דו קוקסט,
צי כ'טראָג
זילבערנע בענדלעך
אין מיינע קאַמאַשן —
ניין,
כ'טראָג נישט.
פאַר דאָס
טראָג איך
גאָלדענע שנירן
אין מיין האַרץ
און זילבערנע גלעקער
אין מיין ברוסט.

ח

האָסט מיר געשענקט אַ שמייכל
צניעות —
און ליכטיק איז מיר געוואָרן
אין מיינע איברים,
ווי אַ לבנה וואָלט איר בלאַסק
אין מיר פאַרזונקען.

ט

דיין האָר־צעפלאָשונג
געפעלט מיר.

זעסט אויס,
ווי אַ צעפּלאָשעטע בלום
אין ווינט.
דאָס פֿאַלן פון די האָר
איבער דיינע אויערן
קוקט אויס,
ווי העגגלעך בליִעכץ
אויף אַ קאַרשן־בוים.

י

די געל-בורשטינענע רינגען
אויף דיינע אויערן
מאַכן דיך באַחנטער
און דער טיפער אויסשניט
אויף דיין ברוסט
מאַכט דיך הייליקער —
ביסט זינדיק און הייליק.

יא

אַז כ׳טראַכט פון דיר —
ווער איך אומרויִק.
ווי אַ בוים אויף אַ באַרג,
ווי אַ מאַסט אין שטורעם
און כ׳וויל לויפן
אין מיין אומרויִקייט
איינצושלעפערן
אין רעש,
און טומל.

יב

דיינע איקרעס
זעען אויס,

ווי שעפּסענע עקן —
ווי רובענס געמאָלטע פּיסלעך —
און איך האָב זיי ליב.

יג

ווי אײדל ביסטו,
ווי אַ זוים פון אַ קלאָרן וואָלקן,
ווי אַ שטראַל
פון דער אויפגײיענדיקער זון.

יד

אַזאַ בלום —
גאָט, מײַן גאָט,
פאַרוואָס האָסטו מיך נישט באַשערט
צו וואָכן איבער איר —
גאָט, מײַן גאָט,
אַזאַ בלום.
מײַן יונגע יוגנט
האָט זיך אין מיר דערוועקט.
איך וויל זײַן אַ יונגער פאַסטעך
בײַ דײַנע קניען.
אַ יונגער בן-חור
בײַ דײַנע פיס.

טו

ביסט לויטער —
אַ פּערל פונעם ים.
דורכזיכטיק און קלאָר —
די לבנה אין אַ טײַך.
ביסט טיף,
ביסט גוט,
ווי מײַן מאַמע.

שעמסט זיך —
אַ כלה אונטער אַ חופּה,
ביסט אָפן —
אַ רויז אויף דער זון,
ביסט שיין —
אַ שטראַל אין אַ בוך.

טז

דו האָסט מיך אָנגעגאָסן
מיטן רויטס פון דיינע ליפּן
און מיטן שוואַרץ
פון דיינע אויגן.

יז

דיין ליפּ דערמאָנט
אָן אַ קריגל וויין —
אַזוי גליאיק איז זי.

יח

כ׳האָב געצויגן צו דיינע ליפּן,
ווי אַ זונשטראַל
צו אַ זאַפטיקער קאַרש.

לעכצונגען

א

איך דערוואַרט דיין אומגעזעענעם טריט
ביי מיין טיר —
באַווייז זיך
כ׳בין אין אַ מצודה רעה —
און אַ הילף איז מיר נויטיק.
כ׳בין אַ גלויביקער:
ס׳וועט געשען אַ נס
און מיר אויסלייזן
פון מיינע טעג
די חרפה און פיין.

ב

און באַווייזן וועט עס זיך אין געשטאַלט פון אליהו הנביא,
צי אין געשטאַלט פון אַ מיידל —
קומען מוז אַן אויסלייזונג
צו מיינע יללות.

ג

כ׳וואַרט אויף אַ נס —
אין מיין באַשטאַנד —
ס׳זאָל זיך באַווייזן אַ גוטער מלאך

און מיר אויסטיילן
שׂכר
פאַר מיינע טעג.

ד

ווּ זענען די לייכטע פינגער,
וואָס זאָלן מיינע ברעמען צולענען.
ווּ איז די לייכטע האַנט,
וואָס זאָל מיך איינליולען.

ה

ווי אַ בין
היפּ איך
פון פרויען־פּנים
צו פרויען־פּנים
און זיפּ זיך אָן
מיט שיינקייט.

זע איך אַ קופּע מיידלעך —
אַ בוים וווּנדער:
אויף וועלכער פריער קוקן —
אויף דער
מיטן ווייסן האַלז,
צי אויף דער
מיטן ליכטיקן שטערן,
אויף דער
מיט דער צעצינדלטער באַק,
צי אויף דער
מיט דער שמאָלער האַנט.

ז

איר כאַפּט זיך
צו די פוטער־שטעקלעך,
צו די בייטלען,
ווי איר וואָלט אין מיר דערקענט דעם גנב —
איך גנבע אָבער:
מיידלישע אויגן,
מיידלישע שמייכלען
און מיידלישע העוויות.

ח

כ'ציי צו איידעלע פינגער,
וואָס שפּילן אויס אויף פידלען
סערענאַדן.
כ'ציי צו שטאַרקע פינגער,
וואָס קלעפּן אויס פון ליים
פיגורן.
כ'ציי צו צאַרטע פינגער,
וואָס מאָלן אויס אויף לייוונטן
געמעלעכצן.

ט

שטייט אין ווינקל
פון מיין שטיבל
אַ כימערין,
ווי פון נאָטר־דאַם,
אין ווייסן געהילט,
מיט אַ שטראַל אויפן שטערן.
צינד איך אָן מיין סאַלאַמאַנדער־פלאַם
אין מיר אַרום —
שפּרינגט זי אַריין אין עיגול
און ווערט מיט מיר פאַרברענט.

ט

כ׳לאָז זיך אַרויס אויפן יאַגד:
כאַפּן מיידלישע הערצער,
פאַנגען מיידלישע פּיס.
כ׳בין באַלאָדן
מיט צייטונגען,
מיט מיינס אַ בוך —
מיט יאַגד־מכשירים.
וועט זיך מיר איינגעבן?
כ׳וועל בעטן צו דער זון,
צו די גרינעביימער,
צו די לאַכנדיקע שטיינער,
צו די לוסטיקע פייגל,
צו די שמייכלדיקע גרעזער —
אַז זיי זאָלן באַוויליקן מיין רצון.

יא

כ׳זוך אַ קליין ווינקעלע —
אַ ד׳אמותל —
אין מיין לעבן.
כ׳וויל נישט מער,
ווי ווינטער אַן אייוועלע צום ברענען —
וו איך זאָל זיך אָנוואַרעמען,
און אַ ווייבעלע, אין אַ הייבעלע,
זאָל זיך אַרומדרייען
און מיר יומטובדיקן מיינע טעג.

ד. א.

א

היינט זע אין דיר דעם דיכטער.
דיין אַשיק פּנים
פאַרהילט מיט עצבות
איז אַן עדות דערפאַר
און איך בייג מיינע קניען
אין אָפּשיינונג
פון דיין זיבעטן דור
מיט ערפורכט פאַר דיין גרויסקייט.

ב

גיסט צו פרייד,
ווי אַ גאָלדענער שטראַל
אין מיין בלוט,
אַז דו נעמסט אויף מיין ליד
מיט דיין טרויער.

ג

דיין טרויער —
דיין פּערל
איז מיין שטימונג.
איך וויקל זיך אין אים,
ווי אַ שפּין
אין אירע געוועבן
און איך ליב טיף.

ד

האַסטיק אָטעם איך,
האָפענונג פּויזעט אין מיין בלוט:
מיינע קערנער פֿאַלן
אויף אַ באַפרוכטנדיק באָדן.

ה

אַ שטראַלן־נעץ
פֿאַרבלינעט מיינע אויגן.
איך בין פּייעריק —
איך זינג פון אַ דיכטער.

י. י. ס.

א

ס׳איז מיר אַזוי גוט
יעצט,
ווי פֿאַרן טויט —
נאָר נאָענטע צום טויט
מוז זיין אַזוי גוט —
איך הער זיך צו
צו מיין חברס פּיוט,
וואָס ער לייענט
פֿון שטיקלעך פּאַרמעט.

ב

ווען דו קוקסט אויף דיין קינד,
ברענען צוויי ליכט דיר אין די אויגן,
און איך לעז אין זיי:
ס׳זאָל מיר זיין פֿאַר מיין קינד —
אָרימער טאַטע.
גאָט האָט דיר געשענקט זיין קרוין
און זי דיר אויף דיין קאָפּ אָנגעטאָן —
ביסטו רייכער,
ווי מיט קורחס אוצרות —
רייכער טאַטע.
נעם צו פֿאַר אַ שותף

צו דיין פרייד און לייד
מיין אָרים בחור־הא̇רץ.

ג

כ׳זוך אַרום אַ חבר —
און קען אים נישט געפינען
האָב איך געהאַט אַ חבר —
י. י. סעגאַל,
האָב איך אים פאַרלאָרן —
נו, מאַ,
מסתמא בין איך אים נישט ווערט.
כ׳זוך אַ חברטאָרין —
אַ ליכט
און קען איר נישט געפינען
האָב איך געהאַט אַ חברטאָרין —
חיה־שרה,
איז זי מיט מיר ברוגז געוואָרן —
נעם איכ׳ס אָן מיט ליבשאַפט.
מסתמא איז מיר אַזוי באַשערט,
אַז איך זאָל בלייבן אָן חברים.

ד

אין יענעמס חורבות
שניידסטו דיין תבואה
און דו ביסט צופרידן,
אַז דו זאַמלסט אָן
אַ מעסטל קערנער
און בנעימות
קעכלסטו דיר
דיין מאָלצייט.

י. ס—ס צוויי־יעריק טעלטערל

א

האָב איך אַ פריינדין —
בת־שבעלען.
איז עס גאָלדיק,
ווי אַ זונעלע אין אַ וואָלקן־רעמל.
איז עס קלוג,
ווי ס'פּנימל פון אַ קליין טאָגעלע,
פאָר איך דערמיט
אויף גאָלדענע שטערנער
פון דער באַגילדטער שטאָט.

ב

אויגן מאַכן היימלעך.
האַלט אויף די אויגן
צו אַ קינד —
אין פינצטערע נעכט,
צו אַ גוסס —
אין זיין גסיסה
און צו אַ געווינער —
אין איר נויט.

ג

ביי אַן אָרומגעדעקטן טיש
עסן מיר
פון אַ מעוברתדיקן ברויט —
מיר, מלכים־קינדער,
און קוויקן זיך
מיט זיין געווירצטן טעם,
וואָס שמעקט
מיט פראָסטן ריח.

ד. פ.

צַרום מיר שפּילט —
און איך זיץ אין טיפן געבויגן:
איך באַקלאָג מיינע טעג,
וואָס ווערן באַפלעקט,
ווי דינער שפּינוועבס
פון אומזעענדיקע הענט.
אַזוי ווי מיין הארץ —
אַזוי ווי מיין נשמה.

י. א. וו.

ביסט אַ ליכטיקער בוים
מיט שמייכלענדיקע צווייגן,
טראָסטו אויף דיר זאַפטיקע פּירות —
רייס איך אָפּ די פרוכט,
בייס איך איין אין זייער פליייש
און כ׳פיל דעם זיבעטן טעם
פון רייפקייט.

א. ג.

אַ גדולה
העלט אין מיין בלוט —
כ׳האָב מיינס אַ ברודער דערזען:
האָבן זיך צעשיט זילבערנע שטערן
אין מיינע רוימען
און גאָלדענע האָרנס
האָבן זיך צעשאַלט
אין מיינע הימלען.

א. י.

אפשר בין איך נישט גערעכט?
אפשר זינדיק איך,
וואָס איך דערצייל נאָר
פון מיינע פיר איילן —
ווי ליב איך האָב זיך?
איך רייד נאָר פון מיין געמיט
און זייטיקע שרעקן
זענען מיר פרעמד.
און אפשר בין איך אויך נישט שולדיק:
ציט זיך דאָך אַ שניר פון אַלע גרוילן.
פאַרצערט דאָך מיך יעדער דאָרן-שניט.
בייניקט דאָך מיך יעדער ווערמל-אומקום,
בלוטיק איך דאָך מיט יעדן בלוטסטראָפן.

י. מ.

כ׳האָב היינט געגעבן אַ קוש
מיינס אַ חבר —
אַ קינסטלער־נאַטור
און אַ בלאַסק האָט אין מיינע אויגן געפינקלט
פון פרייד,
וואָס כ׳האָב דערלאַנגט
מיט מיינע ליפּן
צו זיין שטערן,
ווי כ׳האָב אים דעם קוש
אָפּגעזיגלט.

י. ר.

בחור,
שוין גראָט דיין קאָפּ.
קום, מיט מיין רחמנות
וועל איך דיך טוליען.
האָסטו אויסגעלעבט דיין יונגקייט?
מסתמא, ווי איך, נישט,
איך האָב אָבער געהאַט
דורכזיכטיקע נעכט —
ווי קלאָרע טיפע אויגן
לויטערע טעג.
האָסטו זיי כאָטש געהאַט?
קום, מיט מיין רחמנות
וועל איך דיך טוליען.

גאָט

א

און גאָט האָט זיך צו מיר באַוויזן
אין זיין לאַנגן קיטל
און צו מיר אַזוי געזאָגט:
מיין קינד,
כ׳האָב צעוואָרפן קערנדלעך ג טז —
קלייבסטו זיי צוזאַמען
אין רחבותדיקע זעקעלעך —
טוסטו גוט אַזוי, מיין קינד.
מיין קינד,
כ׳האָב צעשליידערט קייקעלעך פעס,
זוכסטו זיי אויף
און צעשמעלצסט זיי —
טוסטו גוט אַזוי, מיין קינד.

ב

בלאָנדזשעט אַ קול אין חלל
און רופט צו בעטן גאָט —
ווערט דאָס קול געשטרויכלט
פון גראָבע שטימען,
וואָס שרייען עס איבער.

ג

ניט זײַ מטמא דײַן פלייש —
רופט אין מיר אַ שטים.
פאַרגעס איך אָן מײַנע אָנגעצונדענע זינד
און כ׳הער זיך צו צום קול,
וואָס צעקרייזט מײַנע אָדערן,
און איך פאַל אַ פאַרשעמטער
אויף מײַן קישן.

ד

כ׳בין אַ שטרויכלענדיקער —
כ׳זינדיק אויף יעדן טריט.
אָבער אין מײַן גרעסטער נויט
האָב איך באַלד חרטה,
און איך ציִ זיך צו גאָט
און איך בעט פאַר זיך
און פאַר אַלע.

ה

מיט מײַן שטילקייט
דערגרייך איך צו גאָט
און פאַרקלאָג זיך פאַר אים,
אַז ס׳איז מיר אומעטיק —
טרייסט ער מיך,
אַז ער איז אויך אין עצבות
און אים איז טרויעריק
ווי מיר.

ו

כ׳האָב געזען דעם גרויסן נס:
פון הימל נידערן דעם גאָלדענעם שטול —
אויף אים איז געזעסן די שכינה.

ז

ס׳גייט אויף אַ ליכט
אין מיין היכל:
כ׳פיל זיך נענטער צו גאָט
און זיינע מעשים.
אָט,
טראָג איך געפילן
פאַר אַ מיידל,
וואָס כ׳קען זי נישט
און זי פלאַטערט
בלויז אין מיין טרוים,
ווי שוואַנען־פליגל.
ס׳גייט אויף אַ ליכט
אין מיין היכל:
כ׳פיל זיך נענטער צו גאָט
און זיינע מעשים.

ח

און דאָך —
האָב איך נישט קיין תרעומות צו גאָט
און מאַך צו די אויגן —
איך בין מקבל
אַלע שטראָפונגען פון אים.

ט

כ׳שטרעק מיינע הענט
צום אַלמעכטיקן,
וואָס פירט מיך אויף גלייכע וועגן.
אַ דאַנק דיר,
פאַר דיין גראָדן שטעג,
וואָס דו ווייזט מיר אָן.

אמת,
כ׳בלאָנדזשע נאָך —
און כ׳וויל בלאָנדזשען
צו דיין גרויסן ציל.
אַ דאַנק דיר
פאַר דיין גרויסן חסד.

י

גרויסער גאָט,
מאַך ליכטיק מיינע אויגן,
לאָמיך דערזען דעם קוואַל
פון וואַנען דיין חכמה שטראָמט
און לאָמיך מיינע אויגן אויסוואַשן
אין די טראָפּלעך ליכט
פון דיין גענאָד.

יא

און דאָך,
האָב איך נישט קיין תּרעומות צו גאָט.
איך מאַך צו די אויגן
און בין מקבּל
אַלע ט אָפּונגען פון אים.

און באַווייזן וועט ער זיך אין געשטאַלט פון אליהו הנביא
צי — אין געשטאַלט פון אַ מיידל,
קומען מוז אַן אויסלייזונג
צו מיינע יללות.

יב

גאָט, האָב רחמנות מיט מיר
אין געפאַלנקייט

און אין מיין דערהערעניש
אין מיין ווידמען זיך
אויף דער ערד
אין אַ וואָרעם
אין מיין אויפשטייגן
אין אַ מלאָך.
אין ביידע צייטן
שיק מיר דיין הילף.

יג

גרויסער גאָט,
וואָס בין איך?
אַ זאָמדל
אין אַ זייל
געהויבן פון אַווירבל,
טאָ האָב אויף מיר רחמנות—
כ'זאָל נישט פאַרלירן גיין אינעםווינט.

יד

אַ לויב דיר,
השם יתברך,
וואָס דו שיקסט מיר צו שבת
און קען דיך לויבן
אין דעם טאָג.
איך פאַרגעס
אין דעם טאָג
אָן אַלע עוולות
און איך פרייז דיין נאָמען.

טו

גאָט,
האָסט דיין ערד צוזאַמענגעקאָרטשעט

אין אַ קליינעם באַלעם
און מיך איינגעפּרעסט
אין איר משא—
האָב איך שוין נישט קיין כּוח
צו אָטעמען.

טז

גאָט,
און נישט אין דיין נאָענט
געפין איך היינט באַרויקייט,
ס'איז מיר ענג,
ווי אַ וועל אין ים,
ווי אַ טראָפּן בלוט
אין אַ קרענקלעכן אָדער.
גאָט, דערבאַרעם זיך.

יז

גאָט,
ווי אַ קראַנק קינד
אין היץ
ראַנגל איך זיך —
טאָ זיי מיין הילף
צום טויזנטסטן מאָל.

יח

נאַכט,
הער דו זיך צו צו מיין געבעט,
אַז גאָט האָט מיך געלאָזן
אַליין.
אויף דער מדבר-ערד —
פאַרנעם דו די ביטערע טרער
פון מיין קול.

יט

גאָט,
זיי דיך מרחם אויף דיינע קינדער,
ווו זיי זענען
אין נויט,
אין אָרעמקייט.
שיק זיי אַ הילף.
נעם ביי זיי צו די לאַסט —
דאָס שווערקייט פון לעבן.
קום צו זיי נאָענט —
אַנטפּלעק דיין חסד
אין זייערע שטובן,
מאַך זיי לייכטער —
אמן.

כ

מיין טיש איז געדעקט
מיטן אָוונטס-טוך
און אַ ליכט ברענט אויף אים —
דער דאָרנבוים.
און מיין מאָלצייט איז
דעם ווינטס בלאָז.

כא

מענטשן זענען הונגעריק,
גרויסער גאָט,
שיק אַראָפּ דעם מן
פון הימל
צו זעטיקן
די הונגעריקע.

כֿב

גע׳לויבט צו גאָט
פֿאַר יעדן קרישעלע,
וואָס איך לייג אין מויל אַריין.
פֿאַר יעדן ברעזעלע,
וואָס איך שלינג אַראָפּ.
פֿאַר יעדן ברעקעלע,
וואָס מאַכט באַטעמט מיין גומען.
געלויבט פֿאַר אַלעם,
וואָס גיט מיר שטאַרקייט
צו לויבן גאָט.

כג

געלויבט איז גאָט,
כ׳האָב ווו מיין קאָפּ אָפּצורוען,
כ׳קען דעמאָלט מיינע געדאַנקען
לאָזן אָפּטובלען
אין אַן אויסגעטראַכטע קלאָרקייט.
און כ׳האָרך צו מיינע מחשבות,
וואָס פֿלייצן.
געלויבט צו גאָט,
כ׳האָב מיין קאָפּ אָפּצורוען.

כד

כ׳בין איינזאַם —
מיין ברכה,
וואָס איז מיר געגעבן געוואָרן פֿון הימל,
צו זיין איינציק.

כה

כ׳בין פֿריידיק —
אַ שטיק פֿייער —

אין מיטן פון מיין אַליין זיין.
גלי איך אויף —
בעמען שווינדן די ווענט
פון דער וועלט
און עס ווערן דורכזיכטיק
אַלע זיבן הימלען,
און עס געפֿעגנט דער כּסא־הכּבֿוד
אין מיינע פֿיר איילן
און איך קוש דעם של־ראש
פון גאָט ברוך הוא.
נאָך האַלבער נאַכט
ווער איך לייכט,
ווי אַ זייד־פּאָדעם
אין סוף זומער,
און איך שוועב
אין די רוימען
פון גאָט.

לבנה

א

שפּיגלט די לבנה אָפּ מיין פענצטער אין דער וואַנט:
אַ קליינער אַריינגאַנג
אין קדשי־קדשים.
טו איך אויס מײנע שיך
און פּרוּוו שטעלן אַ פוס —
ווער איך נסתּלק:
די שכינה שפּאַצירט
אין איר קליינעם היכל.

בּ

לעשט זיך אַ לבנה־בוואַליע אויף מיין איבערבעט,
מיט איר—דאָס בּלוט אין מײנע אָדערן.
מיטן אָטעם פון דער לבנה
וואַך איך אויף,
מיט איר פאַרגיין —
בּיי איך אונטער.

ג

אויף מיין איבערבעט
שמעלצט זיך אַ לבנה־כוואַליע:

לאָז איך זיך אַוועק
אין אַ לבנה־שיפֿל
צו בעקלינס „טויטן אינזל״,
וווּ איך פֿאָר אין געשטילן אַריין
און איך פֿאַרנעם
דעם לופּטיקן אָטעם פֿון די ביימער
און דעם שווערן אומעט פֿון די פֿעלזן.

ד

די לבנה שפּאַצירט
אויף מיינע ווענט
און סדרט אויס
זילבערנע טרעפּלעך
אין הימל אַריין.

ה

די לבנה —
ציט זיך אויס ביז צו דער ערד
און נעמט מיך אויף,
אויף איר קלאָרן געלעגער,
אַ געלויטערטן.

ו

די לבנה,
ווי פֿון טבילה
אַ ווייס־געהילטע כּלה,
מאַכט שטילע טריטעלעך
אין זילבערנע לעטשלעך
איבער מיין גאַס.

ז

איך קוק צו דער לבנה
און איך ווונדער זיך:
דיין פנים ענלעך צו מיין מיידלס
און פאַרוואָס ביסטו אַזאַ גוטע,
בליקסט צו מיר אפילו נאַכט.
מיט דיינע לאַנגע פינגער
ווישסטו אויס מיינע אויגן
און איך בין דיר אַ גוטינקער,
נישט ווי מיין מיידל —
י איז אַ שלעכטע.

וואַקכאַנאַליע

גיסט אָן די בעכערס —
טרינקט ביזן דנאָ,
מיטן לעצטן שטראַל
לאָמיר אַריינכאַפּן
דעם לעצטן טראָפּן גליק,
איידער דער הימל לעשט זיך —
אָפּקילן זאָלן זיך אונזערע אָדערן
און בלייבן שטילן זאָל
אונזער האַרץ.
איידער די זון שטאַרבט —
אויסגיין זאָל אונזער פרייד.
ווי די קאָמאַרן,
אין זייערע גרופּן —
לאָמיר נאָכטאָן:
מיטן לעצטן אָטעם
לאָמיר ליגן ביי די שוועלן
פון אונזער יובל.
און מיט אונזער גליק —
אַרויפקלעטערן
אויף הימל־לייטערס
און איינהילן זיך
אין די פּורפּורנע טיכער
פונעם הימלס לייב.

און פֿאַרשיכּורטע
ליגן
בײַ די בײַשטידלעך
פֿון דער װעלט.
און רוען זאָל אויף אונז
דער נאַקעטער חלום —
פֿון אויסטרונקען ס׳בלוט
פֿון די אײגענע אָדערן.

איך און מיין האַרץ

I

איך: מיין האַרץ,
וואָס אָבלסטו?

מיין האַרץ: כ׳גיי אויס
נאָך די הוילע טריט
פון אַ פרויען־פוס.

איך: פעלט דיר גליק?!
שמייכלט נישט די זון?
לייכטן נישט די שטיינער?
הויכן נישט די דאַך-שפיצן?

מיין האַרץ: איך טיק זיך אין הימל —
איז מיר ווייניק די זון.
כ׳היל זיך אויף דער ערד —
זענען מיר קאַלט די שטיינער
פאַרשפּרייט זיך אין רוימען
איז מיר פרעמד אַ קייכן פון קופּאָלן.
און נאָר אַ לייכטער טריט
פון אַ פרויען־פיסל
וואָלט געקאָנט פאַרטוישן
מיינע טרערן
אין אַ יובלען.

איך: איז דיר ווייניק:
בוים־בלאַט־גראָז,
טייך־קוואַל־באַרג?

מײן האַרץ: אַז כ׳האָב אַן אָטעם אין גימען
פֿאַר קאָרן —
װעסטו מיר שטופּן אין מויל אַרײַן װײַץ.
כ׳גײ אױס נאָך אַ פֿרויען־הויך,
נאָך אַ גלעט
פֿון אַ מײדל־הענטל —
קומסטו מיר
מיט אַנדערע מינים גליק?
איך: שטײט דען נישט גאָט
אין זײַנע געניסן
העכער פֿון אַ מײדל־װעזן?
מײן האַרץ: געהער דאָך אַ מײדל
אויך צו גאָטס גענוס.
איך: גײ, דו ביסט פֿאַרליבט.
מײן האַרץ: כ׳בין דאָך אַ האַרץ.

II

כ׳וועל מיר אָפּרייסן פּיצלעך פאַרב
פון באַקאַנטנס קליידער
און כ׳וועל מיר אָנרויכערן אַן עין־הרע
אין וועלכע כ׳וועל פאַרברענט:
כ׳בין פאַרליבט אין פּרויען־זוילן,
ווי אַ הונט
אין בלוט־פלעקן,
אפשר
וועט די עין־הרע
אַוועקגיין.

ענצלנע לידער

א

איז נישטאָ קיין ווייב,
וואָס זאָל וואַרעמען,
וואַרעמט מען זיך ביים אויוון,
אַזוי אומבאַהאָלפן פילט מען זיך,
ציט מען אויס די מידע גלידער,
ווי אונטער אַ ווייבס איבערבעט,
אַרום דעם וואַרעמען אויוון
און מען פּיעקעט זיך.

ב

מיין לייב,
ווי אַ בליצנשטורעם
שטורעמסטו אין מיר:
דאָ לייכטסטו אויף.
דאָ — פֿאַרטונקלסטו.
און דאָך טראָג איך דיך
בײַ זיך טיף.
אין די צעלן פון מיין בלוט
פּויזעסטו.
אין לאָם פון מיין מאַרך
קלעבסטו.
ווי הייסט דיין שטורעם?

צוועמען געהער דיין בליצן־יאָמער,
צו מיין געבורט?
צי—צו מיין טויט?
באַלד ברענט אויס דער פלאַם אין מיין בלוט
און איך בלייב ווי אַ ליימענע געטשקע
רויק ליגן אויפן קישן
פון מיין געלעגער —
ווי אַ רויך נאָך אַ שרפה.
אַ שלאַם נאָך אַ געוויטער —
אומצופרידן און געפייניקט.

ג

טאַנצן פיר מיידלעך פאַר מיר,
ווי כ׳וואָלט זיין אַ פרינץ פון באַגדאַד,
צעפלאָכטן זענען זייערע צעפ,
געגאַרטלט זייערע לענדן.
און מיט באָרוועסע, נאַקעטע פיס
טאַנצן זיי דעם בן־מלך־טאַנץ
און איך זיץ אין מיין הויכן שטול
און זיפ צו ביסלעך
פון מיין הויכן באָקאַל.
און אויף אַ ווונק פון מיינע אַ בליק
פאַלן זיי אָרצה,
און אויף אַ מאַך פון מיינס אַ האַנט
טוליען זיי זיך נאָענט צו מיר,
ווי דערשראָקענע מייז.
טאַנצן פיר מיידלעך פאַר מיר,
ווי כ׳וואָלט זיין אַ פרינץ פון באַגדאַד.

ד

ווייב, וויין און געזאַנג —
ווי זייט איר.

אויסגעטראַכטע צונעמעונישן?
זוער געניסט פון אייך?
אידעע-פיקסן?

ה

כ'האָב דערטאַפּט די האָר פון מיינע ברוסט־וואָרצלען
און אין זיי זיך געקלאַמערט,
ווי אָן קייטן:
אָט איז פאַרשוווּנדן דרייסיק יאָר
אינעם אָפּענעם מויל פון לעבן,
ווו איך שטיי —
פאַר די האָר פון מיינע ברוסט־וואָרצלען —
ריין, ווי אַ קינד
און דאָך ווי אַ פאַרשולדיקטער —
פאַר מיין נישט אויסגעלעבטע זינד,
וואָס האָט אין מיינע ביינער געגליט
און גליט.

ו

מיין האַרץ איז אויסגעברענט,
ווי אַ ראָנדאָל אויפן פייער
פון ליבע.

ז

וויל איך פאַר מיר אויך אַ שטיקעלע נעץ,
פאַר מיינע אייגן בלוט און פלייש —
ממה־נפשך,
בין איך אַ בשר־ודם —
בין איך דאָך בלוט־און־פלייש.

ח

אין אייערע שטילע שטעגן
ריכט איר אָפּ „כּהונה" —

אויף אייערע ווייכע בעטן,
און עס ווערט געבוירן
דער געץ פון פלוך.
און
איך,
ביי מיין קליינעם פלעמל,
רעכט אָפּ מיין עבודה
און עס ווערט געבוירן
דער מלאָך פון גוטס.

ט

און אַזוי גייען אַוועק אונזערע טעג:
אין קליינע פּירעקעדיקע שטיבלעך —
אין ענגע ווענט —
מיט זיך אַליין,
מיט אַן אייגענע קרענקעניש,
מיט אַן אייגענע פּלאָגעניש,
מיט אַן אייגענע וויסטעניש,
און אַזוי גייען אונזערע טעג,
אָן ווייב,
מיט זיך אַליין.

י

שטייען מיר די יאָרן
אונטער דער פּלייצע
און מאָנען זייער לוין —
וויַיז איך זיי
מיינע שייערס,
אין גאָלד איינגעהילט.

יא

כ'האָב קיינמאָל נישט
אין לעבן

געשריגן,
געלאָפּן זוכן ס׳גליק
און צו זיך געבונדן
ס׳לעבן
מיט לינעס,
מיט שטריק.

יב

כ׳האָב היינט
געלאָזט פאַלן אַ טרער
אויפן טאָג,
וואָס איז אַוועק
אָן גליק.

יג

פיל זענען מיינע האָר,
הייס מיין בלוט.

יד

הענגט אַ וואָג איבער מיין קאָפּ
וועג איך אויף איר
אַלע עבירות,
וואָס איך בין אין לעבן באַגאַנגען.

טו

זיץ איך אין דער באַן איינגעקורטשעט—
אַזוי קליין פיל איך זיך.
ווי אַ פייער־פונק אין אַ טריבע נאַכט,
ווי אַ וואַסער־טראָפּן אין אַ שטורעם,
און איך, אַ יונגער מענטש,
ווער פאַרצערט פון אינערלעכע פלאַמען.
כ׳זוך אַ פלאַם

פאַר מיין נשמה,
פאַר מיין גוף זאָרג איך נישט.

טז

שרעקט מיך נישט די גראָע האָר,
וואָס זענען מיך באַפאַלן,
ווי רויבער —
איך קוק אויף מיין עלטער,
ווי אויף אַ קלאָרן שטראַל
פון אַ לויטער שטיקל לבנה
אין סוף חודש —
זיכער און דרייסט.

יז

אָט זע איך
קויבערס צוזאַמענגעוואַקסענע שעפעלעך
אומשולדיקע ממזרימלעך
אויפן מאַרק שטיין
צום פאַרקויפן.
און קונים שפריצן מיט פייערדיקע בליקן
אַנטקעגן די אומשולדיקסטע קינדערלעך.

יח

אין אַ געוויסן טאָג
האָב איך דערבליקט מיין לייב
און אַ שטאָלץ האָט מיינע ביינער
אָנגעגאָסן, —
ביסט אַן אייניקל
פון אור־גיגאַנטן!
ווי דאָס מענטשלעכע
איז אין דיר אויסגעגאָסן!
מיין געגנוואַרט האָט מיך פאַרכישופט:

ביסט יונג און בלוטיק!
הפקר און פרייד! —
ביסט אַ קאָלאָס!

יט

שטאַרבט אַ קוסט רויזן —
יונגע פאַרוויאַנעטע זוגות,
פון אַ גאַנצן זומער
גענאָסן און געגעבן
די לייבער אויף הפקר.
שטאַרבן זיי איצט
מיט אַ קוש פון מיינע ליפּן.

כ

אין מיינע אויגן
נעפּלט דאָס שיכּרות פון דער וועלט.
שלאָף איך אָפּ גאַנצע טעג,
אָבער טיף אין מיין בלוט
לאָז איך נישט פאַרביי
אַ זון־אויפגאַנג
און אַ זון-אונטערגאַנג.

כא

אין מיין נאָענט
ווערט מען בעסער,
גוט
און איידל.
אין מיין נאָענט
ווערט מען אָפענער,
פרייער
און איבערגעגעבן.

כב

נעמען שפּראָצן
איינציקע גרעזלעך
אויף מיינע פאַרוויאַנעטע פעלדער,
קומען צום לעבן האָפענונגען.

כג

און דאָך רייסן זיך אַריין
אינעם געדיכטן חשכות פון מיין לעבן
שפּעלטלעך ליכט,
וואָס וואַרפן אַ דינעם שטראַל,
ווי אַ דימענט־שימער
אין אַ פינצטערע הייל.

כד

מידקייט
באַגוועלטיקט מיך.
מיינע גלידער
זענען שטיקער ליים
אין אַ פייכטן גרוב.
מיין בלוט — אַ שטיינערדיקער זומפּ.
מיין האַרץ —
אַ שטיק פאַרגליווערט לעבער.
און אַ גענעץ קיניגט איבער דעם אַלעם.
כ׳ליג מיט קאַלטע פיס
אין מיין וואַכן.
מחשבות קרייצן
ביי מיר
דורך דעם וועג פון וואַנזין,
וואָס שפּיצט אויפן טורעם
פון מיין שלאָפלאָז אויג.

פֿאַרשידענע לידער

א

ס'האָט זיך מיר היינט פֿאַרגלוסט גיין אַ האָפּקע —
האָב איך פֿריי געלאָזט מיין שאָטן
אין ווילד.
האָט ער זיך צעהפקרט,
איבער פֿאַרקנס,
איבער מויערן.
אָט גייט ער דעם אָפּשפּאַטונג־טאַנץ:
מיט צעלענדער און פֿראַק,
אַ קורצער
מיט אַ גראָב בייכל —
צעפּליסקערט ער זיך —
מיט פייפל און גלעקל
אין צעקרומטע ברעמען
אויף דער חוזק־אַרענע.
אָט גייט ער דאָס אָפּלאַכונג־טאַנץ:
אין פלודערן געוויקלט,
אַ הויכער,
מיט אַ טרוקענער ברוסט.

ב

אַ פויגל־שאָס
לאָזט זיך אַראָפּ מיט פרייד

פאַרביי מיין האַרץ,
וואָס קאַפּט
מיט אַלעם
אין וואַסער אַריין.
און מיט יובל הייבט ער זיך צוריק אויף,
אַ געצוואָגענער,
אין די הייכן.

ג

הייב איך זיך אויף העכער
און לאָז די ערד —
אַ פאַרשעמטע כלה
הינטער זיך.
קריג איך רחמנות
נאָך אירע צניעותדיקע בליקן,
קום איך צוריק אַרונטער

ד

דער אומעט האָט אַ לייטער —
ווייל איז דעם,
וואָס קלעטערט אויף איר.
וואָס איז דער ציל,
אויב נישט טרויער.
טרויער —
מיין כלה!
איך ציר זיך מיט דיר,
ווי דער ברעג מיט אַ מושל.

ה

כ׳האָב ליב דערשראָקענע אויגן,
וואָס קוקן אין דער אומהיימלעכקייט אַריין.

עפּעס איז אין זיי פֿאַראַן
אַן אומעטיקס —
ביז צום פֿאַרגיין.
עפּעס טריפֿט פֿון זיי:
אָ, דערבאַרעם זיך איבער אונז —
ביז צום געוויין,
כ׳פֿאַרגיי פֿאַר דערשראָקענע אויגן.

ו

כ׳טראָג אין מיר
דעם שיין פֿון אַ טרער
און דעם שמייכל
פֿון אַ קינדעריש בעקל.
און אַז ס׳וועט קומען די צייט,
ווען כ׳וועל ווערן ראוי,
וועל איך אַנטפּלעקן מיינע שיינקייטן,
פֿאַר אייך, מיינע עלנדע ברידער.

ז

אַ טאָג פֿון ליכט און חכמה
שיינט איבער מיינע ברעמען —
צעשיטן זיך זילבערנע רעדער פֿאַר מיינע טריט,
צעשפּרינגען גאָלדענע בייגנס אַרום מיינע פֿיס,
באָדט זיך מיין גוף
אין פֿאַליעס חכמה,
אין פֿאַליעס זילבער,
אין פֿאַל׳עס גאָלד.
ביז כ׳פֿאַל אַן איבערראַשטער
אין מיין מלוכה.

ח

חכמה קומט צו מיר צו גיין —

מיט באָרד און פּיאות אָנגעשטאַלט
און ווייזט מיר איר וועג.
באַרג־אַרויף אַרויף פירט איר שטעג
צווישן אַ בוימער־געפלעכט.
איין שטראַל
שלענגלט זיך דורך
צווישן געצווייגעכץ.
אָט דעם שטראַל,
זאָגט מיר די חכמה,
שלייף זיבן יאָר
און באַקום פון אים דאָס גאָלד
און גיס דיר אַ קרוין.

ט

שפּרייטן זיך פאַר מיינע אויגן
גרייפּלעך פעלדער,
ווי אויף טעלער אויפגעשמירטע
פרישע היידלעך.
וויגן זיך פעלדער
מיט פרישן שפּייז
און וועקן אין מיין מאָגן
דעם הונגער.
זאַפּ איך איין
דעם זעטיקן ריח
פון געזונטן געקעכץ,
פון די גרייפּלעך־פעלדער.

י

אויפן באַרג־שפּיץ
וואַקסן רויטע גרייפּלעך.
ווי אַ זון וואָלט זיך צעגאָסן
און וואָלט דעם באַרג־קאָפּ פאַרגאָסן
מיט זיין פייער.

יא

שטייט אַ קופּע
אַלטע דרענגער
צוזאַמענגעטוליעט,
ווי דערשראָקענע גילגולים,
און מיר דאַכט זיך,
אַז מיין גילגול
איז פאַרבלאָנדזשעט,
אַהער, אָט דאָ,
צווישן די קופּע
אַלטע דרענגער.

יב

אין חורבות,
אין פּוסטקעס
ברענט אויס מיין נשמה.
דאָרט געפינט זי אַ קוואַל
פאַר איר דורשט.
דאָרט געפינט זי אַ תיקון
פאַר איר פלאָגעניש,
דאָרט געפינט זי באַרויקייט
פאַר איר אומרויקייט,
דאָרט געפינט זי אַ היילונג
פאַר איר קרענקלעכקייט.
אין פּוסטקעס.
אין חורבות
ברענט אויס מיין נשמה.

יג

כ׳האָב אַ וואָרט אַזאַנס,
וואָלט איך אים געוואָלט פאַרוואַנדלען

אין אַ האַמער,
זאָל ער אייביק קלאַפּן —
זינד!
כ׳האָב אַ קלאַנג אַזאַנעם,
וואָלט איך אים געוואָלט פאַרוואַנדלען
אין אַ גלאָק,
זאָל ער אייביק קלינגען —
זנות.

יד

אונטער מיין נאָז רוישט
ווי אין אַ ווירבל
אין לאַגער פון זנות.

טו

פאַרשטעלט מיר מיט אַ שאַרבן
די אויגן,
סיי־ווי־סיי זע איך נישט
ס׳ליכט.
כ׳ליג גאַנצע טעג
(כ׳ווייס נישט פאַרוואָס)
מיט צוגעפּרעסטע ברעמען.
און אין מיינע אויגן טונקלט
דער שאָטן.

טז

כ׳האָב היינט אַ טאָג פון גליק און טויט:
פאַרשיכּורט גיי איך אַרום
מיטן טשאַד פון טויט
און גליקלעך בין איך,
וואָס ער זאָגט מיר צו
שטילקייט.

יז

טויט,
ביסט מיין איינציק ווייב.
דיין אייביקער ערד קיל
ווייעט אויף מיר
פון ווייטע וועלטן
און זאָגט מיר אָן די בשורה
פון באַרויקייט.

יח

עס גיט רגעס,
ווען עס קומט דער טויט
און קלאַפּט מיט זיין גראָבן שטעקן
איבער מיין קאָפּ.
דעמאָלט
פיל איך זיך שטאָלץ
מיט מיין אייגן באַשאַפן
און נעם צו די קלעפּ
מיט עקשנות.

יט

טויט,
מיין לאַשטשנדיק ווייב,
דיין אייביקער ערד-קיל
ווייעט אויף מיר
פון ווייטע וועלטן
און זאָגט מיר אָן די בשורה
פון באַרויקייט.
כ׳האָב היינט אַ טאָג פון גליק און טו״ט,
פאַרשיכורט גיי איך אַרום
מיטן טשאַד פון טויט.

און גליקלעך בין איך,
וואָס זאָגט מיר צו
שטיל קייט.

כ

רייסן זיך אַריין
טויט־מחשבות
דורכן שפּאַלט פֿון באַוווסטזיין —
דאָס לעבן שטייט אין קאָן:
אויפגעבן עס,
צי אויפהאַלטן.

כא

רופט מיך אַ קינד,
און איך קוק נישט דערויף —
אוי, ווי זינדיק בין איך.
קינדעלע,
זיי מיר מוחל,
דאָס בין איך פֿאַרנומען געווען
אין אַ מחשבה.
ווי זינדיק בין איך:
דו, קינדעלע,
זעסט דאָך די העכסטע לויטערקייט
פֿון אַלע מחשבות,
פֿון אַלע געדאַנקען.

כב

זיי שטיל, מיידעלע,
דיין געוויין
דערמאָנט מיך
אָן מיין שוועסטערס געוויין
נאָך מיין מאַמעס טויט,

וואָס כ׳האָב אירע —
מיין שוועסטערס אַלע טרערן
אויפגעקליבן
אין אַ זיידן זעקעלע אַריין
און וואָס כ׳שלאָף דערויף
אַלע נאַכט.

כג

טייטלט מיר דער שאָטן מיט אַ פינגער:
נעם דיך נישט איבער.
איך,
וואָס איך שפּאַציר
אויף מויערן
און ווינקלען,
און פאַרנעם דאָס שטומע געוויין
פון דומם —
בלייב אומבאַמערקט,
פון קיינעם נישט געזען.
און דו,
וואָס דו הערסט נישט
דעם רעש
אַזשעך פון גאַס —
שפּאַרסט דעם קאָפּ
פאָרויס
און ווילסט מען זאָל דיך זען.

כד

איך הער זיך צו דעם קריג
פון מיינע נערוון.

און ווי זיי טײלן זיך אויס פון מיין פלייש
און באַשאַפן פון זיך אַן אָפּזונדער מענטשעלע.
בלייב איך שטיין,
ווי אַ גולם,
מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט.
געשטאַרטע פיס
און אַ שטום מויל.
און דאָס מענטשעלע באַווייזט קונצן
פאַר מיינע פאַרבליפטע אויגן.
קודם
שפּאַלט ער די וואָלקנס
און לאָזט זיך גלייך אין הימל אַריין
און קומט באַלד צוריק מיט פייערדיקע ריטער,
אויף אַ כמאַרע צערייטן.
און אָן שאַנד, פון מיר ביז זיך,
דערלאַנגט ער מיר די ריטער איבערן הוילן לייב.
באַווייזן זיך טרערן אויף מיינע ברעמען,
ווישט ער די טרערן אָפּ
און שמייסט מיך ווייטער.

כה

אויף מיין געשריי
איז קיינער נישט געקומען,
אויף מיין געבעט
האָט זיך קיינער נישט באַוויזן —
איז דער שטויב פון מיינע ווערטער געפאַלן
אין וויסטן חלל
פון אַ נאַקעטן מדבר.

כו

דערמאָנט מיך דאָס שטאָט־געשריי

אָן רופען פון עגלי-ערופות,
אַזוי קלאַפּט עס מיר אין בלוט
און אויפן מאַרך פון מיין קאָפּ,
אַז איך פיל זיך קליין,
וי אַ ביימעלע אונטער אַ פעלז.

מאַרטירער

ביסט אַ דערלייזער:
אויף דיינע שפּיצן-פינגער
שוועבט דער סוד פון דערלייזונג
פון אָפּמעקן דעם אונטערשייד
פון וואָלף ביז שעפּעלע,
און דו שליידערסט אים,
דעם דערלייזונג־סוד,
ווי אַ בליץ
אין דער וועלטס־וווּנדיקן קאָפּ,
און עס נעמט לייכטן
די וועלטס-בלינדע אויגן —
נאָר באַלד לעשן אויס
די היטער פון גאָלדענעם נעץ —
דאָס ליכט
און עס נעמט ווידער פינצטערן אויף דער ערד.
אבער דו שרעקסט זיך נישט:
דיינע נערוון זענען אויסגעשטאָלט —
שטויסטו פון זיך אַרויס העלדן
ווי הירש לעקערט,
נפתלי באָטווין און אַ. ווייטער,
וואָס גיבן זיך אָפּ פאַר אָפּער,
פאַר די נויט פונעם מענטש,
וואָס גיבן זיך אָפּ
צום קילן
יונגערהייט אין דער ערד
פאַרן וווּיל פונעם מענטש,
אָבער שטאַרבן קיינמאָל נישט
אינעם פאָלק.

מאַרטירער!
דורך דיר
כוואַליעט אַ פרייד אויפן ים פון מיין צוקונפט,
איך זע דעם בעסערן מענטש—לעבן,
דורך דיר
פיל איך זיך דערהויבן:
איך זע דעם גוטן מענטש לעבן,
מען פאַרגעסט אינעם באַגוועלטיקן —
עס טרעט מיין פריינדשאַפט,
עס ווערט מקויים די נבואה:
„אַ וואָלף מיט אַ שעפּס וווינען אינאיינעם"
און די שווערד
ווערט איינגעטוישט אויף אַ קאָסע.
דורך דיר זע איך
„פעלדער
און אויף זיי גייט אויף דאָס געוויקס
פון די פאַרבן
רויט, שוואַרץ, ווייס
מיט אַן אייביקע זון באַלויכטן".

וויל איך צוזאַמענוואַקסן מיט דער ערד —
ביים לעבן —
איז שפּראָצן זאָל איך פון דער ערדס טראַכט.
ווי אַ דעמב
געזונט, אין דער לופט אַריין.
און דער אָוונט זאָל אויף מיר פאַלן,
און דער טאָג זאָל מיך דורכנעמען.

מיט מיינע פיס
בין איך אַריינגעגראָבן אין פוילנלאַנד.
איך בענק נאָך דיינע באַלוטער בלאָטעס,
נאָך דיינע ליימיקע רעגנס,

נאָך דיינע קליינע סאַזשלקעס,
נאָך דיינע גליטשיקע שלייענס,
נאָך דיינע געקאַלכטע רינשטאָקן.

ס'האָט מיר די נאַכט געגעבן צו עסן
אַ פאַרשטאָרבענער —
רב יאָסעלע פאַרבער,
אַ יונגערמאַן אַ פשטן.
ראָזשנקעס מיט פייגן
האָט ער מיר געשטופּט אין מויל אַריין
און מיך געבעטן עסן.
אַ גוטער סימן,
פלעגט מיין מאַמע זאָגן,
ווען אַ טויטער קומט
און גיט צו עסן.

די נאַכט שפּאַצירט אויף מיינע ווענט
און איך בין שלאָפלאָז,
גראָב איך זיך איין מיט מיינע נעגל
אין מיינע ווענט —
שלעפּט מיך די נאַכט אַוועק
און לאַגערט מיט מיר
ביי דער מלוכה
פון אָפּגרונט.

די נאַכט איז לאַנג.
זי וויל נישט צו מאַכן דעם שוואַרצן פליגל,
וואָס איז ווי אַ בויגן אויסגעשטרעקט
איבער מיין קאָפּ.
און מיט שוואַרצן פוך
פאַרראָפּעט זי מיינע אויגן,

העי, די נאַכט איז לאַנג —
לאָז איך זיך אַוועק אויפֿן משקולת-שיפֿל,
צו די לאַבירינטן פֿון מײַן סוף,
קום איך צום וווּנדער-לאַנד,
וווּ ס'טוישט זיך טאָג און נאַכט,
בלײַב איך שטיין אַ מבולבלטער
פֿאַר טאָג און נאַכט.

באַפרייאונג

באַפרייאונג.
פון וועלט און מענטש!
באַפרייאונג:
צו געשנירטע.
צו געבונדענע.
צו געקייטלטע.
צו געשמידטע.
באַפרייאונג:
באַפרייאונג.
פון וועלט און מענטש.
באַפרייאונג:
פון נאָרעס.
פון קערקערס.
פון קאַזעמאַטן.
פון טייוול־אינזלען.
באַפרייאונג.

*

*

לאַנגע פענצטער,
קליינע שייבלעך.
און אָט אַזוי אָטעם איך
אַ גאַנצן טאָג אונטער גלאָז.
מיין מענטש צעטיילט זיך
אויף צענטליקער טיילן.
א) אַלע—ליידן,
רויטע ליאַמפּאַסן
ציען זיך פאַר די אויגן
דעם פולן טאָג
איי שוואַרצע בענדער
וו נקלען—אין שווינדל —
מ ך אַרום.
לאַנגע פענצטער,
קליינע שייבלעך.
און אָט אַזוי אָטעם איך
אַ גאַנצן טאָג אונטער גלאָז.

ווי אָדלערס איבער מיין קאָפּ
לויערן מחשבות
און ווילן פאַרציקן
אַלץ, וואָס איך האָב אויפגעבויט.
מוז מען זיין שטאַרק
עס איבערצוהאַלטן.

יידישע קינדער,
וואָס האָט איר פאַר מיר מורא
הלמאַי כ׳בין אַ שומר?
ע—בע,
ווייס איך וואָס —
אַ שטרויענער שומר —
האָט נישט מורא,
יידישע קינדער,
פאַר מיר.

הויכע ביימער שטרעקן זייערע הענט
און באַשירמען מיך.
מיך,
דאָס ציטעריקע קינד
מיטן צעשראָקענעם האַרץ,
וואָס שרעקט פאַר אַ ווע עמל
און שמאַרצט מיט אַ גרעזל.

כ׳בין, ווי אַ לאָם —
אַן אַרויסגעשטויסענער
פון דער סטאַדע.

ווי גוט איז צו פילן זיך,
אַז מען איז נישט איינציק —
מען געהער צו אַלעמען:

אין יעדן טראָפּעלע פּיסטו,
אין יעדן ווינקעלע געפינסטו זיך.

כ׳ליג
און באָבאַכט מיין ליד,
ווי אַ פישכאַפּער
זיין ווענדקע.
דאָ שווימען אויף געשטאַלטן —
צעשוומענע.
דאָ טויכן אויף פּרצופּן —
קאָנטורלעכע.
דאָ באַווייזן זיך מעריאַדן
מדברלעך — באַלויכטענע.
דאָ ווערן געבוירן אָאַזיסן
קוואַלנדיקע.
כ׳ליג
און באָבאַכט מיין ליד,
ווי אַ פישכאַפּער
זיין ווענדקע.

כ׳וועל גיין אין גאַס
און בעטן נדבות:
אַ שטיקל ברויט,
צו דערכאַפּן ס׳האַרץ,
אַ מינצל,
צו דערפרייען זיך,
אַ נאַכט־לעגער,
אָפּצורוען דעם קאָפּ.

עס גיט טייל טעג,
וואָס בלייבן פּוסט,
ווי אַ לערע שטרוי —

דאַן פּילט מען זיך
אַ ווערעמל
הינטער אַ טריט —
צעקוועטשט צו ווערן.
אַזוי קליין איז מען דעמלט —
אַזוי קליין.

מיין גוף —
אַ געבויגענע צווייג:
אָט
ברעכט ער זיך אַדורך
און
דאָך
האַלט ער זיך
אויפן שוואַכן שטאַם
פון מיין באָדן.

אויף אַ שטיק נאַקעט פעלד —
נאַקעט, ווי מיין שאַרבן —
בין איך פאַרקראָכן.
צי איך אָן חיונה,
אָן נאַכטלעגער.
בענקט מיין קאָפּ
זיין מידעניש
וווּ אָנצושפּאַרן.

כ׳בין אַליין —
ניין,
ס׳ליד איז מיין חבר!
מיט אים נידער איך
צו מיינע ווייטיקן.
שטיי —

צו מיינע לינדערונגען.
מיט אים מאַך איך שטאָלץ
מיין טאָג.
באַפעסטיק
מיין נאַכט.
ניין —
כ'האָב אַ חבר!

מיין ליד חלום איך אויס:
אָט באַווייזן זיי זיך פאַר מיר
אין גופים.
דאָ — געביקטע,
דאָ — שטאָלצע,
דאָ — פאַרחלשטע,
דאָ געזונטע —
אויף דער בימה
פון מיין חלום.

„הערן, זעען און שווייגן" —
שטייען דריי מאַלפּעלעך
געשניצט אויפן טיש
און זאָגן אָן די חכמה.
פאַרטיף איך זיך
אין זייערע ערב-פּנימלעך —
נעם איך זיך שעמען
פאַר זייער קלוגקייט.

אָט טאַנצט פאַר מיר אַ פּאַיאַצל —
אין מיטן טאָג.
ווו איך גיי —
פאַרשפּאַרט ער מיר דעם וועג
און טאַנצט מיר מיט בייג און ניק.

אַנטלויף איך פון אים
און באַהאַלט זיך
אין מיין קוואַדראַטנעם שטיבל —
שפּאַרט ער זיך אַריין דורך די ווענט
און הז פּקעט מיר אין די אויגן אַריין.
גנבע איך זיך צו דער טיר
און עפן איר אויף אַ שפּאַרע,
און איך זע ווונדער.
דער פּולאַפּ,
אַ שיינענדיקער,
בוקט זיך
און קושט דעם זוים פון דער פּאָדלאָגעס קלייד.
די ווענט,
לייכטנדיקע,
גייען אַ ריקוד מיט פאַרפלאָכטענע הענט
די ווינקלען,
שאָטנדיקע,
גייען אָנגעטאָן אין יאַרמלקעס
און שפּילן אין באַהעלטעניש —
די ביישטידלעך,
ווינקנדיקע,
טרעטן אַרויס פון זייערע רעמען
און ניקן זיך מיט פאַרריסענע נעזער.
די פענצטער,
שטראַליקע,
גייען אויף שטאָלצן מיט אויסגעשטרעקטע העלזער

ערשט, ווען מיין מאָגן איז ליידיק —
שאַף איך מיין ליד.
דאַן נעם איך טאַנצן
אויף די חורבות פון מ׳ין אונטערגאַנג —
דעם הפקר-טאַנץ

פון פאַרגעסן
און פאַרגיין.
און עס ווערט געבוירן
דאָס קונצנמאַכערל —
עלנט.

כ'האָב אין זיך דעם כּוח,
צו פאַרשפּילן זיך אַליין —
אַרומטאַנצן
און אויסטאַנצן
מיין פרייד.
ווי אַ קלאָאון
וויקל איך זיך
אין מיין שטימונג.
ווי אַ ווינט —
אַ בריענדיקער
יאָג איך זיך
אין מיין אויפבּרויז.
ווי אַ מתפּלל
אַ פרומער
וויג איך זיך
אין מיין ברען.

האָבן זיך די קיימענדלעך רויך
געבוקט צו מיין קיימענדל,
ווי די בּינטלעך תּבואה,
אין פעלד,
צו יוספס בּינטל
און מיין קיימענדל געקריינט
מיט אַ זונען־קריינדל.

אין רויטן מערב
ציט אַ קאַראַוואַן

פון שוואַרצע קוילנפירער.
און דאָס פייער
פון בלוטיקן מערב
שפיגלט זיך אָפּ
אין זייערע באַקן,
און אַלע ציען,
ווי צו דער הייליקער וואַנט
פון מעקאַ.

דער גערטנער באַגיסט מיט וואַסער ס׳גרינס
און ס׳גרינס וואַקסט.
דערלעבן שטייט אַ בוים אַ חרובער:
זיינע צווייגן גראָען.
איך שטיי לעבן אים:
זיינע טראָפּנס זאַפּן זיך אין מיינע הענט איין.
און אין מיין בלוט
הויבט אָן שפּראָצן
לעבן פאַרן בוים.
לייג איך זיך אַנידער אויף דער טרוקענער ערד
פּרעס די ליפּן צום שטאַם פון בוים
און דער בוים נעמט בליען.

בליקט אַ ווייס-געקאַלעכט טומאהלע,
ווי אַ יונג־געטובלט מיידל —
אַזוי · אומשולדיק.
בליקט עס צום בלויען הימל
און ס׳דערציילט אַ מעשהלע
אין מיטן טאָג.

ס׳האָט אַ קעצל דערבליקט מיין פרייד
און איך האָב זיך פאַרשעמט:
ס׳איז ביי מיר אויסגעוואַקסן אַ געפיל —

שטייף, האַרט —
אַז ס׳האָט אַ נפש מיר צוגעגנבעט
מיין נאַקעטקייט.
און איך בין געבליבן שטיין אַ הוילער,
אַ דורכזיכטיקער:
אָן אַ האַרץ,
אָן אינגעווייד.

ציטערט אַ זשאַבעלע
ביי מיר אויף דער האַנט
אַן אָרים בריאהלע –
און אפשר—אַ רייכס?
איך לאָז עס אין וואַסער אַריין:
שווים, רייך פיש-קינד!
שנייד דורך וועלן און כוואַליעס!
און דערצייל דייניקע,
אַז אַ מענטשן-קינד
האָט דיך געהאַלטן צווישן זיינע פינגער.

כ׳ליג רויק,
קיין צוק מיט די גלידער:
כ׳הער זיך איין צו דער שטילקייט,
וואָס שטראָמט אין מיר,
און איך פאַרנעם
אַ שטיל ריזלען
פון אַ טייך־פלאַך.

מאַך איך מיר פינצטער
מיין פרימאָרגן —
צי אָן וואָלקנס
אויפן הימל
און שפרייט אויס אַ נאַכט
איבער מיין בעט.
און קאָרטשע זיך איין.

„אַן דיכטונג וואָלט ס'לעבן געראָסט" —
לודוויג בערנע.

דיכטונג
איז דער הימל פון טרוים,
איז די זיבעטע זון פון הימל
דיכטונג
איז אַ שוואַנען־מלכּה
אויף אַ לויטערן טייך.
דיכטונג
איז אַ לייבין
אין ווילדן זשאָנגל.

*

כ'מאַך פון בלאָטע
איידל־שטיינער,
כ'דערהייב אַ געפאַלענעם
אין דערהייכעניש
און כ'פאַרוואַנדל אַש
אין גאָלד־שטויב.

איז מיר מאָדנע:
שפּיל איך זיך מיט אַ פליג
און פאַרשפּיל זיך:
אָט שטרעקט זי מיר אויס אַ פיסל —
רייס איך מיר אויס אַ האָר פון קאָפּ
און שטרעק איר אַקעגן.

באַטרעט זי איר —
בין אין איך גליקלעך,
פּאַטש איך מיט די הענט
פאַר פרייד.
אָט שפּילט זי מיט מיר אין קלאַס:
זי האָפּקעט אויף אַ פּאָדלאָגע־ברעט,
איך שפּרינג אויף אַ פּאָדלאָגע־ברעט,
זי געווינט,
איך—פאַרשפּיל,
זי פאַרשפּילט,
איך—געווין.
בין איך גליקלעך —
פּאַטש איך מיט מיינע הענט
פאַר פרייד.

העי, מענטש!
צינד אָן דיינע פאַקלען,
וואָס שטייען ביי דיר
יאָרטויזנטער פאַרשפּינוועבט,
און מאַך ליכטיק דעם טאָג,
וואָס טריבט יאָרטויזנטער כסדר
און לייכט אויף.

מענטש:
צעהאַק דיינע ביבל־מויערן,
דיינע הימל־טויערן
און גיי צו דעם לאַנד,
וואָס איז פאַראַן, אַזוי גרויס ווי אַ פויסט,
ווייס נאָר אין איר
אַריינצוגיין
און אַרויסצוגיין.

כ׳בין שיכּור פון דער זון —
די זון האָט מיך דורכגעבּרענט,
ווי אַ פּענעצל אויף הייסע קוילן.
בּרוין,
ווי רינד פון בּרויט,
זענען מיינע הענט.
און ווי הערשן־פעל
מיין בּויך.
כ׳בין שיכּור פון דער זון.

אַ דאַנק דיר, זון,
פאַר די פאַנצנס גאָלד
מיט וואָס דו האָסט באַלייגט
מיינע ווענט,
ווי דיקע וואָלקנס
בּאַדעקן דעם הימל,
אַ דאַנק דיר, זון.

וואָס בּין איך דען?
אַ שטויבּעלע: —
טאָ נעם מיך אויף, זון —
לאָמיך מיר צעגליען אין דיין וועג
און לאָמיך פאַלן
מיט דיין שטראַל
אויף אַ פעטן בּאָדן
און אויסוואַקסן אין אַ גרעזל
דערנערן אַ ווערמל.

וואָס מיר זאָרג!
האָבּ איך נישט קיין פּרנסה.
די זון שיינט,
דאַמע־ליכטקייט וואַלגערט זיך אין די גאַסן

זוי אַ יונגע זונה.
און דאָס איז מיר גענוג.
הענגען ווייסע, ציכטיקע פאָרהאַנגלעך
אויף מיינע פענצטערלעך,
זוי פון באָבעשע הענט
געיואַשן, געקראָכמאַלט, געפּלעט
און אויפגעהאָנגען.
טוליע איך זיך
צו מיינע פאָרהאַנגלעך,
און מיר דאַכט זיך
איך בין אין דער אַלטער היים —
פון אַ שוועסטערס האַנט געפלעגט,
פון אַ טאַטנס האַנט געגלעט,
פון אַ ברודערס האַנט געטרייסט.

כ׳האָב ליב צו רוען —
די אַנקערן ביים ברעג פון שטילקייט
און מיט מיין פאַרמעג:
אַפּאָר קליינע געדאַנקען,
אַפּאָר הייסע געפילן —
לאַגערן.

כ׳שפּרייט אויס די הענט —
צוויי פליגלען —
כ׳וויל פליען צו מיינע אבות
צו מיינע יחוסדיקע זיידעס
און צו מיינע מלכותדיקע באָבעס.
כ׳וויל פליען
צו מיין יחוס,
צו מיין מלכות.

כ׳בין מיד,

ווי אַן אַלטער ייִדע.
מיט זילבערנע ברעמען
און אַ ווייסע באָרד
גאָטעניו,
טאָ גיב מיר זייער חכמה
אין מײַן מידן בלוט.

פֿאַרבענקט זיך מיר
נאָך מײַנע בהדרגהדיקע ייִדן.
נאָך זייער שטילן גאַנג,
נאָך זייער בנעימותדיק עסן,
נאָך זייער טיפֿע גדלות,
נאָך זייער סאַמעטדיקן יחוס,
נאָך זייער הייסע חתונות.

עסייען

אינהאַלט

אברהם רייזען	7
א. ליעסין	8
יוסף ראָלניק	9
דוד איינהאָרן	11
מאני-לייב	15
לייוויק	16
משה-לייב האַלפּערן	18
ישע לאַנדוי	20
יצחק-יעקב סעגאַל	25
יעקב גלאַטשטיין	28
מלך ראַוויטש	30
משה קולבאַק	31
משה בראָדערזאָן	32
ישעיה שפּיגל	34
י. ה. ראַדאָשיצקי	35
יעקב מעסטל	37
שלום אַש	41
דוד בערגעלסאָן	42
א. מ. ווייסענבערג	44
דוד איגנאַטאָוו	49
א. ראַבאָי	51

י. אָפּאַטאָשו 52
ל. שאַפּירא 54
א. מ. פוקס 57
י. י. זינגער 58
ברוך גלאַזמאַן 59
משה נאַדיר 62
טאָפּל 65
לוי בערמאַן 68
קאָפּמאַן 69
ל. באַנוקאָוו 72

.I

1

אברהם רייזען

דער פּאָעט פון פּרימיטיווקייט.

דער פּאָעט פון פּראָסטקייט.

דער פּאָעט פון פּשוטן פאָלקס־יידיש.

דער פּאָעט פון פאָלק!

ער וואַקסט אַרויס אין אַ פאַרשטעלטן וואַסערטרעגער — אַ למד־וואָווניק פון פאָלק.

ער קומט צום מעמד פון דעם אלף־בית־מלמד—דעם פּשטן רב בערעלע, אינדערהיים. ער לערנט אָפּ מיט אַלע קינדער און ווייסט נישט צו נעמען באַצאָלט.

זיין עובדא איז אַן ערלעכע. ער איז דער פּאָעט־למד־וואָווניק. ער דערגרייכט די מדרגה פון פּראָסטקייט און פאָלקסקייט.

ער טיילט זיך נישט אָפּ פון פאָלק—

ער גייט מיט אים צום קלויז, צום ווערקשטאַט צו דער שניידער־מאַשין, צום שוסטער־בענקל—אומעטום שטייט ער מיטן פאָלק.

ער טרייסט דעם חתן־בחור.

ערווישט אָפּ די טרערן פון דעם כלה־מיידל.

ער ליידט מיטן פאָלק.

ער איז דער האָרעפּאַשניק־פּאָעט.

ער צאָלט צינז דעם פאָלק.

ער גרייט זיין טיש פאַר אָרעמעלייט און פּאָסטנע הירזש איז די מאָלצייט.

ער איז דער פּאָעט־למדוואָווניק!

2

א. ליעסין

דער לעגענדע־שפינער.

ער וועקט אויף די לעגענדע, ער, ליעסין.
ער ברענגט זי צום וואך פון איר חלום.
מיט לייכטן הויך איז ער זי, די לעגענדע, מחיה־מתים.
ווי יחזקאל האט באקליידט די ביינער אין טאל מיט פלייש, —
באקליידט ליעסין די לעגענדע מיט א לבוש.
ער גיסט איבער דעם אלטן געטראנק אין א נייע כלי.
ווי א טויב, מיט צעשפרייטע פליגלען, שוועבט ער אין
לאנד פון דער לעגענדע.
און עצבותדיק זענען די הימלען אונטער איר, אונטער
דער טויב, אויסגעשפרייט, עצבותדיק זענען זיינע לעגענדן —
איך מיין דעם געלייטערטן איידעלן טרויער

ווי א פארוואגלטער בן־מלך, וואס צירט זיך מיט זיין איבערגעבליבענער מלכותדיקער קמיע אין זיין גלות—אזוי איז ליעסין, א פארוואגלטער פרינץ, וואס באהאלט זיך מיט זיין אוצר, מיט זיין לעגענדע.

ער לאזט זיך אראפ אין טיפעניש פון ים, אויפצוקלויבן זיינע פערל און ער הויבט זיך אויף, אין וואונדערדיקע פאר־נאכטן, צו די אויבערפלעכן פון הימל, און צו פאנגען די בלייכע לבנה־שטראלן—ארויף צו ציען זיינע פערל.

יידישע נבואה הייבט ווידער אן צו שיינען אויף די חלבנע עמודים פון ליעסינס ספר.
און א חלבן ליכטל וועל איך אנצינדן און געגענען צו ליעסינס תנ״ך־קטן און מיט שטילן ציטער אים לעזן.

3

יוסף ראָלניק

ליבהאַרציקער יוסף ראָלניק,

לעזנדיק אייער בוך האָט זיך מיר געדאַכטן, ווי עס ווערט דערציילט אין מדרש, דער ים האָט זיך געשפּאָלטן אויף צוועלף וועגן און עס לויטערן דרייצן קרישטאָלענע אייז־ווענט, ניין, עס לויטערן, קלאָרן אָן אַ שיעור דורכזיכטיקע זיילן — נאָר לויטערן און קלאָרן — פון אייערע לידער. — חזיונותדיקער: אייערע לידער זענען מיר שנירלעך שניי אָנגעצויגן אויף ווייסע פרויען־העלזער — ווייס אויף קלאָר — דאָס איז דער גרונד־לבוש פון אייערע לידער.

איך מוז צוריקגיין: עס לויטערן, קלאָרן אָן אַ שיעור דורכזיכטיקע זיילן אין אייערע לידער —

מיין איך דעם געפרעסטלטן אָטעם, וואָס אָטעמט פון אייערע לידער — עניוודיקער! פאַרשטייט מיך, ווי דער קלאָרער פראָסט, וואָס שטאַרט זיך פון אייגענעם אָטעם, אַזוי — אייערע לידער. זיי פאָרמען זיך אונטער דער „פאָרע".

ווי דער קילער בלאַנק פון אַ שטאָל־שווערד — שאַרפן זיך אייערע שורות אויף די ווייסע בלעטלעך.

ווי שטייפע הערשן־הערנער זענען אייערע לידער אויסגעגאָסן.

איך האָב זיך געבאָדן אין ערב־פרילינגדיקע טייכלעך, ווען איך האָב געבעטן מיט אייערע לידער.

כ׳בין פרומער געוואָרן, ווען כ׳האָב אין זיך אַריינגעטעמט די תחינותדיקע פשטות פון אייערע שירים. שירים—די פּאַסנדיקסטע באַצייכנונג פאַר אייער לידער—ניין, נישט אמת, אין שירים פיל איך דעם טעם פון עקזאָטישקייט—און אין אייערע לידער—די אַראָמאַטישקייט פון דער ווייס־כּישופדיקער לבנה־לאָטאָס—(איך אַ מזרח־לענדישע בלום), בעסער לאָמיר זיי רופן: שירים-לידער, ווייל אין מהות פון וואָרט ליד פיל איך אַ ווייסקייט, און פון אייערע שירים־לידער שאַלט ווייסקייט—אַ האָגל-ווייסקייט. יעצט וועגן אייער מעלאָדישקייט — שוועבט אַראָפּ פון אייערע לידער אַ לירישע, עלעגישע מילדקייט, באַטויט מיט אַ בחורישע עניוותקייט.

מאַמעשער גלעט און בלייך־מיידלערישער שמייכל חנט פון אייערע לידער. און מען מוז אייך פאַרגעבן פאַר דעם ביסל בלוט־אָרעמקייט, פאַרדאָס פאַרמאָגט איר רחבות פון שנייאיקע פערלען און האָגלישע דימאַנטן און מיידלישן שמייכל.

4

דוד אײנהאָרן

דער בלײכער ליריקער.

דין, װי אַ סילועט, איז זײן ליד, און דין, װי אַ שאָטן, איז זײן מײדל און אויך די שול, אין װעלכער ער בעט.

אַ זילבערנע שאַטנקײט רוט אויף זײנע לידער, װי אויף מײדלעשע שטערנס דער צאַרטער קוש—סובטעל און אײדל.

זײן אינערלעכקײט איז אַ טאָפּלטער: פון זײנע ליבע־לידער—דאָס געזאַנג פון „אהבה שאינה תלויה בדבר"—זעלבערט אַ יונגער שמײכל. און פון זײנע תפילה־לידער — אַ זקנישע מילדקײט.

יונגקײט און אַלטקײט אין אײן גוף

װי אַ בן־חור איז ער יונג אין זײן ליבע און װי רב עקיבא—ערלעך אין זײן בעטן. אַ ײדישער אַפּאָלאָ—װען ס׳װאָלט מעגלעך געװען מיר זאָלן אַזױנעם האָבן, אָן זינד—מיט דעם איז שױן נישט מעגלעך, אַז מיר זאָלן אים האָבן—שטײט ער אױפן באַרג־שפּיץ, פון זײן אומשולדיקע בחורשאַפט. און װי אַ יוחנן אַלע װײל װאָלטן מיר אים געהאַט. װײל זײן נזירשער מהות איז אַ ײדישיסטישער—אין זײן שירה לד" צום טיפן װײ, פּאַר דער יונגער ײדישער פּאָעזיע, איז אײנהאָרן געװאָרן אויס ליריקער—ער איז געװאָרן אַ מוכיח, אַ שטראָפער, און דאָס האָט געטויט דאָס בן־מלכדיקײט אין אים.—אָבער איך װיל אויף נ װײל אָן דעם פאַרגעסן.

ער איז אין זײן ליבן װי דער יונגער בן־חור, און אין זײן תפילה צו גאָט—װי דער אַלטער רב עקיבא.

.II

1

מאַני-לייב

מאַני-לייב — דאָס גאָלד-בלאָע מיסטעריום.

אייב־ק איז בלאָ דער הימל ביי מאַני-לייבן און פון אַ בלאָ-קלאָרער לבנה שניידט ער מיט זיין כישופמעסער צירונג־שטיקער.

זיינע לידער—פערל־איינפאַסונגען, סאַפיר-געשטיקטע פריזן.

בלאָע מיניאַטור־אָאַזיסן אין גאָלד-הייבלעך איינגעטינקט.

קאָכיקער ווײַן אין קרישטאָלענע בעכער. דער ברי פון שלאָפנדיקע, פלאַמיקע קינדערישע בעקלעך.

דאָס גלאַטקייט פון בחורישע לאָקן.

דאָס צאַרטקייט פון אַ געמאָלטן סאַלאָמע־לייב.

דאָס עלאַסטישקייט פון אַ מיידל־שלאַנג.

מאַני-לייב—מיט זיינע לאַנגע מיידל־פינגער—באַרירט די סטרונעס פון זיין לירע און עס באַקומט זיך אַ געזאַנג אויף פאַרביקע קאַנאַריק־פליגל געטראָגן דורך סאַמעט-בלעטערדיקע אַלעען.

אין די שווינדל-זאָגנס פון מאַני-לייב כישופט אַן עקזאָ־טישער אַראָמאַט פון רחלס גאָרטן אין קאַרין מיכאַעליסעס ראָמאַן.

אַ בעקן אייל דעמפט זיך אין מאַני-לייבס טעמפל און ער פאַרשפרייט ווייט און ברייט קטורת־ריח. ווי געשליפענע פיילן זענען זיינע שורות.

הענגלעך טרויבן—זיינע לידער. מיניאַטור-שעדעוורן — זיינע ווערק.

טוי און אַטלעס—אין זיינע צווישנשורות.

מאַני-לייב חזיונותקייט—עלפנביינשניצערייען—באַרעליעפיק און קאָנטורלעך.

זיין גאַנץ געבויאישקייט—אַ שוואַלביק־ריטמישער.

זיין אָטעם—אַ שטראַלן־פלייציקער זיין, מהותישקייט—אַ פלוט־עביקער ים...

2

לייוויק

שווער צו שרייבן וועגן לייוויקן. זיינע דיכטער-„שווונגען״ זענען נאָך נישט אינגאַנצן אויסגעשפּרייט—ער האַלט ערשט די פליגלען אין אויסטשוכען—און מען קען גאָרנישט וויסן, וואָס דער מאָרגן קען געבוירן.

אָבער זיין וועג איז שוין אָנגעצייכנט: ער איז דער מיסטיקער אין בלוט און פון דעם וויל איך ריידן.

איך זע לייוויקן אַן אויפגעוואַכטן—דורך חלום קומט ער צו אויפוואַכונג—דורך זעלבסט-אַנטפּלעקעניש—ער דערזעט זיך פּלוצלינג, אַליין—אַן אויפגעלויכטענעם אויפן באַרג פון שטייגן.

ער שטייגט, ווי אין ליד מיינעם, ביזן האַרץ פון הימל.

פאַרחלומיש קלינגען די גלעקער אין זיין תפילה-הויז—ער בעט אין געמורמל פון גלעקער.

ער גייט אויס בלחש (נישט קוקנדיק, וואָס ער „שרייט״ אין זיין „גולם״ צו הויך—אגב, רייד איך נישט פון זיין „גולם״) ביי די ביישטידלעך פון זיין געבעט-הויז.

ווי די צפון-לופט איז קלאָר—איז זיין אָטעם פאַרחלומדיק, און אַזוי ציט זיך זיין ניגון, ווי פון מאַני-לייבס „פאַרחלומדיקע לאַנדישן״.

אין זיין הימל הענגט אַ פולע פאַרחלומדיקע לבנה, און זי פאַרשפּרייט דאָס אַ ווייכע פאַרחלומדיקייט—אָנצוטאַפּן מיט די שפּיצן פינגער—אינעם חלל-בויגן פון זיין רוים.

ער האָט נישט אין זיינע בילדער-ווערק—קיין הינטערגרונט און קיין פאָדערגרונט—איין צוציענדיקער לופט פולט די ראַנדן פון זיינע זעטיקע—איך וואָלט געזאָגט, פעטע ביל-

דער, נאָר איך שרעק זיך פאַר די גליביצדיקייט, וואָס דאָס
וואָרט פעט דערהאַלט אין זיך.
אויך איז ער נישט דורכזיכטיק—ער איז טומאַנענדיק—
אַך, די ריכטיקע פאַרטייטשונג פאַר לייוויקס סיבירער לידער (איך
רייד אויך נישט פון זיינע „אומקום"-לידער—דאָ איז לייוויק
פאַרקראָכן פון אַ ליריקער צו אַן אידעעקער, און סאַמע
ליריק איז ווייט פון אידעען), ער איז טומאַנענדיק-בלאָ.
ווי דער טומאַן ציט זיך שוועביק—ציען זיך די פליגלען
פון לייוויקס ליריק—נעפלדיק, לופטיק.

3

משה־לייב האַלפּערן

דער חריף מיטן שאַרפן קאָפּ.
דער עילוי מיט דער טיפער בקיאות.
אין זיין יעדן בליק איז דאָ אי בקיאות, אי חריפות.
ער איז דער פּאָעט פון גרויסן פּאַרנעם און פון האַס־טיקן אימפּעט.

ער איז אָפּט אויך דער פּאָעט פון דער יידישער לע־גענדע—(אין זיינע „גאָלדענע פּאַוועס" געפינען מיר אַפּאָר לעגענ־דעס) ער לייט רינגען פון דער גאָלדענער קייט—צו דער יידי־שער לעגענדע.

טיף אין געפיל איז זיין אויסדרוק. שטאַרק—זיין אויסדויער.
אַ גאָלדענער אַוויר ציט זיך אויף די וועגן צו זיינע סטאָקן—
אין די ברונימער זיינע קוועלט לעבעדיק וואַסער.

דער בנין־שטעלער.
וויל ער נאָר, קען ער בויען.
בויט ער פּאַלייען. און פון גאָלד־געקאָלכטע שטיינער שטעלט ער צוזאַמען די ווענט אין זיינע בנינים. און אויף רונדיקע פּלאַטשיקע טורעמס—נישט שפּיציקע—וועבט ער אויס פלאַגן, פון ווייסן סאַמעט מיט גאָלדענעם שאַך.

און אין זיי, אין זיינע פּאַלאַצן, פּאָרעמט ער אויס גע־צעלטן און כישופדיקע ביידלעך. נסימדיקע סוכות און צווי־בערדיקע אַלטאַנעס.

ער האָט אָבער חסרונות. און אפשר איז דאָס נישט זיין שולד:

ווי ביי יעדן עכטן קוואַל, גיט אַן אויבער־קוואַל: דער מעין־חיים. ביי אים, ביי משה־לייבן, מישט זיך צוזאַמען מיט אויבער־וואַסער—

דער לויטערער שטראָם פון דער ערדס האַרץ, ביי אים, ביי משה־לייבן, שטראָמט פאָר פאַרביי פאַר אַן אויבערשטן ערד־שיכט, ווי ס׳ציט זיך אַ מונטנער קוואַל.

אין לויטערן בעכער וויין פאַלט אַריין אַ שמץ פסולת.

ער, דער פּאָעט, מיטן שאַרפן קאָפּ.
ער, דער פּאָעט, מיט דער טיפער בקיאות.

4

זישע לאַנדוי

דער ראַפינירטער פּאָעט.

ער איז ראַפינירט ביז אין־גבול.

ער שטעלט זיך אָפּ פאַר אַ גבול ערשט דעמאָלט, ווען ער דערגרייכט די מדרגה.

און זיין גבול איז אַ צווייענדיקע: די פּרוי (וואָס איז, אגב, ווייט פון לירריק) אין דאָס ליד.

ערשטנס, שטייט ער אָן אַ זייט ווי אַ סאַטיר, און לאַכט אויס זיין זינגען. און ווי אַ מנגן, וואָס פּאַסט איין גאָלדענע שורות אין רוים.

דאָ, ווו ער לאַכט אויס זיין זינגען, איז ער סאַטיריש־הלצהדיק. און דאָ, ווו ער קלייבט גאָלדענע זאַנגען—ערלעך, טריי.

זיין „ווייסער ליים"—איך געדענק נישט ווי ס'ליד גייט, איך שרייב פון אויסנווייניק און איך געדענק נישט אַ שורה—אין אייגענער און אַ פרעמדער—פון אויסנווייניק—זיין „ווייסער ליים" איז אַ טעוועלע געטריי גאָלד—פּערצנטער פּרווו. און זייַנע פרוי־מאָטיוון—טעוועלעך טאָוול. און זיין פרויען־באַזינגעניש גייט ער ביז אַן עקסטרעם.

ווייטער קען עס נישט גיין.

נאָר אין באָדלער האָט זיך געמעגט דערלויבן אַזאַ לוקסוס.

נאָר דער אונטערשיד צווישן באָדלערן און זישע לאַנדוי, איז דער: אין דער צייט, ווען באָדלער איז ערנסט־טראַגיש, איז זישע לאַנדוי—שפּילנדיק, לייכט.

פּאַרדאָס איז ער אין זיינע גאָלד־געזאַנגען, ווי דער שוואַלב אין אָסקאַר ווײַלדס „גליקלעכער פּרינץ״, וואָס שפּילט זיך מיטן ראָר־גראָז בײַ די ברעגן פון דער טעמזע—שמעקיק און לאַכט.

און אַזוי שפּילט ער זיך מיט זיינע פערזן.

ווי אַ פיינער באַלעט־טענצער—עלאַסטיש און בויגיק.

ער איז סאַמעטדיק, ווי לאַנגע גראָזן און אויך שמעקנ־דיק אַזוי. אין רחבותדיקייט פון פעכיקן ווייך און פון פעכי־קער וואַרעמקייט.—טוליען זיך זיינע לידער—צו אים ווי צו אַ מאַמעשי פייגל, וואָס זיצן מיט זייערע בײַכער אויף זייערע דערקילטע קינדער—זומערט פון זישע לאַנדויס לידער. ער איז דער פּאָעט פון וואַרעמקייט אין זומער.

III.

1

יצחק־יעקב סעגאַל

קאַפּיטל איינס

ער טאַפּט, ווי אַ בלינדער — אים איז נאָך נישט קלאָר וואָס ער וויל.

ער גייט אויף זיגזאַגן — אַמאָל גלייך, אַמאָל — קרום.

מיר דאַכט זיך, אין זיינע (בעסערע) ווערזליוועל־לידער, איז ער אויפן גלייכן וועג. אין זיינע גערייםטע — אויפן קרומען וועג. ער האָט נאָך נישט זיין פּאָרעם.

פּאָרעמלאָז זיין — הייסט „דיכטן" אין „געפּאָרעמטן פערז".

און נאָך עפּעס: ער יאָגט מיט זיין דיכטונג, ווי אַ שנעלצוג דאַמף, פון לאָקאָמאָטיוו, פאַרפאַרעט דעם וועג און מען זעט נישט די וואַגאָנעס.

אַזוי איז יצחק־יעקב סעגאַל אין זיין שרייבן — ער שיט אָן אַזוי פיל זאַמד (אַ דיכטער איז אַ גאָלדגרעבער) — געפינען זיך ווייניק די בראָנקעס גאָלד. מיר דאַכט זיך שטענדיק, אַז ער שרייבט מיט צען הענט, ווי בעקלינס „קריטיקער" מיט זיינע פעדערס.

און נאָך עפּעס, אין זיינע לעצטע לידער וויל ער זיין פּשטותדיק, פילט מען אָבער דעם אַרויפגעצווינגענעם הויך פון דער לויזער פּשטותקייט. ווי אין קאַלטן ווינטער, ס'שטעלט זיך איין זומער־טעג.

ווי אין הייסן וואַסער. מען דערפילט אַ קאַלטן שטראָם. ווי דער וועווערִיק באַהאַלט די נוס אין פאַרבאָרגענע

ערטער, אַזוי איז יצחק-יעקב סעגאַל—ער באַהאַלט זיין קאָלאָריט, פונעם דיכטערישן פנים, צווישן די פערזן פון זיינע לידער.

און ווער ווייסט, אפשר וועט ער זיך פאַר אונז שפּעטער אַנטפּלעקן, אפשר וועט ער זיין פערזענלעכן כוח פאַר אונז שפּעטער אַרויסווייזן. סימנים, ווי דינע זייד-פעדעם, ווי אומשולדיקע קינדערישע איי־געלעך, קוקן שוין אַרויס פון זיין פאַרפּלאָנטערטן—אין פלוג קלאָרן—דיכטערישער פערזענלעכקייט.

קאַפּיטל צוויי

(וועגן זיין נייעם בוך לידער)

אין זיין קריטישן אַרטיקל איבער מיר זאָגט סעגאַל: „ער האָט זיך געמוזט ערגעץ אויסבאַהאַלטן אין אַ ווינקעלע יעצט קומט ער צוריק”—דאָס קען מען זאָגן אויף סעגאַלן—פאַרשטעקט איז ער געלעגן אין אַ ווינקעלע און זיך געדראַפּעט מיט די שפּיצן־נעגל צו די ליכטיקע—טונקעלע—זיין זינגען איז אַ געמיש פון ליכט און טונקעל-וועלט, ביז ער האָט זיך אויפגעשטעלט אַ ליכטיקן טורעם מיט שווינדל-טרעפּ: אַ לויטערער לייטער פירט אים אין הימל אַריין און אַ האַסטיקער ווינט טרייבט אים צו דער ערד.

סעגאַל ציט זיך מיט זיינע רמ״ח איברים אין הימל און מיט זיינע שס״ה גידים איז ער צוגעבונדן צו דער ערד — זיין פאַרשטאָרבן טעכטערל איז דאָס דער בליץ־אָפּלייטער, וועלכע ציט אים אַראָפּ אין קבר אַריין. זי טוט פרי באַזילבן זיין קאָפּ.

אַ ליכטיקער, לויטערער זין לויטערט פון דעם בוך—ריינע רוחניות איז זיין געוועב—ווי ער וואָלט געלויבט, ווי רב שמעון בן יוחאַי אין אַ הייל—איז ער אָפּגעריסן פון זיין געגנוואַרט אים אינטערעסירט גאָרנישט קיין געגנוס—

קיין אייגנגוץ פאַר זיך זוכט ער נישט—זיין יונגער גוף לעכצט נאָך אַ טראָפּ רפואה און ווי אַ נזיר שטופּט ער אָפּ די האַנט, וואָס דערלאַנגט אים דעם באַלזאַם-לעפל.

מיט אַ קנאַישער איינגעשפּאַרטקייט האָט ער זיך אָפּגעצוימט פון לעבן—ער לעבט אין זיין „פּרדס" ביים שאָטן פון דער האַלבער ערד און ביים ליכט פון האַלבן הימל.

צווישן ליכט און שאָטן וויגט זיך זיין דיכטונג-גלאָבוס.

אונטערערדישע גענג פירן צו זיין קוואַל.

און פון אַ ליכטיקן מילך-וועג טרינקט ער אַ דורשטיקער פון זיין טונקל-ליכטיקן ברונעם.

2

יעקב גלאַטשטיין

ער, מיט זיין גאַנצער „ראַפינירטקייט״, איז מיר האַרטלעך.

איך קען אים נישט „פאַרדייען״—

שוין אייניקע מאָל ווי כ׳נעם לעזן זיין „גלאַטשטיין״ און בלייב אינמיטן, איך דערענדיק קיינמאָל נישט ס׳ביכל. איך קען זיך נישט קיין עצה געבן—אַזוי איז עס.

איך פרעג זיך, וואָס שטעקט אין גלאַטשטיינס נישט באַנעמענדיקייט? און איך ענטפער זיך: גלאַטשטיין איז אַ יאָנדערע מיט אַ שאָל—הגם אַ קולטווירטע שאָל—איך מוז פריער צעקנאַקן די שאָל און דאָס קומט מיר שווערלעך אָן—אַז איך וויל צעקייען (געניסן) פון דער יאָנדערע.

איך וועל זיך נישט שרעקן און איך וועל זאָגן: אין יעקב גלאַטשטיינס לידער איז דאָ אַ שיינער פראָצענט פובליציסטיק—אַלע ליידן זיי, די „אינזיכסטן״, פון דעם סימפטאָם. אַביסעלע פובליציסטיק מיט קאַלטן טוי זענען באַדעקט זייערע קערב פרוכטן—איידער מען קומט צו צו דער פרי, מוז מען פריער אָפשיילן די „קליפה״—און דאָס קומט אָן שווערלעך.

בעסער: זיינע, גלאַטשטיינס, לידער זענען פאַרזיגלטע קריגעלעך וויין—מען מוז פריער דעם זיגל אויפברעכן, אַז מען וויל טרינקען דעם וויין.

לעבעדיקע גאָלדפיש אין טיפן טייך—די פיש צו באַקומען מוז מען פריער וואַרפן אַ נעץ.

אַלץ מכשולים, וואָס שטערן.

ביים לעזן די לידער ווערט דער גומען איבערגעצויגן. מיט אַ הייטל-שווער צו פילן דעם טעם.

ער האָט אָבער זיינע מעלות. ער איז, ווי דער מויל־וורף, שניידיק, שאַרף, געפּאַסט און געפּרעסט.

ער איז אויך ווי אַ פּערלדיק מויל ציין: דראָבנע און געדיכט.

ווי אַ וואָלקן אין זון—לויטער. שוין צו לויטער. אָבער טרערן קומען אין די אויגן אַריין, ווען מען קוקט אויף אים

3

מלד ראַוויטש

מיט זיין גאַנץ „נאַקעטקייט“ איז ער פֿאַר מיר נאָך אַ שיין ביסל אָנגעקליידט. שווערע לבושן טראָגן זיינע לידער, ווי שוואַרצע סאַמעט־מענטעלעך טראָגן זיי, די עץ־החיימס—זיינע לידער. זיינע לידער זענען אָנגעזאַפּט מיט משאקייט. שווער נאָך ווערט דער אָטעם ביים לעזן זיינע לידער, איך וואָלט געזאָגט—האַרטלעכע געזאַנגען. ווי אַ שטיינערדיקן וועג—מען מוז גיין אָנגעטון אין שוצנדע שטיוול, מען קען זיך לייכט די פֿיס צעדראַפּן. שטומפּיק איז זיין עברי, ווי נישט צעאַקערטע בייטן. פֿאַרדרייט איז זיין פּסוקים־בוי. איך רעד נאָר פֿונעם בוך „נאַקעטע לידער“.

4

משה קולבאַק

דער פסעוודאָ־ליריקער.

אין זיין ליריק איז דאָ אַ שמץ לויזקייט.

אַ גומענער גאַרטל—לויזלעך—האַלט אַרום זיינע לידער. ווי האַלטן נישט אויס די שטייפקייט פון דער קלאַסישקייט, אַלע עכטקייטן זענען קלאַסיש—

אַ טראָפּן וואַסער אויפן ריינעם בוימל.
אַ וואָלקנדל אויפן קלאָרן הימל.
זיינע לידער זענען נישט קיין פולע זאַנגען.
אַ האַלב־געריטעניש הויכט פון זייער שפּע—
נישט קיין פולע זאַטע טעג עסט מען אין זיין וואָך—
אַ הונגעריקע פרנסה.

נאָר אין זיין „רייסן" איז ער דערגאַנגען צו אַ מאָס. די זאַנגען זענען פולער.

אַ געזונטער האַרבסט אָטעמט אין זיי—איך מיין נישט די רעגנדיקע חשוון-טעג פון מיין פוילן־לאַנד — איך מיין דעם אַמעריקאַנער האַרבסט—אין זיי יום־טובט ער, ער, דער ותּט ר־גייענדיקער טאָג, בעסער, דער ווונדערלעכער פאַרנאַכט, בין־השמשותט אין זיין „רייסן". עס איז די פּאָעמע פון פעלד.

פון „אונטערגייענדיקער" ישובקייט—אין עצם תוך גייען אונזערע אַלע אַלטע ווערטקייטן אונטער און אפשר איז דאָ אַ נייע תחיה אין זיי.

5

משה בראָדערזאָן

איך קען אים, ווי מיינע פינגער.

ער איז הויך, שלאַנק—אַזוי אויך אין זיינע גײזאַנגען—איז ער „הויך", שלאַנק.

ער איז מאַיעסטעטיש.

ער פאַרמאָגט אָבער נישט די געפּרעסטקייט, וואָס מען ברויכט האָבן צו אַ ליד—ער איז שלאַבעריק, צעוירן.

אין טייל געזאַנגען זיינע איז ער ווייבעריש-ריידנדיק, מענה-לשונדיק—זיין גרעסטער פעלער.

ער האָט נישט דעם לאַקאָנישן פסוק אין זיינע געזאַנגען—ביי אים פליצט דער פסוק מיט אַ האַסטיקע פאַרמערעניש.

ער לייגט ציגל אויף ציגל—

ער בויט אָן סימעטריע—איך מיין סימעטריע פון אינערלעכן וואָרט. פון טיפן געפיל. די וואָג ציט נישט ביי אים פונקט.

נישטאָ אין טייל געזאַנגען זיינע די צוזאַמענבינדעניש פון „לאָגיק"—ער איז „הינקנדיק", „לאָם".

געזונטע אברים ווערן ביי אים—זיי קומען אַרויס פון אונטער זיין פען—קראַנקע.

דער חוש־השמיעה אַרבעט ביי אים מיט איבערפליסיקייט—נישט פון אַ זילבערנעם גלאָק קומט זיין שטים, נאָר פון פאַרפלאָנטערטע גלאָז־רערלעך הערט זיך זיין קול.

ער איז נאָכגיביק. ווי לאַם זענען זיינע ווערטער-אַסאָציאַציעס—קלעפּיק און צעצויגן.

ווי אַ ווילדערדיקע הוזשדאַווקע, צעהוידלט ער זיך אין זיין געזאַנג.

זענען זיינע געזאַנגען טאַקע געפּערלעכע שפּרינגען-קרייזן
און צוימונגען.
ווי אַ זייגער מיט אַ האַסטיקערן אומרו—ער ווייזט די
שעה פריער ווי אין דער צייט.
ער איז אַ לאַנדקאַרט מיט געטאָפּלטע געאָגראַפישע פאַר־
צייכנונגען—מען קען נישט כאַפּן די ליניען, די וועגן.
דער־כּוח הדיבור איז ביי אים אויסגעשריגן ביזן לעצטן
טאָן.
מטושטש איז זיין איגוועוזיע.

6

ישעיה שפּיגל

דער געמיטס-פּאָעט.

דאָס געמיט איז ביי אים, ביים פּאָעט, פאַרשאַרפט ביז דינקייט און גרינג, ווי אַ ווינט, איז זיין געהער, און ער, דער פּאָעט, כאַפּט אויף מיט אים מיט זיין געהער, די שטים פון עלנט.

פון אייגענעם עלנט.

ער, דער פּאָעט, איז מיינס אַ ברודער; עלנט ציט צו עלנט און איך בין עלנט שוין זיבן יאָר—ווי ער, דער פּאָעט, בלאָנזשע איך אָן פריינט, אָן ווייב.

מיט אַ דינעם שריפט שרייבט דער פּאָעט פונעם ביכל „מיטן פּנים צו דער זון".

זיידענע שפּינוועב־געוועבן—דין און פיין—שפּרייטן זיך אויף די בלעטער פונעם דיכטער־בוך—צום ערשטן איז דאָס בוך דעם דיכטערס.

שוואַרצע רויזן—נישט געקוקט, וואָס אין ביכל רעדט זיך אין אַפּאָר שטעלן וועגן „בלאָ"—זענען די לידער נאַכט־שוואַרצע רויזן—

אָבער, מיין גאָט, פון וואָס פאַר אַ דינעם סאַמעט זענען די בלעטלעך—און די רויזן. און וואָס פאַר אַ פיינעם דופט ציט פון זיי, פון די רויזן. און זייער ערד, וווּ זיי וואַקסן, איז אויסגעטראַכט: פאַנטאַזיע, פאַנטאַזיע, אָבער פון אייגן לייב: דאָס געמיט—אייגענער געמיט—איז אָפּגעשטעמפּלט אויף די בלעטער פונעם בוך און דאָס געמיט איז טיף, באַרעליעפיק, ווי עגיפּטישע באַרעליעפן.

און איך פאַרגעס אייניקע פאָר ליטעראַרישע שטעלן אינעם ביכל—כ'בין אים מוחל דעם חטא, ווייל ס'ביכל געפעלט מיר.

7

י. ה. ראַדאָשיצקי

ר׳ גאָדל, הייסט זיין פּאָעמע, און עס לוינט באמת אַרויס־צוזאָגן אַ וואָרט וועגן איר.

עס איז אַ רונדיק אויסגעטאָקט ווערקל—הן אין אינהאַלט והן אין פאָרעם.

נאָר אין איין פּרט פאַרלירט זי, די פּאָעמע, וואָס שטערט אַביסל די האַרמאָניע—דעם איניווערז פאַרדרייען—אין דעם זאַכעלע.

כ׳רוף עס זאַכעלע: מיין איך דאָס גאַנצקייט אין דער פּאָעמע—דאָס איז אַ מיניאַטור-געשיכטע פון אַ יידיש דאָרפס-פּאָרפאָלק—גאַנץ און פולקום.

שיין איז דער באַטשאַן געמאָלן: ביז מייסטערשאַפט האָט אים ראַדאָשיצקי געצייכנט.

איך מוז מיטזאָגן אַ שורה מיט ראַדאָשיצקין:

ציט דער בושל זיין ווייסן האַלז אויס. זיינע אויגן, פייערן, ווי אָפּאַלן, דער קאַרעש פאַלט—ס׳בלוט טריפט.

דאָס מאָלט ראַדאָשיצקי ווי רב גאָדל וואַרפט אין שנאָבל אריין פונעם באַטשאַן אַ לעבעדיק פישעלע—און די שורות זענען אַזוי פייערדיק אָנגעשריבן ווי די אָפּאַלן—די אויגן פונעם באַטשאַן.

אויך איז רב גאָדל פאַרוואַנדט מיט דער נאַטור — מיט קאַרטאָפל, קאַרש, בארן.

ער איז דער פאָלקסטימלעכער פויער פונעם פעלד—מיר האָבן אַ נייעם פויער—אַ יידישן פויער מיט יידישע מידות,

דאָס באַווייזט זיין, רב גאָדלס, אומגיין אַרום קראַנקען באָטשאַן —אַ יידישער פויער.

איך בלייב צופרידן פון דעם פויער, רב גאָדל—דעם פשוטן פאָלקס־מענטש. דעם פאָלקס־האָרעפּאַשניק, וואָס לעבט מיטן דאָרף—עטעמט דאָס דאָרף.

נאָך מער בלייב איך צופרידן פון רבקהן די בעל־צדקה־טע, וואָס ווייזט איר גוט האַרץ לגבי דעם בעטלער-דזשאַד און טאַנצט מיטן קליינוואַרג (אין חלום) אין פאַרחלומטע פאַרנאַכטן.

יעצט איז דאָ אין דער פּאָעמע אַ שלל פון פויליש־פאַר־יידישטע ווערטער, ווי שקאָפּעקל, מאָטעקל, דאָס ווייזט די ליבשאַפט פון יידיש־פויליען אינעם יידישן דיכטער י. ה. ראַדאָשיצקי.

8

יעקב מעסטל

אַן אייגענער אָדער אייגן בלוט שלאָגט אין זיינע אַק־
טיאָרן־לידער. זיי, די לידער, זענען אָנגעפּוישט מיט אייגן
בלוט, ווי שוואָמען מיט רעגן.

ער איז דער אַקראָבאַטן־טענצער פונעם ליד.

ווי אַ וווּנדער־שפּין מיט אָנציילִיקע פיסלעך--צעוועבט ער
זיך אינעם ליד.

זיינע לידער זענען זיגזאַגן פון פלאָנטערס רויע, נישט
געשפּינענע פעדעם־וואָל.

פאַרשידנמעסיק איז זיין ליד.

זיינע לידער—איך מיין נישט די געגראַמטע לידער —
גראָד אין זיי עטעמט אַ קאַלטקייט—איך מיין זיינע פאַרפלאָנ־
טערנדיקע לידער, וואָס זענען פריי פון גראַם, מאַכן דעם איינ־
דרוק פון אַ מיניאַטורן וואַסער־פאַל. אָבער נישט קאַלט ווי דע־
וואַסער־פאַל, נאָר דער זון־אָנגעוואַרמטע פערזן.

IV.

1

שלום אַש

דער רחבותדיקער מענטש!
מיט רחבותקייט שפּרייטן זיך אויס די ווענט אין זיין חדר און מיט ווילנער גאונס זענען זיי, זיינע ווענט, באַהאָנגען.
אַ שטוב, מיט לויטער גאונישע בילדער, געפּאַסט אין פּערלדיקע ראַמען.
פּערלדיק איז זיין „שטעטל" און אַ הויפּן פּערל, אין קאָ־כעדיקן פּאָנטש אַריינגעוואָרפן—זיין „שלמה-נגיד",
בעסער, אַ קנויל פּאַרוואַרדט פּערל, ווי רב שלמה־נגידס „געזונט־וואָרצלדיקע באָרד", איז זיין „שלמה-נגיד" און ווי אַ פּערל־הייבל, אויף אַ רביצינס קאָפּ איינגעפּאַסט—זיין „שטעטל",
די צוויי פּערל אין זיין כתר.
זיין „שטעטל" טו איך פּאַרגלייכן צו אַן איינבינד פון אַן אַלטן תנ"ך, און זיין „שלמה-נגיד"—צו אַן איינבינד פון אַ ש"ס.
זיין „שטעטל" קען מען אויך פּאַרגלייכן צו הלכה, זיין „שלמה־נגיד"—צו דער אגדה.

אין זיין „חורבן-ירושלים" וויינט די שכינה מיט מיט אונזערע אבות אויפן חורבן פון אונזער קיום.
אין אבילות איז די שכינה אינאיינעם מיט אונזערע אבות געהילט.
צוויי טרערן לאָזט די שכינה אַראָפּפאַלן פון היכל אויף דער ערד, ווען עס כאַפּט אַרום אַ פלאַם דער ערד, ווי די שכינה וואָלט זי געוואָלט פאַרלענדן. אָבער אַ בת-קול שוועבט אונטער די הימלען און שרייט צו דער ערד: מיינע קינדער שיק איך וואָגלען אויף דיינע פעלדער און געלייטערטע וועל איך זיי צוריק איינזאַמלען אויף די ברעגן פון מיין לאַנד.

2

דוד בערגעלסאָן

דער וואונדערלעכער מעלאַנכאָליקער.
דער גרונט־טאָן ביי אים איז מעלאַנכאָליע.
ער וויגט זיך אויף דער שווינדל־בריק פון איידעלן טרויער.

אַ טרויער, ווי פון איינהאָרנס „טרויער אויף מיידלשע באַקן".

זיין מירל פאַסט אָנצוטון אַ נאָנע־הויב און אָפצוצוימען זיך אין אַ מאָנאַסטיר.

אַזוי מיידליש איז זי אין איר גאַנצן מהות.
דאָרט וואָלט זי געפינען איר באַשערטס—איר אין בלוט־טרוימענדיקן חלום.

דאָרט וואָלט זי געפינען אַ זיווג פאַר איר פיינלעך־פאַרחלשטן גוף.

דאָרט וואָלט זי אין שטיל אויסגעגאַנגען.
נאָר דער פוסטער וועלט איז איר טרויער אַ פרעמדער.
און אַזוי פייניקט זיך בערגעלסאָן מיט מיט זיינע העלדן.
ער שפינט דעם גאָלדענעם פאָדעם פון איידעלן יחוס.
און פון געלייטערטן שטילן אומעט.
טרויער און אומעט פילן אויס די חללן פון זיינע בילער.

מירל גייט אויס פון אומעט.
ווי גאָלדענע מילבן—סעגאָלס אַ וואָרט—גראָבן זיי, בערגעלסאָנס קינדער, טרויער און אומעט. אויף יעדן בלעטל פון זיין גרויס בוך.

און ווי אַ וווּנדערלעכער זעגל־מאַסט, פֿלאַטערט זיין פּאָן
אויף די פֿלאַכן פֿון יידישן בוך.
און ווער קאָן אויסטיילן די ניואַנסן פֿון זיין אַטלאַס־שאַרף: ווייל דאָ איז זי ענלעך, ווי אַ שניי־ווייסע ליליע, און באַלד — צו אַ סאַמעט־בלאַסע רויז. און ווער ווייסט, אפשר קען זיך זיין ביכער־פּנים פֿאַרגלייכן צו אַ בונטן שטרויך. אָבער ניין, די גרונט־פֿאַרב פֿון בוך איז — סאַמעט בלאַס.
און ווי ריפּס, אַ געמיש פֿון גלאַטלעך און האַרטלעך איז זיין סטיל.

3

א. מ. ווייסענבערג

דער פרימיטיווער.
דער מענטש מיטן קרעפטיקן טאַלאַנט.
דער ספינקס מיטן לייבן-קאָפּ.

און טאַקע ווי אַ לייב איז ער געקומען צו אונז אין דער ליטעראַטור אַריין—שטאָלץ און טראָציק.

שוין זיין ערשטער טריט איז געווען גביריש — אַ ריז איז ער.

און אַזוי פלעכט ער דעם זיידענעם גאַרטל פון דער לעגענדע, ער, דער מענטש, מיטן קרעפטיקן טאַלאַנט.

ווי אַ קאַלאַדעיסקאָפּ מינעט פון זיינע בילדער.

זיי יערן איבער די ראַנדן, און וועלכע זיי זענען איינגעפּאַסט.

פעטע איילבילדער אין גאָלדענע ראַמען. טיף-צעבליטע איילבירטן אויף דינלעכע שטעקנס; זייערע קעפּ שווערן אַראָפּ פון די גופן.

און אַזוי איז מיט איטשע-מאיר ווייסענבערגס נאָוועלן, דער תוכן איז אָנגעזאַמלט אויף איין פּונקט. ווי פון מזרחישע טעפּיכער — דער צענטער, דאָס האַרץ אין זיי.

ווי אין ניגערס אַ פּסוק איבער פּרצן. ווי אין אַ ברען-גלאָז—די שטראַלן פון דער זון.

ער, איטשע-מאיר ווייסענבערג, איז אין זיין מאָלן—זיין שרייבן און מאָלן מיט אותיות—ווי דאָס האַרץ: אַלע אָדערן זאַמלען זיך דערין איין.

ווי אַ וועבער וועבט זיין טוך—פלעכט ער דעם זיידענעם

גאַרטל פון דער לעגענדע. קריינדעלע וועט בלייבן אַ קדושה וטהורה אויף די חורבות פונעם יידישן עבר.

אַ זיידענער פאָדעם אין מענדעלעס „גרויסן געוועב, וואָס הייסט יידנטום".

אין דער צוקונפט וועט מען לעזן אַ געשיכטע אין מי-ניאַטור פון זיי. פון די קריינדעלעס,

אין זיין „טאַטע מיט די בנים"—דער דימענט אין זיין קרוין -אַ מייסטער-אַראַבעסק אויסגעהאַקט אין פרימיטיוון גראַניט.

זיינע קריינדעלעך, זיינע שלמהס זענען קאַפּיטלען פון דער מענטשלעכער מעשה, באַשאַפן דורך אַ מייסטער, וואָס האָט ליניען און פאַרב.

.V

1

דוד איגנאַטאָוו

ערגעץ בײַ דוד איגנאַטאָוון איז דאָ אַ פּלאַסטישע דער־ציילונג: אַ סקולפּטור־פערד שטייט אָנגעשטרענגט מיט זײַנע נערוון אָראָפּצעררײַסן זיך פון זײַן פּיעדעסטאַל — נאָר געשטײַפט שלאַנקט ער זיך אין דער אומבאַוווסטקייט אַרײַן.

אַזוי, אין אַלע פּאָעמען־דערציילונגען, שטרעבן זיך אַלע, לײַדנדיקע, אין אומבאַוווסטן ציל.

ברוך, ווי פּיבי, דער גביר, ווי דער בן־מלך — אַלע האָבן אַ גרויסן אומבאַוווסטן ציל.

אַלע שפּינען דעם אייביקייטס־פאָדעם.

אַלע וואַרפן אָן בערג, טורעמס — ביז הימל און צע־שטערן זיי.

אַלע קוקן אין דער אומענדלעכקייט, וויגנדיק זיך אויף משקולת־שיפל, צום אומגיין, און איבערווינדונג, צום אויפגיין.

דוד איגנאַטאָוו בויט שווינדל־בריקן איבער שטורעמדיקע ימען און אויף גאָלדענע שטריק הענגט ער אָן זײַנע בריקן.

אין אַנדערע צײַטן זאַמלט ער אָן שטילע ימען און לאָזט אויף זיי זײַנע וווּנדערלעכע שיפן.

שטיקער מזרח־ און מערב־ראַנדן פליקט ער אָפּ און הענגט זיי אויס פאַר זעגלען אויף די שיפן.

אין זמנען פון מנוחהקייט שטילט ער אײַן זײַנע ימען און שפּרייט אויף זיי אויס — שלווהקייט.

פאַלט אים גאָר אײַן — שפּרייט ער אויס טיפע הימלען אויף דער צעאַקערטער ערד זײַנער.

ער באַשאַפט זײַן וועלט — אַ וועלט פון אַנטפּלעקעניש, אַ וועלט פון סודותקייט און רמזימקייט.

ער זאַמלט איין ליכטיקע געשטאַלטן (פיבי, בן־מלך, ברוך, דער גביר) צו באַפעסטיקן דאָס שיינקייט פון לעבן.

ער זאַמלט איין פעסער אַלטן ווייַן פאַרן גרויסן מענטש, וואָס וועט די וועלט איינגעמען מיט יונגע מדרגההדיקע מדות.

בכלל איז דוד איגנאַטאָוו אַ זאַמלער. ער זאַמלט דעם געלייטערטן אינדיווידי. ער האָט זיין מוזיי. און ער קלייבט דאָס פאַר אים פערל־שטיקער, איידלשטיינער, קרוינען־קאַפּלעך.

און אויפן פאַן פון זיין מוזיי איז אויפגעשריבן מיט אייביקע אותיות: ע ת י ד.

דאָס האַרץ, וווּ עס זאַמלען זיך זיינע בליטן, איז — צוקונפט.

נאָר אין דער צוקונפט וועלן לעבן אַזעלכע מענטשן, ווי ברוך (פון „קעסל־גרוב”), דער בן־מלך (פון „פאַרבאָרגענעם ליכט”) און בערל פראָגער (פון „פראָגער מעשיות).

ער האָט אויך ליכטיקע פעדעם, וואָס פאַרבינדן אים מיט דער געגנוואַרט (זיין אייביק־יונגע פיבי איז אַ לעבעדיק גליק פון דער געגנוואַרט).

רעזום—די צוויי פּאָליסן אויף וועלכע עס ליגט איגנאַ־טאָווס ערד זענען די צוקונפט און די געגנוואַרט.

2

א. ראַבּאָי

ראַבּאָי—דער פּרערי־זינגער.
ביי אים זינגען אויס אַלע גלידער אַ הימן דער פּרערי.
פעלד, לאָנקע און וואַלד—דאָס זענען די פאַרבּן מיט וועל־
כע ער צייכנט זיין „קאַרט״.
זיין הימל איז כּוח. זיין ערד—קרעפטיקייט. פאָדערגרונט
און הינטערגרונט זענען פון איין קראַפט—שטאַרקייט.
אַ ליד די מוסקולן.
אַזוי פערד און מענטש ביי אים: ביידע זענען אין אַ
העכערע בחינה פון שאַפן.
פונעם עבר אָן—אין זיין שאַפן—ביזן עלטער—ווערק, ווי
מענטשן, האָבן אַ יוגנט און אַן עלטער—שטייגן זיי אין שאַפנ־
דיקן וואַקסן.
זיי וואַקסן זיך איבער.
ווי מולטאַטולי זאָגט: אַ קינסטלער מאַכט זיבנמייליקע
שפּרייזן—און ראַבּאָי באַווייזט די קונץ: זיין גאַנג איז אַ זיבנ־
מיילנדיקער.
עס געשעט ביי אים וואונדער: פון עקרהדיקע פעלדער—
ווערן ביי אים שפעדיקע וויינגערטנער.
ראַבּאָי קען אויף זיך זינגען דעם תהילים־פּסוק: „הזורעים
בדמעה, ברינה יקצורו״.
מיט טרערן זייעט ער און מיט געזאַנג שניידט ער.
נישט אַזוי לייכט שאַפט זיך: זיינע מענטשן אַקערן מיט
זייערע לייבער. פאַרדאָס שיטן אויף בערגער גאָלד זיינע
אַקערס—און עס טראָגט זיך אַ גאָלדענער שטויב אויף זייערע
וועגן.
דאָזיין איז דער אויסדרוק פון זיינע עפּאָפּייען.

3

י. אָפּאַטאָשו

אַ פּעטקייט, ביז פון ביימער־סמאָלע—און טאַקע צווישן סמאָלע־ביימער קומט פאָר די האַנדלונג—טריפט אין זיין ערשטן טייל „פוילישע וועלדער", אַזוי געדיכט אין אימאַזש איז ער. אַן אמתע שפע.

נאָר אין רש"י־כתב וואָלט געברויכט אַזאַ ראָמאַן גע־שריבן ווערן—אַזוי פיל, אין כמות, איז זיין תוכן.

ס'איז אייגנטלעך אַ גרויסע נאָוועלע, דער ערשטע טייל—און זי האָט קיין גלייכן נישט צו זיך אין דער יידישער ליטע־ראַטור—די אַנדערע טיילן גייען מיך נישט אָן.

און וואָס הערט זיך מיט רב מנשה דעם וווּנדערלעכן, אַסקעט, הער איך אַ שטים רופן—לאָזט אַדורך די אַנדערע טיילן און וואָס וועסטו מאַכן מיט רב מענדלען, די צוויי שיינע יידן און דער וווּנדערלעכער גאַלעריע פון יידן און דער יידישער ליטעראַטור בכלל.

(נאָך רב שלמהן, אין פּרצעס „גאָלדענע קייט", שטייען אויבנאָן ביים חסידישן עמוד). זייער עובדא איז אַן ערלעכע—אַ רוחניותדיקע, זיך אויסטון פאַר גאָט. זייער אויסגיין פאַר גאָט, איז ווי ריינער טוי אויף גרינע גרעזער—אַ מין נסתלק ווערן פאַר בריך־שמיה, אַן עקזאָטישער ריטואַל איז זייער עליה—זייער אויפגיין אויפן חסידישן הימל איז ווי ריינער עטער—דורכזיכטיק און לויטער אַזוי זענען זיי אין זייער לעבן—ריין דאָס זענען גרויסע יידן, יידן מיט בשמימדיקן ברען גדולי־ישראל, גדולי־הדור.

אויך האָט ער אייניקע נאָוועלן. קענען זיי זיך פאַר־גלייכן צו עקזאָטישע בלומען, (נחום יודס אַ וואָרט, אין זיין

רעצענזיע איבער מיין „אינדערלייטערונג”) אַזוי סאַמעטיק־
גליאיק זענען זיי. אָבער אויך אין זיי איז דאָ אומעט—איך
באַהאַנדל די פּאָר נאָוועלן ווי איין נאָוועלע. ווייל שוין לאַנג
ווי איך האָב זיי געלעזן. און זיי סדרן זיך אויס אין מיין
קאָפּ, ווי אַ בונטער טעפּיך — אין זיי איז דאָ געלויטערטער
אומעט, זילבערנער טרוימער און אַ בלימיקע פלאַמקייט.

4

ל. שאַפּיראָ

דער סכּנותדיקער.

ביי אים הויערט סכּנה אין יעדער שורה.

דער סכּנת־נפשותדיקער—

אויפן ראַנד פון געפאַר שטייט ביי אים יעדעס נפש אַריינצופאַלן אין שאול־תחתּיה, אין תהום פון מאַרך־אויפטרייסלונגען.

שגעון—איז זיין גרענעץ.

משוגעת—זיין ציל. דער ציל, וואָס מוז קומען (ביי אים).

אַזוי דער העלד אין „צלם״, וואָס איז מאַנס זיין ליבסטע אויס נקמה פון זיין טיפער גשמה, וואָס גרענעצט זיך ביז משוגעת. אַזוי אין זיין „שפוך חמתך״, דער אַלטער ייד טוט אַ ביס דעם שייגעץ אין פוס. אַזוי אויך אין „ווייסע חלה״.

דאָס זענען טיפע נשמה־קראַמפן, וואָס קומען דורך שרעק ביז משוגעת.

אומעטום נשמה־געראַנגל.

די פאַרצווייפלונג קומט צום טאַט. די אָנגעגליטע דרעטלעך פון מענטשלעכן מאַרך צעשמעלצן זיך און עס ווערן געבוירן אַבנאָרמאַלקייטן.

נישט זיין שולד.

דאָס איידעלע בלוט, ביי אים—אַלס אייניקל פון די יהודה המכּבּים, פון די גוש חלבס, פון די בר־כּוכבאס — האָט אויפגעקאָכט אַלס פּראָטעסט פאַר די עוולות, וואָס מען האָט געטון צו זיינע ברידער און שוועסטער—און דער פּראָטעסט איז אַ שטאָלצער, וואָס קויפט אויס די בכורה פון זיין פאָלק און וואָס היילט די אָפענע ווונדן.

.VI

1

א. מ. פֿוקס

דער פֿאַרצווייגטער דעמב.
איך זע אים אין אַ פֿול־וואָרצלדיקן קנייל — וואַקסט ער
אויס — אַ פֿאַרצווייגטער דעמב.
ער קאָלערט זיך, זיך פֿאַרפֿלאָנטערנדיק, קונסט־געוועביש.
צו אַן אייגנאַרטיקן אויסדרוק.
ער איז „גאַנץ" ביז צעלאָמעטקייט.
ער איז „פֿולקאָם" ביז צעבראָכנקייט,
ער, און זיין שרייבן, וואַקסט אויס צו אַן „אָרימע מלוכה".
פֿוקס האָט זיין גאַלעריע: אַ גאַלעריע פֿון פּילאַרטיקע־
פּאַנאָראַמישע פּייזאַזשן.
דיק, פֿאַרב אויף פֿאַרב, איז אַנעלייגט זיין פּאַלעטרע.
און גראָב, אין קוואַליטעט, שטרייכט ער.
און פֿעטע פּלעקן, ווי געדיכטע, קורץ־געשוירענע קעפּ־
האָר, בולטן פֿון זיין לייוונט.
וואָס דען איז א. מ. פֿוקס — אויב נישט דער מאָלעריסטי־
שער דיכטער אין אונזער ליטעראַטור? ער מאָלט מיט זיינע
נערוון. בעסער, זיין פּענזל איז פֿון נערוון געבונדן — פֿון זיינע
נערוון — און ער גיט דאָס אונז שטיקער יידישע ברוכוואַרג פֿון
געניזוקטן, צעחרובטן לעבן.
ער איז דער ממונה פֿון יידישער נויט. ער שטייט מיטן
שליסל ביי דער נויט־קאַסע און טיילט אויס כּיבודים דער יידי־
שער אָרעמקייט ער טיילט אויס אָרים־צוגעריכטע פּאַטראַוועס —
אויף גאַנצע געפּעס, זיין פֿאָרם איז פֿון זיך אַן
אַרויסגעוואַקסענע און מיט זיך אַ פֿיזיש־צוזאַמענגעבונדענע.
פֿוקס איז דער דיכטער פֿון רייכן דלות — פֿון דער וואָרער נויט.

2

י. י. זינגער

דער קלאַסישער דיכטער ביי אונז.

מיט אַ זילבערנע פען שרייבט ער און זילבעריק קומען
אַרויס די פסוקים ביי אים.

פון קלאָרע שטאַפלען איז זיין לייטער און ער קלער־
טערט אויף איר אַ לויטערער.

ער טיקט זיך אין די זילבערנע ברעגן פון דורכזיכטיקע
וואָלקנס.

און ווי לויטערע טראָפנס רעגן פאַלן זיינע ווערטע־
אויף די בוינגס פאַפיר.

ווי פערל-בויגנס אויף באָבעשע שטערנס חנען זיינע
שורות

אין שאָרשנדיקער לייוונט פאַרוואַנדלט זיך דאָס פאַפיר,
אויף וועלכן ער שרייבט. אין תוך אייביק, יונג־אַלטע עברי.

זיין „פערל”, זיין „אַלט שטאָט” זענען אַלטע קונסט-
וואַזן איבערדערציילט אויף אונזער לשון אין אַ יונגע שפּראַך.

ווי אַ וויאָלאָנטשעל־טאָן ריין—איז זיין שפּראַך-שניר. און
אַזוי ציט זי זיך אָן פּגימה אין די קאַמערן פון זיין שלאָס —

אַ שלאָס דאַכט זיך אָנגעהויבן בויען אין דער קלאַסי־
שער צייט, און פאַרענדיקנדיק אין אונזערע טעג: אַזוי ציען
די גלייכע, געאָמעטרישע שטובן פון די נישט שווינדלענדיקע
„לאַבירינטן” אין זיין שלאָס

בעסער, די מילך-גאַס ציט ער אַראָפּ און שפּרייט איר
אויס פאַר אַ דיל, אין זיין שלאָס.

ער איז אָריגינעל. ווייל ביים עכטן קינסטלער איז זיין
צייט אַ רענעסאַנס, און זיין סטיל איז אַ רענעסאַנס־קלאַסי-
שער, זיין שפּראַך—אַ לעבעדיקער קוואַל אויף אַ גרונט פון
ווייסע שטיינדלעך.

3

ברוך גלאַזמאַן

דער פּובליציסטישער קינסטלער.

אין זיינע בעסערע אַרבעטן איז דאָ פּובליציסטיק. לירישע פּובליציסטיק.

ווי אין זונען־פעלד ס'רייסט זיך אַריין אַ שאָטן אָדער, פאַרקערט, אין פינצטערן טונעל ס'שטראָמט אַריין אַ ליכט־פאַס—ווייל דער פּובליציסטישער שאָטן אין זיינע דערציילונגען איז אַזוי געדיכט, און מען קען זיי נישט פאַרגלייכן צו אַ זונען־פעלד.

פון פּובליציסטיק איז ער געקומען צו בעלעטריסטיק: זיין „פונאַנדערפאַל" איז פריער אָנגעשריבן געוואָרן, ווי „ווען די בין קומט"—איז די „בין" טאַקע אַ ריין פלאַסטישע דערציילונג און זי איז גאָרנישט אַזוי שלעכט—דאַכט זיך—ווי פון גראַניט, איז זי אויסגעהאַקט. און זי לייגט זיך טאַקע באַטעמטער, ווי „אויף אַ האָר".

כ'וויל נישט זאָגן, אַז אין „אויף אַ האָר" איז די טעמע נישט אינטערעסאַנט. דער קאָנפליקט — אין נשמה — צווישן די צוויי ברידער פאַראינטערעסירט און מיר גלויבן אים. פאַרדאָס, אין זיין „סטייטן איילאַנד" האָט ער זיך אינגאַנצן באַפרייט פון דער פּובליציסטיק—און דאָ קומען מיר צו אַ צווייטן פאַל, וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר גלאַזמאַנען—איז אָבער דאָס לירישע אין אים, אינעם ראָמאַן, געבערענגט צו זיסקייט, ווי צו קאַנדל־צוקער—איינס פון די צוויי: אָדער פּובליציסטיש האַרט—אָדער ליריש־ווייך.

.VII

1

משה נאַדיר

ער איז בן־מלכּדיק, שפּילעוודיק און גראַציעז.
ער איז קוואַלנדיק־שפּיציק און שדיק סאַטיריש.
ער איז ווי אַן אתרוגים־בוים, באַשיט מיט גאָלדענע בלעטער.

ער איז פינקטלעך ווי די ערד אין איר גאַנג. און אי־בערפינקטלעך. ווי דער ים—אין זיין אויסגוס. טיף־געשמינקט זענען זיינע באַקן מיט עכט משה נאַדירישן פודער. געקאַרבט זיין פּאַרוק מיט עכטע משה־נאַדירישע לאָקן.

זיין מהות איז אַ משה נאַדירישער. ווי אַ מילגראָם איז ער פול מיט שאַרפזין—ער איז באַלאָדן מיט עלאַסטישער עלעגאַנץ.

ער איז באַשענקט מיט אַ חוש פאַר ווילקלאַנג און ריטמיק. ער איז געטעאָקט שפּיציק און רונדיק.

ער איז חכמימדיק און תמימימדיק, ער איז אָפן פאַר־שטעלט.

ער האָט אַ רעכטע—אַ פּשוטע זייט. און אַ לינקע — אַ שפּיצלדיקע זייט.

ער איז מעפיסטאָ—אין אַ מיצל מיט גלעקלעך. און—אַ מענדעלע מוכר־ספרים אין אַ חריף־קאַפּל.

ער איז אַ שוימענדיקער צופלוס און אַ וואָלקנדיקער אָפּפלוס.

ער איז מיין אויסטרוימונג פאַר „קאָראַ".

.VIII

1

טאָפּל

א

וווי אַ קילער קוואַל אויף גלאַטע שטיינדלעך איז טאָפּלס
עברי—קלאָר און גלאַטיק.
זיין סטיל קילט דאָס בלוט, ווי אַ ווינטל אין אַ היץ,
האַלסט צו די אויגן—זעסטו בילדער. ביים אויפמאַכן די
אויגן—צערינען זיי, אַזוי איז מיט טאָפּלס בילדער. אין דער
פאַנטאַזיע זענען זיי דאָ, ביים אַוועקגיין פון דער פאַנטאַזיע
גייען אַוועק די בילדער.
דער לייכטער הויך פון דער אָוונטקייט שטערט זיי.
זיי זענען, טאָפּלס בילדער, אָוונטלעכע שאָטנס—ווייסע
פאַרב־סילועטן.
ביים לעזן זיי ווייעט אַ לייכטע פאַרע: זיי פאַרפירן
אונז אין קילע אָאַזיסן—אויף לינדע אינזלען.
אַ נס געשעט ביים לעזן טאָפּלס קאַפּיטלען פון דינע געד
וועבן,—ווי קלאָרער דורכזיכטיקער שפינוועבס סאַמעטן זיי —
דיר ווערט קלאָר און לייכט, און לאָזן זיך אַוועק אויף די
קרישטאָלענע וועגן—אין דער טיף פון געפיל, ווי מען ווערט
קיינמאָל נישט פאַרבלאָנזשעט.
מען געפינט אייביק די געשליפענע ליניע אין טאָפּלען.

ב

אַן אויסשטעלונג פון דריי קינסטלער:
טאַפל, העריטאָן און גאָלדבערג.
צום ערשט—טאַפל.
ער האָט מיך גענייט האַסטיקער עטעמען.
ער האָט אויף מיר געמאַכט דעם שטאַרקסטן איינדרוק.
ער האָט מיך איינגעקלאַמערט אין רייפן, אין זיינע צייכענונגען.
ער האָט מיך מיטגעשלעפּט מיט זיינע צווילינגען־גריפן, אַזש אין שאול־תחתּיה אַריין.
אַזוי שטאַרק איז זיין געשליפענע ליניע.
ווי געשטרייפטע טויבן־פליגלען וואָלטן פאַר מיר געפּאַטשט, האָבן זיינע בליי־קויל פיגורן (אַ קאַלט וואָרט) (אין קרייזן, אין עיגולן, אין ראַנדן) געמיגניעט און געשטייפטע, און אין געבויגענע פויזן האָבן זיי מיך איבערגעדרייט און מיך געיאָגט טאַנצן אַ ריי עקזאָטישע, תאווהדיקע טענץ.
האַשיש־גרעזער וואַקסן אויף דער ערד, ווו זיינע פיגורן טרעטן.
אָפּיום־זאַפט טריפט פון די לייבער פון זיינע נאַקעטקייטן.
הייליקע וואַקכאַנאַליעס גייען אָפּ צווישן זיינע גרופן:
נאַקעט־שמחות און נאַקעט־פריידן שטראַלט אַרויס פון זייערע אברים. טאַנץ און שכּרות ציטערט פון זייערע גלידער.
גרויסער טריאומף און גרויסער גליק באַהעפט זיי צוזאַמען.
שייך גליק—ס׳איז אַן אַרויפגעאַרבעטער גליק—דורך מי און שווייס—פונעם צייכענער־פּאָקוסניק און דיכטער־קונצנמאַכער

טאָפּל—וואָס זענען זיינע צייכענונגען אויב נישט וווּנדערלעכע קונצן.

דער צייכענער-פּאָקוסניק שפּילט זיך מיט געפלעכט-אַקראָבאַטן און דער דיכטער-קונצנמאַכער האָט זיינע צווייגן—קנויליקע, ווערבעס-הערקוליסנס.

ער באַשאַפט דעם האָמאָ נאָוווּס — דער צוקונפט-מענטש וועט אַזוי לעבן: ציען זיך מיט געזאַנגען צו די הימלען פון לעבן.

ביים עתיד-מענטש וועלן זיין די הויפּט-יסודות: שכרות, תפילה, געזאַנג—און דאָס זעט זיך בשפע אין טאָפּל גרויסע מענטשן.

ער אַנטפּלעקט אונז דעם סוד פון דער גרויסער אָרגיע: פאַרגעסן אָן זיך.

ער פּליקט אַראָפּ די הימלען און דעקט מיט זיי אויס זיין ערד.

טאָפּל—דער דיכטער.
טאָפּל—דער פּאָעט.
טאָפּל—דער ריטמיקער.
טאָפּל—דער ליריקער.
ער באַשאַפט פאַר אונז דעם נייעם מענטשן.
ער זאָגט אָן אונז פון אַ נייע ערע.
ער שפּילט אונז זיין נייע סימפאָניע.
ער וועבט פאַר אונז זיינע פיינע נערוון-געוועבן.

2

לוי בערמאַן

„אין טיפֿע נעכט" הייסט זיין פּאָעמע, און זי איז ווירקלעך אַ טיפֿע נאַכט מיט פֿול מיליאָנען־אויסגעזועצטע שטערנדלעך.

אַ פּאָעמע פֿון קלוגע יונגקייט און פֿלאַנטערדיקע געוועבן.

אַ פּאָעמע פֿון ווילדעניש — אָבער אין עצם געבוי אירן ציען זיך גלייכע וועגן.

כאַאָס מיט דערלייטערונג—איינאיינעם.

טאָג און נאַכט.

ליכט—קלאָרע אויגן—איר, דער פּאָעמעס, ליכטיקער שיין—אָנגעטון אין גראָבע גלעזער.

אַ דימענט—אַן אומגעשליפֿענער—און אפשר איז דער ווערט פֿון דער גאַנצער פּאָעמע איר ווייך־מעכיקער באַוואַקסעניש פֿון פֿיל בוימער—זעט מען נישט דעם וואַלד.

פֿון פֿיל שטראַלן, לאָז זיין ווייכע, גראָע־ברוינע שטראַלן—זעט מען די זון.

און פֿאַרקערט, אין אַ געוועב, זעט מען נישט די פֿעדעם—און לוי בערמאַנס פּאָעמע איז אַ געוועב פֿאַרפֿלאָנטערדיקע זונען־פֿעדעם—אַ געוועב פֿון גראָבע וואָל.

3

קאָפּמאַן

מיין ליבער בנימין קאָפּמאַן:

געלייענט אייער „די רייד פון זינדיקן גלאַטיוס"און—איך בין נישט זינדיק געוואָרן.

טייערינקער, איר וועט מיר זיכער מוחל זיין פאַר דער מעשה, וואָס איך וויל אייך דערציילן און וואָס זי איז מיר געקומען אין זינען אריין, לעזנדיק אייער „גלאַטיוס".

די מעשה האָט מיר מיין טאַטע דערציילט: „כ'בין ביים גאָסטינינער צדיק. כ'דריי זיך אַרום אין בית־המדרש מיט אַלע יידן צוגלייך. צווישן עולם גייט אויף און אָפּ אַ קיר"השער ייד מיט באָרד און פיאות. און צווישן עולם גייט אַרום אַ געמורמל: אַן עסטרייכישער רבי.

צווישן עולם ווערט אַ געשטופּ—מען הייבט אָן אַריינצו־לאָזן צום רבין. און איך נעם זיך שטופּן נאָענט צום קיר"השן ייד—איך וויל וויסן, וואָס האָט דער ייד פאַר אַן ענין צום רבין—קוים זיך אַריינגעשטופּט צום רבין. דער ייד קומט פרי־ער אָן. יעצט ווייזט זיך אַרויס, דער ייד איז אַ מחבר: ער נעמט אַרויס פון בוזעם אַ ספר און דערלאַנגענדיק עס דעם רבין, זאָגט ער, ער וויל די הסכמה פון רבין. דער רבי כאַפּט אַ קוק אין ספר און ווענדט זיך צום ייד: „הערט ר' ייד, (דער גאָסטינינער צדיק האָט יעדן געזאָגט איר) כ'וועל אייך דערציילן אַ מעשה: מיין באָבע ע"ה האָט געהאַט אַ טעסטעליאַ־נע—האָט מען די אַלע מחברים געמעגט דאָרט אַריינשיקן — און פאָרט מיר לחיים ולשלום".—טייערינקער קאָפּמאַן, פאַרגיט.

XI.

ל. כאַנוקאָוו

„פרומע שעהן”, הייסט זיין בוך — און עס איז אַ כאָר
פון פרומע אַקאָרדן—און זיי ווירקן, ווי פון שטילע קלאַווישן
—די מוזיק: שטיל און טיף.

ווי אין פעלד אַ זומער־רעגן—גלאַטלעך און ליבלעך—אַזאַ
טעם האָבן ל. כאַנוקאָווס געזאַנגען—

זיי זענען אָנגעוואַרעמט פון דער זון—
זיי האָבן געוואַרעמט מיין בלוט.

זיי זענען קליינע, בלאַסע רויזן—אויף אַ באַרג־בייט בליי
כנדיק און זיי זעען זיך אָן.

און איך גיי מיט זיי אַרום אַריינגעשטעקט אין מיין
לאַץ—בפרהסיה.

די לופט און די געזאַנגען איז פון יונגן האַרבסט—זיל־
בעריק און טויאיק—און עס באַקומט זיך אַ בילד יונגע בלאַסע
רויזן אין זילבעריקער לופט.